STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03972

ELNTE UN FARSHTOYSENE

Mordecai Spector

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ספעקטאָר

עלנטע און פאַרשטויסענע

ר אָ מ אַ ן

פאַרלאַג „אחיספר"
ביי געז. „צענטראַל"
וואַרשע, נאָוואָליפקי 7.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2

Printed in Poland

Druk. Sikora i Milner Nowolipki 6.

ערשטער טייל

I

די אומגליקלעכע.

ביי ר׳ שמואל-בער אין שטוב זענען שוין אלע געשלאפן, נאר זיין טאכטער לאהניו, א מיידל פון א יאר ניינצן, האט זיך נאך גע-דרייט ביי זיך אין צימער, אלעמאל צוגעגאנגען און אוועקגעגאנגען פון פענסטער.

צום צענטן מאל האט זי ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון פענסטער.

— עס וועט אמאל אויפהערן צו גיין דער רעגן, צי ניין? — האט זי זיך אליין געפרעגט, קוקנדיק, ווי דער הימל איז פארכמארעט און אינדרויסן איז פינסטער.

זי האט נאך ווייטער אויסגעשטרעקט דעם קאפ, אזוי, אז זי איז כמעט מיט א האלבן קערפער געווען פון יענער זייט פענסטער און מיט דער אנדערער העלפט אין שטוב און האט גארנישט געפילט, ווי דער רעגן האט איר געפאטשט אין פנים. זי האט אלץ געריסן דעם קאפ ארויף צום הימל, געקוקט אויף אלע זייטן, אינמיטן, אין אין די עקן, טאמער וועט זי פארט דערזען כאטש א שטיקעלע לויטערן הימל, וועט זי נאך קענען האפן...

נאר זי האט פאר זיך גארנישט געזען. ס׳איז בלויז פינסטער און פינסטער אן אן עק... זי האט דערפילט, ווי די זייטן האבן איר שטארק אנגעהייבן ווייטצו טאן, הענגענדיק ווי א שטאנג איבערן פענסטער.

מיט גרויס מי איז זי פּאַוואָליע אַראָפּגעקראָכן און האָט זיך אָפּגערוט אויפן בענקל.

— וואָס האָב איך געטאָן? מעג איך זיך דען אַזוי בויגן? איך האָב גאָר פאַרגעסן און זיך פאַרטראַכט... איך פיל ווי עס טוט מיר וויער ווי פון דעם איינבויגן זיך.

עס איז איר עפּעס אויפגעקומען אויף די געדאַנקען און זי איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. דאָס פּנים איז איר געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט...

— אוי, גאָט, ווי אומגליקלעך איך בין! — האָט זי כּמעט אויסגע־שריען מיט אַ ביטערן טיפן זיפץ. — איז עס מעגלעך, אַז איך בין שוין פאַרפאַלן? איך האָב אַפילו קיין צייט נישט געהאַט זיך צו באַטראַכטן, אַלץ אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויף דעם אַנדערן, עס האָט זיך מיר אַלץ נישט געגלייבט! און איצטער איז שוין, דאַכט זיך, דער נייַנטער חודש. איך האָב זיך שוין היינט געוואָלט באַשליסן, איז דער וויסטער רעגן אָנגעפאַלן. ווער ווייסט, צי האָב איך שוין איצטער צייט אַפילו זיך צו באַדאַכטן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי, צו איר גרויס פרייד, דער־פילט, ווי עס האָט איר אויפגעהערט וויי צו טאָן. זי האָט אָנגעהייבן שפּאַנען איבער איר קליין צימער אַהער און אַהין.

— איך מוז, איך מוז היינט באַשליסן, טאַקע היינטיקע נאַכט מוז איך אַלץ באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טאָן, אַז מאָרגן זאָל איך שוין וויסן, ווו איך בין אין דער וועלט. מער וועל איך שוין נישט אָפּלייגן אַפילו נישט אויף קיין איין טאָג. היינט! נאָר היינטיקע נאַכט! קיינער שטערט מיר איצט נישט. אַלע שלאָפן. עס איז שטיל. איך קען טראַכטן.

און נאָך מיט גיכערע טריט האָט זי ווייטער אָנגעהייבן צו שפּאַנען פּלייסיק, ווי איינער, וואָס באַשליסט זיך צו טאָן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך.

שפּאַנענדיק נאָך עטלעכע מינוטן אַזוי פּלייסיק, איז זי פּלוצים געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ווי זי וואָלט צו דעם אָרט צוגע־וואַקסן געוואָרן און האָט זיך ביטער, שטיל צעוויינט.

— וואָס זאָל איך טראַכטן און וואָס האָב איך צו טראַכטן? איך טראַכט שוין אַזוי לאַנג, בין איך דען צו עפּעס געקומען מיט מיין טראַכטן? ניין, איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן און האָב מיך נישט

אויף וואָס צו באַשליסן. איך ווייס נאָר, אַז איך בין אומגליקלעך — דריי מאָל אומגליקלעך! איך בין אַ פאַרפאַלענע!.. איך האָב גע־רעכנט, אַז אין שטוב איז מיר ענג צו טראַכטן, וועל איך אַ ביסל גיין אין גאַס, טאָמער וועל איך דאָרט עפּעס קענען אויסטראַכטן — גייט גאָר אַ רעגן! טאָמער באַגעגנט מיך עמעצער אין אַזאַ וועטער ביינאַכט, וואָס וועט מען זאָגן? וואָס וועט מען מיינען?

— וואַרפן זיך אין טייך אַריין און אַ סוף! אָ, ניין, איך קען נישט! איך האָב נישט די כּוחות, איך קען נישט שטאַרבן, איך מוז לעבן צוליב אים, צוליב אים. ער לעבט דאָך, נאָר איך זאָל שטאַרבן, פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי? ניין, איך וועל בלייבן ביי מיינע עלטערן אין שטוב, לאָז זיין וואָס עס וועט זיין.

— וואָס זאָג איך, איז דאָס דען מעגלעך? איך וועל עס דען איבערלעבן? איך וועל זיך נאָר מוטשען, ווי אין אַ גיהנום, אויף דער וועלט. איך קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי שרעקלעך עס וועט מיט מיר פאָרקומען. אַך, ווען איך זאָל איצטער האָבן אַזאַ פריינט, אַז איך זאָל כאָטש קענען מיט אים איבעררעדן וועגן דעם! האָב איך דען נישט קיין פריינט? נאָר ווער ווייסט, וואָס עס קען זיך אויסלאָזן, ווען איך וועל זיי דערציילן. זאָל איך אפשר דערציילן מיינע עלטערן? וואָס מיט מיר וועט זיין, דאָס אַרט מיך שוין נישט, אָבער דאָס קינד! דאָס קינד איז אוודאי פאַרפאַלן. אָ, ניין, דאָס אומשולדיקע קינד וועל איך אומזיסט נישט אומברענגען!

זי האָט ווייטער שטיל געוויינט. פּלוצלונג האָט זי זיך אָבער אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ שרעקלעכן שלעכטן חלום.

— איך וועל גיין צו ר׳ אברהם זלמנס. איך קען אים גוט, כאָטש איך האָב מיט אים זעלטן גערעדט. נאָר ווו עס מאַכט זיך אַן אומגליק, אַהין קומט ער. ער איז אומעטום און איז ביי אונדז אויך געוועזן. איך בין איצטער אַן אומגליקלעכע, וועל איך גיין צו אים, ער גיט זיך אָפּ מיט אומגליקלעכע מענטשן. די גאַנצע שטאָט האָט דעם מענטשן ליב. וואָס ער וועט מיר זאָגן, וועל איך טאָן. אפילו ווען ער וועט מיר זאָגן, איך זאָל דאָס קינד אומברענגען, וועל איך אים אויך פאָלגן.

עס איז איר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה, ווען עס האָט זיך איר אָנגעהייבן פאָרצושטעלן זיין ליכטיק פּנים מיט זיין גרויער ווייסער באָרד און זיינע גוטע טרויעריקע אויגן. מיט זיין אַלטער ציטער־

דיקער האַנט האַלט ער זי ביי אירע הענט און הערט אַזוי געטריי אויס איר אומגליק, און פון זיין מויל גיסן זיך, ווי זיסער האָניק, גוטע ווערטער, גוטע עצות, וואָס טרייסטן זי אין אַלע אירע צרות און לייד.

— טאַקע באַלד וועל איך גיין צו אים, — האָט זי מיט פרייד געזאָגט און זיך עפּעס געפילט גליקלעך, וואָס פון אַזוי לאַנג טראַכטן איז איר אַזאַ גליקלעכער געדאַנק איינגעפאַלן. נאָר איצטער איז די בעסטע צייט צו גיין צו אים און רעדן מיט אים וועגן דעם; נאָר איצטער קען איך אים טרעפן אינדערהיים. עס איז אוודאי צוועלף דער זייגער. ער האָט שוין געמוזט קומען אַהיים. אַז נישט, וועל איך אויפוואַרטן, מער קען איך נישט אָפּלייגן. וואָס עס זאָל זיין, זאָל זיין! צו ר' אברהם זלמנס וועל איך גיין, פאַר אים וועל איך אַלץ דערציילן.

זי האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן דעם מאַנטל, אויפן מאַנטל דעם שאַל, נאָכדעם גענומען דעם שירעם און איז גאַנץ שטיל אַרויס פון שטוב.

אינדרויסן האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן אַ דראָבנער רעגן. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט, ווי איין שטיק, פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל, אויף דער גאַס האָט מען כמעט קיין לעבעדיקן מענטשן נישט געזען, נאָר די שטאָט-לאַמטערנעס האָבן מיט טונקל ליכט באַלויכטן די גרויסע גאַס.

דערציטערט איז זי געוואָרן, ווען פון דער גרויסער גאַס האָט זי זיך באַדאַרפט פאַרקערעווען אין די זייטיקע געסלעך, וווּ קיין לאַמטערנעס לייכטן נישט און אין אַלע הייזער איז שוין פינסטער. אָבער מיט פאַרביסענע ליפּן האָט זי זיך געשטאַרקט און איז געגאַנגען ווייטער, צוהאַלטנדיק זיך אַלעמאָל מיט די הענט ביי די פאַרקאַנעס, פלויטן און ביי די נאַסע ווענט און רינעס פון די הייזער.

נאָכמער איז זי דערשראָקן געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף איבערגיין כמעט די גאַנצע „טויטע גאַס". ר' אברהם זלמנס שטוב איז אין עק גאַס. אָבער פאַר דער „טויטער גאַס" אינדערפינסטער האָט זי זיך שוין נישט געשראָקן. זי איז שוין מיט דער פינסטערניש געוויינט געוואָרן... אָבער אויף דערדאָזיקער גאַס דרייען זיך שטענדיק אַרום אַלערליי שיכורים, גנבים, בעטלער און נאָך אַזוינע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אומגליקלעכע מענטשן. איבערצוגיין די

גאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט איז באמת געווען אַ גרויסע געפאַר, בפרט נאָך פאַר אַ פריילן. אָבער אונדזער אומגליקלעכע האָט נישט געשוינט איר לעבן און איז געגאַנגען ווייטער.

ווען זי איז געגאַנגען איבער דער „טויטער גאַס", האָט זי גע־דאַנקט גאָט, וואָס עס איז אַזוי שטאַרק פינסטער, וואָרים די שיכּורים, וואָס זענען דורכגעגאַנגען, האָבן זי אינדערפינסטער נישט געקאָנט זען. און טאָמער האָט זי דערהערט טריט אָדער אַ קול פון איינעם, האָט זי זיך איבער די פּלויטן אויסגעצויגן, שטייענדיק, און איבערגעוואַרט, אַז יענער זאָל זי נישט באַמערקן. און נאָכדעם איז זי זיך געגאַנגען ווייטער.

הענט און פיס האָבן אין איר אָנגעהייבן צו ציטערן, ווען זי איז געגאַנגען איבערן „טויטן בריקל".

ווי שרעקלעך דאָס „טויטע בריקל" איז פאַר יעדן לעבעדיקן מענטשן, ווען די לעזער זיך דערוויסן פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

ווען זי איז בשלום איבערגעגאַנגען דאָס „טויטע בריקל" און האָט זיך גענומען אין דער זייט, אין זייער אַ שמאָל קליין בלאָטיק געסל, האָט זי פּלוצים דערזען פונווייטן איינעם גיין מיט אַ לאַמ־טערנע. תּחילת האָט זי זיך דערשראָקן און נישט געוווּסט, ווער עס גייט, אָבער אַ שיכּור האָט זיך אָנבאַגעגנט מיט דעם פון דער לאַמ־טערנע און עפּעס געזאָגט אויף גויִש.

זי האָט זיך אויסגעצויגן איבער אַ פּלויט, זיי איבערצוּוואַרטן און דערווייל געהערט, ווי דער שיכּור האָט גערעדט צו דעם מיט דער לאַמטערנע:

— אַ גוטן אָוונט, אונדזער אַלטיטשקן גוטן זאַלמינע! (די גויִם פון דער טויטער גאַס פלעגן איהם נאָר רופן מיט דעמדאָזיקן נאָמען).

— אַ גוטער אָוונט זאָל דיר אויך זיין, מיכיילע! — האָט ר' זלמן געענטפערט. -- ווידער זע איך דיך שיכּור.

— וואָס זאָל איך טאָן, פאַניע זאַלמינע! איך גיי אַזוי פאַרנאַכט אין מאַרק, זע איך ווי אַ פויער האָט עפּעס פאַרגעסן אַ פולע טאָרבע אויף דעם וואָגן, לעבן זיין ווייב. האָב איך זיך געטראַכט, וואָס דאַרף ליגן אַזוי די טאָרבע? בין איך אַרונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן און האָב אַראָפּגעשלעפּט די טאָרבע; האָט זי אָבער דערזען, האָט מען מיך געכאַפּט און אריינגעלייגט אין מיר בייטשן, וויפל טרונק בראָנפן איך האָב היינט יאָר אויסגעטרונקען. נו, בין איך פאַר צוֹות גע־

גאַנגען צו מורליקען און האָב איבערגעלאָזט דאָס פעלצל און אַ־צמער שפאַן איך זיך... טריי־ליי־ליי, טריי־ליי־ליי!..

און מיכאַלקע האָט אָנגעהייבן צו זינגען און שפאַנען אַרום ר' זלמנען.

ר' זלמן האָט געגעבן אַ קרעכץ אויף דעם אומגליקלעכן מענטשן און געוואָלט ווייטער גיין, נאָר מיכאַלקע האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אָנגעהייבן זיי צו קושן און צו וויינען און זינגען צוזאַמען.

— זענט מוחל, — האָט ער זיך געבעטן, — איך בין שולדיק, איך האָט מיר געגעבן אַרבעט ביי אייער זשידקע און וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך מער פאַרשיכּורט, האָט מען מיך אַוועקגעטריבן. מיכאַלקע האָט טאַקע פאַרדינט, מען זאָל אים מער נישט געבן קיין אַרבעט, — האָט ער זיך אָנגעהייבן שווערן מיט אַלע שבועות. — ניין, זאַלמינע! מיכאַלקע האָט געטרונקען און וועט טרינקען, נאָר דערפאַר האָט ער ליב זאַלמינען — זאַלמינע איז אַ גוטער מענטש.

— הער נאָר אויף צו גנבענען און וויל אַרבעטן, וועסטו שטענדיק האָבן אַרבעט, — האָט אים דער אַלטער זלמן געמוסרט, און מיכאַלקע האָט אים נאָכאַמאָל געקושט די האַנט.

ר' זאַלמינע האָט זיי קוים אויסגעריסן. מיכאַלקע איז ווייטער מיט געזאַנג אַוועק צו ראָכלי מורליקע, וואָס האָט אויף דער „טויטער גאַס" געהאַלטן די איינציקע באַרימטע שענק מיטן נאָמען „ראַבע מורליטשקע".

ר' זלמן האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז ווייטער געגאַנגען.

דאָס מיידל ז.האָט זיך אָפּגערוקט פון פאַרקאָן, איז אים גאַנץ שטיל, טריט ביי טריט, ווי אַ שאָטן, נאָכגעגאַנגען, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל זי נישט באַמערקן.

זי האָט זיך געפילט אַ סך גרינגער, ווען זי האָט נאָכגעשפּאַנט אויף די ליכטיקע פאַסן, וואָס האָבן אָפּגעשיינט פון ר' זלמנס לאַמטערנע.

II

ר׳ אברהם זאַלמינע.

אין דער גאַנצער שטאָט ר... ווי אונדזער דערציילונג קומט פאָר, איז נישט געווען איינער, וואָס זאָל ר׳ זלמינען נישט קענען, אָדער כאָטש הערן וועגן איִם.

ווי ר׳ זלמינע האָט געוווינט און פון וואָס ער האָט געלעבט, האָבן נישט אַלע געוווּסט. ווען מען האָט אים באַדאַרפט האָבן, איז מען פריער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס פרעגן, צי האָט אים עמעצער נישט באַגעגנט, און על־פי־רוב פלעגט מען אים טאַקע גע־פינען אין גאַס, אַרומשפּאַנענדיק צווישן די געוועלבער מיט זיין פושקע און מיט אַ טאַרבע אויף די פּלייצעס, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, וועלכער איז געווען העכער פון אים; האָט מען אים אין גאַס נישט געפונען, איז מען געגאַנגען גלייך אין אַלטן בית המדרש און מען האָט געקענט זיין זיכער, אַז דאָרטן, אונטער דער הרובע, וועט מען געוויס אים טרעפן זיצן לעבן אַ ספר, ווי ער לערנט מיט אַ שטילן טרויעריקן ניגון.

ווען מען האָט אָבער ר׳ זלמינען באַדאַרפט נאָך צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען ער איז שוין פון בית המדרש אַוועקגעגאַנגען אַהיים, האָט מען פונדעסטוועגן געמוזט פריער אַריינגיין אין בית המדרש אויפוועקן דעם שמש און פרעגן, ווו וווינט ר׳ זלמינע. האָט מען אים גערופן צו אַ גביר, פלעגט דער שמש אויפשטיין, נעמען זיין לאַמטערנע מיט אַ גראָבן שטעקן און גיין אים רופן; האָט מען אים אָבער גערופן צו אַן אָרעמאַן, פלעגט דער שמש נאָר אויסרייבן די אויגן און פאַרשלאָפענערהייט ענטפערן:

— גייט, זייט מוחל, אויף דער טויטער גאַס, אין עק באַרג, ווו מען לאָזט זיך אַראָפּ פון דעם „טויטן בריקל״, נישט ווייט פון לייזער דעם גרעבערס שטוב, טאַקע אונטער איין דאַך, ווו די

ראַבע מורליטשקע געפינט זין, אָבער נישט פון פאָרנט, נאָר פון הינטן. גייט נישט אַליין, נעמט מיט אַ לאַמטערנע מיט אַ שטעקן...

און מיט גרויס פחד און מי איז מען געגאַנגען אויף דער טויטער גאַס איבער דעם „טויטן בריקל", אראָפּ באַרג און אַזוי לאַנג געזוכט צווישן די פיל טירן פון דער ראַבער מורליטשקע, ביז מען האָט געפונען ר' זלמינס טיר.

איך וועט געוויס וווּנדערן, ווער און צוואָס האָט מען באַדאַרפט האָבן אַזאַ מין מענטשן, ווי ר' זלמינע, בפרט נאָך אין אַזאַ צייט, ווי נאָך צוועלף אַ זייגער ביינאַכט און נישט געזשאַלעוועט קיין מי אים צו זוכן איבער דער טויטער גאַס? מוז איך אייך דערציילן, אַז אין אַלע צייטן האָבן אַלע באַדאַרפט אָנקומען צו ר' זלמינען און ער איז צו אַלע געגאַנגען. עס האָט געמעגט אפילו זיין שפּעט ביי־נאַכט אין גרעסטן רעגן און גרעסטן שניי.

די ר—ער איינוווינער זענען שוין פון תמיד אָן אַזוי איינגע־וויינט געוואָרן מיט ר' זלמינען, ווי מיט אַ גוטן היימישן מענטשן, ווי מיט אַ געטרייעם פאָטער, און וואָס פאַר אַ צופאַל עס איז פאָר־געקומען ביי יעדן אין זיין לעבן, ווי, למשל, אַ חתונה, אַ קנסמאָל, אַ בר מצוה, אַ ברית, אָדער אַזוי אַ שמחה; אַ חולה, א מת, מאַן און ווייב האָבן זיך פלוצים צעפּאַטשט, אַ שוויגער מיט אַ נייער שנור אָדער מיט דעם נייעם איידעם האָבן זיך אָנגעהייבן צו רייסן ביי די שלייערס; אַ קינפּעטאָרין, אָדער עפּעס אַזוי אַן אומגליק אָדער אַ פרייד אין שטאָט און נאָך און נאָך אַזוינע צופאַלן צווישן כלל און פרט, — האָט מען באַלד געשיקט נאָך ר' זלמינען און מיט זיין קומען פלעגט אַלץ ווערן רעכט. אַלע זענען געווען צופרידן. די שמחה פלעגט ער משמח זיין, דעם חולה טרייסטן, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן, די אבלים פון דעם מת אויסרעדן זייערע שווערע ביטערע הערצער, צווישן מאַן און ווייב, שוויגער און איידעמס שלום מאַכן א. אַז. וו.

צו די אַלע צופאַלן פלעגט ר' זלמינע אַליין קומען, ווי פון אונטער דער ערד. ער פלעגט די מינוט אויסוואַקסן דאָרט, ווו מען האָט אים באַדאַרפט האָבן, און אַז ער האָט נישט געוווּסט, האָט מען אים געשיקט רופן, און ר' זלמינע פלעגט לויפן פאַרסאַפּעט, פונקט ווי אין די אַלע זאַכן איז באַשטאַנען זיין גאַנץ לעבן.

אָט, אַ שטייגער, אויף אַ חתונה.

אין דעם טאָג, טיילט דער בעל־שמחה צדקה מיט אַן אָפּענער בריי̈טער האַנט, חוצדעם מאַכט מען אויך אַ סעודה פאַר אָרעמע־לייט, נאָר דאָס איז שוין געווענדט, „ווי ביי וועמען". דער גביר מאַכט אַ סעודה פאַר אַלע אָרעמעלייט. ווער עס איז הונגעריק, מעג קומען עסן, אויף אַ גבירישער סעודה ברענגען די אָרעמע ווייבער מיט אפילו זייערע קינדער אויף די הענט, „זיי זאָלן אויך כאָטש אַמאָל אין יאָר פאַרזוכן דעם טעם פון אַ גוטער יויך מיט אַ פעט שטיקל פלייש". און יעדער גייט אַוועק זאַט און נאָך מיט עטלעכע גראָשן אין קעשענע אויך. דער מיטלער באַלעבאָס מאַכט אַ סעודה פאַר אַ געוויסער צאָל אָרעמעלייט, און דער אָרעמער באַ־לעבאָס מאַכט אפילו אַ סעודה פאַר צען מקבלים וועגן. „לאָזן אויך מיין שמחה זיך פרייען מיט מיר כאָטש צען אָרעמעלייט" — זאָגט דער אָרעמער יוד.

אָט די סעודות גיבן די ר—ער יידן איבער אונטער ר' זלמינעס האַנט. ער גיט אַכטונג, אַז קיין אָרעמאַן זאָל נישט אַוועקגיין הונ־געריק. אים גיט מען איבער דאָס געלט, ער זאָל צעטיילן, וויפל יעדן איינעם קומט, אַז קיין אָרעמאַן זאָל, חלילה, פון דער יידישער שמחה נישט אַוועקגיין פאַרשעמט. ר' זלמינע האָט שוין פאַרשטאַנען יעדן אָרעמאַן צופרידנצושטעלן, וויל ווער האָט נאָך אַזוי גוט געקענט די ר—ער אָרעמעלייט און זייער טרויעריק לעבן?

מיט דעם גאַנצן טיש אָרעמעלייט האָט ר' זלמינע געפירט ווי אַ באַלעבאָס, ווי דער בעל שמחה אַליין, און ער איז בעת מעשה געווען אַזוי פריילעך, פונקט ווי ער מאַכט חתונה זיין אייגן קינד. נאָך דער שמחה מאַכט ר' זלמינע אַ ראָד פון אָרעמעלייט. ער הייסט די קלעזמער שפילן „אויף ר' זלמינעס חשבון" און צוזאַמען מיט דעם בעל שמחה און מיט די פאַרנעמסטע מחותנים דרייט ער זיך אַריין אין ראָד צווישן די אָרעמעלייט און אַלע יידן טאַנצן. ר' זלמינע, ווי אַלט ער איז, הערט דעמאָלט נישט אויף צו שרייען און צו זינגען:

— לאָמיר שרייען, לאָמיר זינגען, וואָס מיר זענען יידן! לאָמיר טאַנצן, לאָמיר זיין פריילעך! וואָרים מיר, יידן, זענען אַלע גלייך, נישטאָ אָרעם, נישטאָ רייך.

און ר' זלמינע פלעגט אַזוי ווערן פריילעך, אַז טרערן פלעגן זיך אים שטעלן אין די אויגן, און ער פלעגט אַרומכאַפּן די אָרעמע־לייט און זיך קושן מיט זיי, און טאַקע ווייטער נישט אויפהערן צו

זינגען און שרייען: „אפילו אָרעמעלייט לאָמיר זיין, נאָר אַבי יידן! אַלץ, וואָס יידיש, איז שיין און שענער, ווי אַלץ. אפילו אַ יידישע שמחה איז שענער! שפּילט זשע, קלעזמער, שטאַרקער און שטאַרקער, יידיש, יידיש אויף ר׳ זלמינעס חשבון! נישקשה, — ר׳ זלמינע איז אַן אָרעמאַן, נאָר ער וועט אייך באַצאָלן! ר׳ זלמינע איז אַ ייד — ר׳ זלמינע איז רייך. שפּילט זשע, קלעזמער, יידיש, זינגט זשע, יידן!...״

יעדער בעל שמחה האָט זיך געפּילט גליקלעך, ווען ר׳ זלמינע איז געוועזן אויף זיין שמחה. וואָרים ר׳ זלמינע פלעגט פרייליך מאַכן די שמחה, ווי יידן שטייט אָן, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָן ר׳ זלמינען קען גאָר קיין יידישע שמחה נישט זיין, אָן ר׳ זלמינען וואָלט געוועזן אַ פאַרשטערטע חתונה.

גאַנץ אָפט פלעגט זיך מאַכן, אַז אין דער צייט, ווען ר׳ זלמינע האָט זיך אַזוי משמח געוועזן אויף אַ גבירישער יידישער חתונה, מיט די אָרעמעלייט און מיט די מחותנים געטאַנצט און געזונגען פאַר גרויס שמחה, פלעגט פלוצלונג אריין דער שמש פון דעם גרויסן בית המדרש, אָדער אַזוי איינער מיט אַ לאַמטערנע און מיט אַ בולווע און שטיל פרעגן, צי דאָ געפינט זיך נישט ר׳ זלמינע.

ווען ר׳ זלמינע האָט נאָר דערהערט, ווי מען פרעגט אויף אים, האָט ער שוין געוווּסט, צו וואָס מען רופט אים. ער פלעגט אפילו נישט ענטפערן, נאָר באַלד כאַפּן זיין שטעקן מיט זיין לאַמטערנע, זאָגן דעם גאַנצן עולם אַ גוטן תמיד, „פרייט זיך געזונטער-הייט, לאָמיר נאָר דערלעבן אַ סך שמחות און ישועות מיט נחמות אויף כל ישראל״, און ווי אַ שטורמווינט פאַרשווינדן מיט דעם, וואָס האָט אים גערופן.

— משיחן זאָלט איר דערלעבן, ר׳ זלמינע, וואָס איר זענט גע-קומען! אַ גרויס אומגליק איז אונדז געשען! — זענען אים אויף דעם אָרט, ווו מען האָט אים גערופן, באַפאַלן אַ מוטער מיט קינדער. — אונדזער טאַטע, מיין מאַן, איז פלוצלונג שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. אַלע דאָקטוירים זאָגן זיך אָפּ, אונדזער איינציקע האָפענונג איז נאָר אויף אייך, ר׳ זלמינע... אָט זעט, ווי ער ליגט, עס איז אים גאָר-נישט צו דערקענען... אוי, גאָט! אַ גרויס אומגליק איז אונדז גע-שען... וואָס וועלן מיינע קינדער, מיר אַלע, טאָן אָן אים? ר׳ זלמינע, פרייער גאָט און דערנאָך דורך אייך — ראַטעוועט אונדז! — האָבן די

אומגליקלעכע נישט אויפגעהערט צו שרייען און יאָמערן איבער ר׳ זלמי־נען, אַז ר׳ זלמינע פלעגט אין אָנהייב בלייבן שטיין פאַרדולט.

— וואָסווילט איר? וואָס וויינט איר?—פלעגט ער אָנהייבן אויף זיי צו שרייען.—מיט אייער וויינען קענט איר אַפילו אַ געזונטן קראַנק מאַכן. איר זעט נישט, ווי איר פאַרדולט דעם קראַנקן דעם קאָפּ? גייט אייך אַלע אַרויס פונדאַנען. לאָזט אים זיך אָפּרוען, איך וועל דאָ בלייבן מיט אים.

אַלע האָבן די מינוט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן און זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב מיט דער גוטער האָפענונג, אַז ר׳ זלמינע וועט זיין דער גוטער „שליח״, וואָס וועט ברענגען די רפואה שלמה.

ר׳ זלמינע פלעגט זיך זעצןביים חולה אויפן בעט; אין שטוב איז דערווייל געוועזן שטיל, דער חולה האָט זיך באַרויִקט, געעפנט די אויגן און ר׳ זלמינע האָט אויגנבליקלעך געמאַכט זיין שטענדיק גוט זיס פריילעך פנים.

ר׳ זלמינעס באַקאַנט געזיכט איז געוועזן גענוג, אַז ער זאָל אויף יעדן חולה גוט ווירקן. שטענדיק האָבן אים די קראַנקע געזאָגט:

— זייער גוט, ר׳ זלמינע, וואָס איר זענט דאָ. גייט נישט אַוועק פון מיר. עס איז מיר גרינגער מיט אייך...

און ער פלעגט בלייבן, ביז דער חולה איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

— אַ דאַנק גאָט, זייט רויִק, עס איז אים גאָט צו דאַנקען בעסער... לאָז נאָר זיין שטיל, ער איז אַ ביסל רויִק אַנטשלאָפן געוואָרן. לאָז נאָר איינער פון אייך אַריינגיין, נישט וויינען, נאָר וואַרטן ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן, זאָלט איר אים זאָגן, אַז איך וועל באַלד קומען, איר מעגט אים צולייגן אַ נאַס טיכל צום קאָפּ, ווען עס וועט אים זיין הייס, און אַז ער וועט בעטן אַ ביסל יויך, מעגט איר אים אויך געבן. ווייטער דאַרף מען גאָרנישט. איך האָף, אַז עס וועט גאָרנישט זיין, עס וועט אים איבערגיין. איר זאָלט זיך גאָרנישט שרעקן. אַז איך וועל קומען, וועל איך זען, אפשר וועט נישט שאַטן צו רופן נאָכאַמאָל דעם דאָקטאָר. דער־ווייל גיט אים איין, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן, און ווייטער גאָרנישט. מיט גאָטס הילף וועט עס אים איבערגיין!

און די מוטער מיט די קינדער קוקן גלייך ר׳ זלמינען אין מויל אַריין, ווי אַ גוטן דאָקטאָר. זיי האָבן אמונה אין זיין יעדי־

וואָרט און דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס עס איז אים גרינגער געוואָרן, און האָבן גוטע האָפענונג אין ר׳ זלמינעס ווערטער, אַז „באַלד וועט מיט גאָטס הילף אינגאַנצן איבערגיין״. אַלע פרייען זיך און זענען פּינקטלעך מקיים, ווי ר׳ זלמינע האָט געהייסן.

ר׳ זלמינע אַליין פליט פון דעם חולה באַלד אַוועק אין בית המדרש און נעמט צונויף צען מקבלים אָדער צען יידן, און מיט טרערן אין די אויגן זעצט ער זיך זאָגן די געוויסע קאַפּיטלעך תהלים וועגן אַ חולה, אַז גאָט, ברוך הוא, זאָל אים גיך און באַלד צושיקן די רפואה שלמה.

מיט אַ נאַס טיכל צום קאָפּ, מיט אַ ביסעלע יויך, מיט הייסן פּינקטלעך איינגעבן די רפואות, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן, מיט נישט וויינען און פילדערן פאַר דעם חולה און מיט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים זאָגן, פלעגט ר׳ זלמינע היילן זיינע קראַנקע!...

ר׳ זלמינעס רעצעפּטן, וואָס איך האָב נאָר וואָס דאָ אויסגערעכנט, צוזאַמען מיט זיין טרייסטן דעם חולה און דאָס הויזגעזינט, זיין זיס מויל, זיין ליכטיק געזיכט פלעגן אַזוי ווירקן אויף די חולאים, אַז דאָס רוב פלעגן זיי טאַקע גיך געזונט ווערן.

ווי אָפט האָט מען אים פון תהלים-זאָגן אַוועקגערופן מיט אַזאַ געוואַלד:

— דערבאַרעמט זיך אויף מיר, ר׳ זלמינע! — האָט געשריען אַן אָרעמע אלמנה. — איך קענט זי, מיין טאָכטער, זאָל לעבן, איר ווייסט דאָך, וויפל צרות איך האָב איבערגעטראָגן, איידער איך האָב מיט איר אַ שידוך געטאָן. איך האָב פון זיך פאַרזעצט דאָס לעצטע העמד און האָב איינגעלייגט פּופציק רובל נדן. היינט האָב איך זי געמוזט עפּעס אויסקליידן צו דער חתונה, און האָב שוין, געלויבט זיין נאָמען, דערלעבט די חתונה... פון דעם לעצטן געבאַקן לעקעך, געקאָכט אַ חופּה-וועטשערע... די מחותנים זענען שוין געקומען, די קלעזמער אויך, און איצט האָט זיך דער חתן איינגעשפּאַרט, ער וויל נישט גיין, כּל זמן מען וועט אים נישט קויפן אַ נייעם טלית!.. געוואַלד, ר׳ זלמינע! ווו זאָל איך נעמען? אַז איך האָב פאַרט נישט, כאָטש קוילעט מיך פאַר אַ גראָשן! וואָס איך וויין פאַר אים, העלפט עס נישט! ער טענהט, אַז איך האָב אים צוגעזאָגט אַ נייעם טלית; גלויבט מיר, ר׳ זלמינע, אַז עס וואָלט מיך שוין גאָרנישט געאַרט, עס זאָל ווערן אויס שידוך. מילא, וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב פאַרט נישט,

זאָל איך זיך צערייסן? וועט מיין טאָכטער זיצן נאָך איין יאָר! די קליידער, וואָס איך האָב איר געמאַכט, וועלן אויך קאַליע ווערן, אויך די פופציק רובל וועט נאָך אָנוואַקסן פּראָצענט... אַ גרויס אומגליק האָט מיך געטראָפן! דער לעקעך, וואָס קאָסט מיר אפשר פינף רובל, איז שוין לאַנג אָפּגעבאַקן און די וועטשערע, וואָס קאָסט מיך אַוודאי פופצן רובל, איז שוין לאַנג אָפּגעקאָכט און אָפּגעבראָטן... ר' זלמינע! האָט גאָט אין האַרץ, דערבאַרעמט זיך אויף אַן אָרעמער אלמנה. ווען איר וועט מיר נישט העלפן, וועל איך מוזן אַרויסוואַרפן די גאַנצע וועטשערע און דער לעקעך וועט פאַרדאָרבן ווערן.

און ר' זלמינע פלעגט אָוועקוואַרפן די תהלים-זאָגערס מיט די ווערטער:

— זאָגט, יידן, תהלים און בעט גאָט, אַז דער חולה זאָל מאריך ימים זיין, וואָרים ער איז אַ טאַטע פון קינדער.

און פלעגט אָוועקלויפן צו דער אלמנה אויף דער אָרעמער חתונה.

דאָרט, ביי דער אלמנה אין שטוב, איז אַ ליאַרם מיט אַ גע-פילדער. די כלה זיצט צעפלאָכטן די צעפּ און וויינט ביטער. די ווייבער שרייען, אַז עס איז אַ חילול השם, אַ כלה זאָל האָבן אַזויפיל בזיונות, און שרייען אויף זייערע מאַנען, זיי זאָלן זיך אַריינמישן. אָבער דער חתן טענהט אין איין קול, אַז ער איז גערעכט: „איך בין נישט קיין פּיצעלע קינד, מען זאָל מיך אָפּנאַרן... מען האָט מיר צו-געזאָגט אַ טלית, דאַרף מען מיר געבן אַ טלית, אַז נישט גיי איך נישט...”

— סטייטש, זי האָט אָבער פאָרט נישט! גאָט וועט איר העלפן, נאָך דער חתונה וועט זי דיר אָפּקויפן, — מישן זיך אַריין די באַלע-באַטים...

— איך ווייס שוין, ווי אַזוי מען איז מקיים נאָך דער חתונה. דערנאָך איז פאַרפאַלן, און אַז מען וועט מיר איצטער נישט געבן, ריר איך זיך פון אָרט נישט...

— וואָס הייסט? ווילסטו, אַז די חתונה זאָל ווערן אויס חתונה? — רופט זיך אָן אַ מחותנתטע.

— פון מייַנעטוועגן מעג זיין אויס חתונה... וואָס איז? איך וועל אפשר נישט קריגן קיין כלה אין ר'...? צען פאַר איינער, איך זאָל נאָר אַזויפיל ווען.

— עס פֿאַרשטייט זיך! דיך אַרט נישט, וואָס עס וועט ווערן אויס חתונה, וואָס ווערסטו דאָ אָן? קיין געלט קאָסט דיך נישט די חתונה, דער אלמנה קאָסט די חופּה-וועטשערע מיט דעם לעקעך אפשר צוואַנציק קערבלעך... קער איר אום פּאַר דעם, וואָס די וועטשערע קאָסט, וועט איר אויך נישט אַרן. חתנים זענען, ב״ה, אויך דאָ אין ר׳...

— אומקערן זאָל איך איר? פֿאַרוואָס קומט עס איר? איך האָב איר דען געהייסן קאָכן אַ חופּה-וועטשערע אָן אַ טלית? פֿונמיינעטוועגן מעג זי אַרויסגיסן די וועטשערע, אַרט מיך אויך נישט...

אַ וואָרט פּאַר אַ וואָרט און די מחותנים (חתנס צד מיט כּלהס צד) צעקריגן זיך שטאַרק. די כּלה וויינט נאָכמער, די ווייבער, וואָס שטייען אַרום איר, הערן נישט אויף צו שרייען, אַז עס איז אַ חילול השם, די קלעזמער שטייען מיט די סמיטשיקעס, די סאַרווערין פֿאַר-קאַטשעט די אַרבל, מיט איין וואָרט, אָנשטאָט חתונה, איז יום-כּפּור.

און אָט מיט ר׳ זלמינעס קומען ווערט צווישן. אַלע איין געשריי: „שאַט, שאַט!״ ר׳ זלמינע שטופּט זיך דורך נענטער צום חתן.

— זייער גוט, וואָס איר זענט געקומען, ר׳ זלמינע, — רופט זיך אָן דער חתן, — אייך טאַקע וויל איך פֿרעגן (איר זענט דאָך טאַקע אַן ערלעכער ייד), איז דאָס אַ יושר, פֿרעג איך אייך, אַז בעתן תּנאים שרייבן האָט זי זיך בפירוש מחייב געווען צו געבן, חוץ פופציק קערבלעך נדן, אויך אַ סאַמעטענעם מאַנטל אויף וואַטע. צוויי וואָלענע קליידער, חוץ איין שבתדיקס, אָן איבערבעט מיט צוויי קישנס, אַ פּיקענע קאָלדרע, דריי ציצ׳ענע קליידלעך, חוץ איין וואָכעדיקס, דריי חדשים קעסט און נאָך קל׳ניקייטן... זי האָט זיך, זאָג איך אייך בפירוש מחייב געווען פֿאַר אַ המון רבים, אַז צום טאָג פֿאַר דער חופּה דאַרף זי מיר געבן אַ נ׳יעם טלית. פֿרעג איך אייך, ר׳ זלמינע, צי איז דאָס אַ יושר? איר זענט דאָך אַן ערלעכער ייד, זאָגט אַליין?

— ביזט אַוודאי גערעכט, מיין קינד, אָפּנאַרן טאָר מען נישט. און וואָס אַ ייד איז זיך מתחייב, דאַרף ער מקיים זיין... נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז זי האָט פֿאַרט נישט? גאָט וועט איר מוזן מוחל זיין און דו דאַרפסט איבער אַזוינע זאַכן נישט פֿאַרשטערן קיין חתונה, וואָרים יעדער שידוך איז אַ זיווג מן השמים. הײַנט דאַרפסטו וויסן, אַז דו האָסט זיך אויסגעקליבן אַ כּלה, ווי דיר געפעלט, דאַרפסטו זיך נישט קריגן איבער אַזוינע זאַכן, פֿאַרגעס נישט, אַז דו דאַרפסט אָפּלעבן מיט איר אַ גאַנצע וועלט... אונדזערע חכמים זאָגן אויך אַזוי...

און כּדי דער חתן זאָל גלויבן, אַז מיט דעם ווייב דאַרף מען אָפּלעבן די גאַנצע וועלט, זיך נישט קריגן, וואָרים עס איז אַ זיווג מן השמים, האָט ר׳ זלמינע אים אויסגעדרונגען פון אַ סך ערטער פון דער תורה, פון דער גמרא און נאָך אַנדערע ספרים.

— און דערום, — ענדיקט ר׳ זלמינע זיין מוסר זאָגן, — דאַרפסטו זיך נישט שטעלן איבער אַזוינע זאַכן, און באַלד גיין למזל אין אַ גוטער שעה צו דער חופּה, און גאָט זאָל אייך העלפן, איר זאָלט האָבן אַ גליקלעך לעבן! און וועגן אַ טלית איז נישטאָ וואָס צו טענהן, כאָטש דו ביזט גערעכט. אַ ייד דאַוונט נישט אָן קיין טלית, גאָט וועט איר העלפן שפּעטער, וועט זי דיר אָפּקויפן אַ נייעם טלית.

— איך פאָלג אייך, ר׳ זלמינע, און זאָג בפירוש צו, אַז ווען גאָט וועט מיר העלפן! — שרייט די אלמנה.

דעם חתן האָט שטאַרק אָנגענומען ביים האַרצן ר׳ זלמינעס ווערטער, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— נאָר אַז איר זאָגט יאָ אַזוי, ר׳ זלמינע, פאָלג איך אייך, נאָר איר, ר׳ זלמינע, זאָלט מיר ערוב זיין פאַר דער מחותנתטע, אַז נאָך דער חתונה זאָל מען מיר קויפן אַ נייעם טלית.

ר׳ זלמינע זאָגט צו.

אין דער מינוט ווערט ביי דער אָרעמער אלמנה אין שטוב אַן איבערקערעניש: די קלעזמער הייבן אָן פריילעך צו שפּילן, די מחותנים הערן זיך אויף צו קריגן און גיבן זיך פריינטלעך איינער דעם אַנדערן מזל טוב, די כּלה ווישט אויס די אויגן, די ווייבער האָבן איר אָנגעהייבן אויסצורעדן דאָס האַרץ:

— מסתמא איז דיר געווען עפּעס באַשערט, וועט דאָס זיין אַן אָפּקומעניש פאַר דיינע אַלע זינד... דערפאַר וועט דיר גאָט העלפן, אַז דו וועסט האָבן אַ ליכטיקע וועלט! ביי יידן איז שוין אַזוי: ווו אַ חתונה, מוזן זיך די מחותנים פריער צעקריגן... דאָס איז אַלץ פאַר אונדזערע זינד!...

דער חתן גייט באַדעקן די כּלה, די קלעזמער הייבן נאָך אָן שטאַרקער צו שפּילן און מען גייט צו דער חופּה...

פון דער חופּה גייט מען מיט גרויס פּאַראַד. דער חתן מיט דער כּלה האַלטן זיך מיט די מינדעסטע פינגער... מחותנים טאַנצן פריער, חתן-כּלה זעצט מען אויבן אָן. זיי קוקן זיך אָן און קוועלן גאָר.

ר׳ זלמינע געפינט זיך אוודאי אויף דער אָרעמער חתונה און מאַכט פריילעך די מחותנים מיט זיין שרייען: „שפּילט צו, קלעזמער, אויף ר׳ זלמינעס חשבון!״ און די קלעזמער שפּילן, דער גאַנצער עולם טאַנצט, די אַלמנה, די מחותנתטע, איז גאָר פריילעך און דאַנקט און לויבט אַלעמאָל דעם גרויסן גאָט, וואָס זי האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן איר טאָכטער.

אַזוי הוליען אַלע אָפּ ביז אין ווייסן טאָג.

און דעם נייעם טלית האָט טאַקע די מחותנתטע נישט אָפּגעגעבן, אַזוי ווי אַלע מחותנים, וואָס זאָגן צו „נאָך דער חתונה״. נאָר ר׳ זלמינע ברענגט אַ נייעם טלית.

אויף אַזוינע זאַכן האָט ער נישט גענומען פון די נדבות, וואָס ער פלעגט אַרומגיין אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק מאַכן צווישן די קליינע. פאַר דעם געלט האָט ער שוין געהאַט גרייטע ערטער און לעכער, ווו עס אַוועקצוגעבן. פון דעם געלט האָט ער קיין איין גראָשן נישט אַראָפּגענומען אויף אַ טלית פאַר אַן אָרעמען חתן אָדער נאָך אויף אַנדערע זאַכן. ווען מען פלעגט אומגעריכט צו אים קומען בעטן הילף פאַר אַזוינע זאַכן, האָט ער געהאַט אַנדערע מיטלען צו מאַכן געלט. אַמאָל גייט ער אַריין אין אַ קלויז און זעט, ווי איינער האָט יאָרצייט און גיט אַ רובל אויף תקון, לייגט ר׳ זלמינע פאַר, אַז היינט זאָל מען נישט טרינקען און מען זאָל אים אַוועקגעבן, דאָס געלט, וואָרים ער דאַרף עס נייטיק האָבן.

און אַז ר׳ זלמינע האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף נייטיק, האָט זיך יעדער דאָסמאָל אָפּגעזאָגט פון טרינקען. אויך האָט ער געוווּסט אַזוינע ערטער, ווו יונגעלייט פאַרברענגען אין קאָרטנשפּילן, איז ער מיט זיין לאָמטערנע דאָרט אויך אויסגעוואַקסן און האָט געבעטן, מען זאָל אים אַוועקגעבן „איין קאָן״.

אַז ר׳ זלמינע האָט פאָרגעלייגט, זענען דערויף באַשטאַנען אפילו קאָרטנשפּילערס.

מיט אַזוינע געשעפטן האָט זיך ר׳ זלמינע פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער פלעגט זייער זיין צופרידן, אַז עס איז אים אין אָוונט געבליבן אַ ביסל צייט זיך אַריינצוכאַפּן אין אַלטן בית המדרש זיך אָפּרוען מיט א כפר אין דער האַנט, און ווער שמועסט נאָך פון צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען ער פלעגט גיין אַהיים און קיינער האָט אים נישט געשטערט, איז ער גאָר געווען

צעפּרידן. דאָרט, אינדערהיים, האָט ער כאָטש געקענט אויסרויען זיינע פיס, וואָס פלעגן זיך אָנלויפן אַ גאַנצן טאָג, זיין קאָפּ, וואָס איז געווען פאַרשלאָגן פון אָרעמע, קראַנקע, אומגליקלעכע, פון זייער שטענדיקן קרעכצן, זיפצן, שרייען: „העלפט אונדז", „האָט רחמנות", „דערבאַרעמט זיך", „ראַטעוועט!" א. אַ. וו.

אַזאַ מענטש איז געווען ר' זלמינע!

III

אויף דער טויטער גאַס.

אין דער נאַכט, אין וועלכער אונדזער דערציילונג הייבט זיך אָן, איז ר' זלמינע אויך געגאַנגען אַהיים מיט דעם געדאַנק:

— אַ דאַנק גאָט, וואָס איך בין שוין באַלד אינדערהיים. פון היינטיקן טאָג בין איך זייער מיד און מאָרגן איז דאָ אַזויפיל אַרבעט! איך זאָל זיך כאָטש קענען אָפּרוען עטלעכע שעה.

געוויינלעך, ווען אַ מענטש טראַכט, בפרט נאָך אַן עלטערער מענטש, וואַרפן זיך ביי אים אַרויס עטלעכע ווערטער, אַז ער באַמערקט דאָס אַליין נישט, אָבער דער זייטיקער מענטש הערט גאַנץ גוט, ווי ער רעדט צו זיך אַליין.

אונדזער אומבאַקאַנט אומגליקלעך פריילן, וואָס איז אים כמעט נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, האָט געכאַפּט עטלעכע ווערטער, און האָט פאַרשטאַנען, ווי שווער עס איז איצטער צו באַאומרויִקן ר' זלמינען. נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז טאָמער האָט זי זיך באַשלאָסן צו גיין אַזוי שפּעט ביינאַכט אויף דער טויטער גאַס, זאָל זי זיך אומקערן מיט גאָרנישט.

— ניין, איך וועל נישט גיין צוריק, — האָט זי זיך געזאָגט און איז געגאַנגען ווייטער.

ר' זלמינע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט.

עמעץ האָט באַלד געעפנט און צוריק פאַרשלאָסן, די טיר. זי האָט זיך אונ-טערגעגנבעט לעבן דעם איינציקן פענסטער, וואָס האָט זיך געפונען אין ר׳ זלמינעס וווינונג און געוואַרט, ווען מען וועט אָנצינדן אַ ליכט. זי האָט באַשלאָסן, אַז דעמאָלט וועט זי אָנקלאַפּן.

— איך וויל אינדערפינסטער נישט קלאַפּן, ער קען זיך איבער-שרעקן... איך האָב אים דעריבער נישט געוואָלט אָפּשטעלן אין גאַס, איך וועל וואַרטן.

אָבער ווי דערציטערט איז זי געוואָרן, ווען עס איז שוין אַוועק-געגאַנגען אַ היפּש שטיקל צייט און עס איז דאָרט נאָך אַלץ געווען פינסטער.

— אוי, ווי אומגליקלעך בין איך אומעטום! ער שלאָפט שוין געוויס, וואָס זאָל איך טאָן?

זי האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין פונדאַנען.

זי האָט פאַרגעסן, אַז ביינאַכט איז אַ גרויסע סכּנה אויף דער טויטער גאַס און האָט זיך עס מיט גרויס שרעק דערמאָנט ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט דערהערט אַלערליי קולות פון דער „ראַבער מורליטשקע״, וווּ מען איז געזעסן און געטרונקען. אייניקע האָבן גע-זונגען, געשריען, זיך געקריגט און געפּאַטשט. דער רעגן האָט שוין אפילו אויפגעהערט, אָבער אַ פייכטע קעלט האָט זי דורכגענומען. גיין צוריק אַהיים האָט זי מורא געהאַט. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער גאַס.

ענדלעך האָט זי מיט דעם אייגענעם וועג, מיט וועלכן זי איז געקומען, געוואָלט גיין אַהיים. אָבער ביים ערשטן טריט האָט זי גע-פילט, ווי אירע פיס זענען איר ווי פאַרגליווערט, זי קען נישט גיין און זי האָט אָנגעהייבן קלאַפּן ביי ר׳ זלמינען אין פענסטער...

— ווער איז דאָרט? — האָט געפרעגט ר׳ זלמינע, וואָס איז שוין געווען געוויינט צו אַזוינע זאַכן, ווייל דאָס רוב פלעגט מען אים וועקן, ווען אין שטאָט איז עמעצער געשטאָרבן.

— איך, ר׳ שמואל-בערס טאָכטער.

די מינוט איז געוואָרן ליכטיק אין פענסטער. ער האָט געעפנט די טיר און זי אַריינגעלאָזט.

— איז ביי אייך עפּעס געשען, לאהבֿיו, אַז דו האָסט געקענט קומען צו מיר אַזוי שפּעט? —האָט ר׳ זלמינע געפרעגט און זיך דערשראָקן.

— לאָזט מיך אַ ביסל אָפּרוען, ר׳ זלמינע, איך בין זייער מיד.
מיטן ליכט אין דער האַנט האָט ער זיך אָנגעהייבן מער צוקוקן צו איר און האָט זיך גאָכמער דערשראָקן פאַר איר בלייך פּנים.

— זעץ זיך אַנידער אויף מיין בעט, לאהניו, און רו זיך אָפּ. אויף די צוויי בענקלעך האָט מיין רחלע אַנידערגעשטעלט די ראָשטשי־נע לעבן דער הרובע. זאָג מיר נאָר, מיין לעבן, וואָס איז ביי אייך אַזוינס געשען?

— גאָרנישט, ר׳ זלמינע, זייט רויק, ביי אונדז איז גאָרנישט געשען. אַלע זענען, ב״ה, געזונט. איך אַליין דאַרף צו אייך האָבן... נאָר איך קען מער נישט רעדן... לאָזט מיך אָפּרוען...

קוקנדיק אויף איר בלייך פּנים, האָט ער זי שוין מער נישט געפרעגט. ער האָט נאָר אויסגעגלייכט זיין קישן און איר געהייסן זיך צושפּאַרן, זי זאָל זיך אָפּרוען. אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען אין קיך, אַריין, וווּ זיין אייניקל שיינדל האָט געשלאָפן.

שיינדל האָט, ווי יעדער יונגער מענטש, שטענדיק געשלאָפן שטאַרק און געשמאַק, בפרט נאָך אַ גאַנצן טאָג האָרעוואַניע. מען האָט אַפילו געמעגט קלאַפּן, האָט זי נישט געהערט. נאָר וויבאַלד זי האָט דערהערט דעם זיידנס שטילע טריט אין קיך, פלעגט זי זיך עפּעס ווי אינסטינקטיוו די מינוט אויפכאַפּן אַפילו פון דעם שטאַרקסטן שלאָף.

— זיידע... אָ... זיידעניו! מיר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף שוין אויפשטיין צו דער ראָשטשינע,—האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אָנגע־הייבן רייבן די אויגן.

— ווי דו ווילסט, מיין קינד, איך בין נאָר געגאַנגען נאָך אַ ביסל וואַסער. אַז דו ביזט מיד, מעגסטו נאָך שלאָפן.

ר׳ זלמינע האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, איז צוריק אַריינגע־גאַנגען אין שטוב, בעת מעשה שטיל צוגעזונגען, צראָפּגענומען פון זיין ספרים־פּאָליצע אַ ספר און זיך געזעצט לערנען.

כאָטש דער זיידע האָט איר געזאָגט, אַז זי מעג נאָך שלאָפן, נאָר שיינדעלע האָט זיך פונדעסטוועגן באַטראַכט, אַז עס איז צייט, זי זאָל טאַקע שוין באַלד אויפשטיין, וויאָרים ווען זי כאַפּט זיך אויף און פרעגט אים, זאָגט ער שטענדיק, אַז זי מעג נאָך שלאָפן. זי האָט אים אייניגמאָל געפאָלגט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז זי טאַקע אויפגעע־שטאַנען אַזוי שפּעט, אַז זי האָט פאַרלאָרן דעם טאָג, און דער זיידע האָט פאַרטאָג אַפילו קיין גלעזל אָקרופּ נישט געטרונקען.

— אַ נאַרישקייט, כלעבן, וואָס איך פרעג דעם זייזן, צי זאָל איך אויפשטיין. איך פאָלג אים דען?... ווען איך כאַפּ זיך אויף, פאַרגעס איך זיך און פרעג אים...

זי האָט זיך מיט די באָרוועסע פיס געשטעלט אויף דער ערד, אָנגעטאָן דאָס קליידל, צעניפגענומען אירע לאַנגע שוואַרצע האָר, און פאַרבונדן מיט אַ בענדל.

מיט שטילע טריט האָט זי זיך געלאָזט אַריינגיין אין שטוב אָנצינדן ביים זיידנס לעמפּל איר קיניך, זי זאָל קענען דערוויל אונטערהייצן דעם פּריפּעטשיק, אויפזידן דעם זיידן אַ ביסל אָקרופּ, אָבער זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק, ווען זי האָט דערזען לאהניו ר׳ שמואל בערס ביים זיידן אין שטוב. אין אַזאַ צייט! לאהניו איז ביי זיי קיינמאָל נישט געווען אין שטוב, און איצטער...

שיינדעלע האָט זיך באַלד אויפגעהערט צו וואונדערן.

— מילא, מסתמא דאַרף זי האָבן צום זיידן,—האָט זי זיך געטראַכט. — אַך, ווי גוט! מאָרגן וועל איך דערציילן גרונע דעם בלינדנס, שפּרינצע דעם געשוואָלענעמס, ווי לאה׳ניו ר׳ שמואל־בערס איז געווען ביי אונדז אין אַזאַ שיין קלייד און איך האָב געהאַלטן די שליאַרעס, און געטראָגן האָט זי אַזוינע טייערע שיכעלעך מיט אָפּצאַסן, וואָס קאָסטן אפשר אַזויפיל געלט, וויפל דעם וואַסערפירערס טאָכטערס חתונה איינגאַנצן.

און שיינדעלע האָט אַזוי געוואָלט אַריינגיין אין שטוב און אָנקוקן לאהניון, ווי אַזוי זי גייט אָנגעטאָן און פאַרקעמט, נאָר זי האָט זיך געשעמט, ווייל זי גייט אָנגעטאָן אין אַזאַ מיאוס קליידל, ווי ביי זיי די קעכן גייט אפשר אין אַ שענערס. זי גייט באָרוועס, נישט פאַרקעמט, ווי אַן אָרעם מיידל, און לאהניו וועט לאַכן פון איר.

אינדערפינסטער האָט זיך שיינדעלע צוריק אַנידערגעזעצט אויף איר געלעגער, מיט ביידע הענט אָנגענומען אַ שטיקל קלייד׳ל, צוזאַמענגעלייגט קליינע פאַלבן און זיך פאַרטראַכט.

— נאָך פּסח, ווען עס ווערט טרוקן, וואָרעם און שיין אינדרויסן און ביי אונדז, אויף דער טויטער גאַס, טריקנט זיך שוין אויך אויס, גיי איך אין שטאָט אַ ביסל קוקן, ווי באַלעבאַטישע מייד׳עך גייען שיין אָנגעטאָן, נישט צעריסן. איינמאָל האָב איך לאהניו ר׳ שמואל־בערס געזען אָנגעטאָן אַזוי שיין און אַזוי טייער און פאַרקעמט איז

זי געווען, ווי אַ ליאַלקע. איידער איך האָב זי אָנגעקוקט, איז זי שוין געווען ווייט און נאָכלויפן איז געווען נישט שיין.

און זי האָט זיך דערמאנט, אַז ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט זי גרונע דעם בלינדנס געפרעגט, ווען האָט זי געזען אין שטאָט און זי האָט איר דערציילט, אַז זי האָט אַפילו באַגעגנט ר׳ שמואל-בערס מיידל, וואָס טראָגט אַזאַ טייער קלייד, וואָס עס איז אפשר ווערט צען רובל.

פלוצלונג האָט דער זיידע אויפגעהערט צו לערנען, און זי האָט זיך דערמאנט, אַז איצט וואָלט מען באַדאַרפט דעם זיידן דער-לאַנגען אַ גלעזל וואַרעמס, זי האָט אַרויף געטאָן דעם זיידן. ער האָט איר אָנגעצונדען דעם קאגאַניעץ און שיינדעלע האָט אונטערגעהייצט דעם פריפעטשיק, אונטערגעשטעלט אַ קריגל וואַסער און מיט פאַרגעניגן געקוקט, ווי דאָס קליינע פייערל האָט אַזוי שיין געברענט.

לאה, וואָס איז אַלץ געזעסן אויפן בעט, האָט זיך געפילט אַ סך גרינגער.

— ר׳ זלמן!—האָט זי זיך אָנגערופן, ווען זי האָט געזען, אַז ער גלייכט אויס די ברילן און וויל ווייטער אָנהייבן צו לערנען.

ר׳ זלמינע, וואָס איז שוין לאַנג געווען זייער פאַראינטערעסירט צו וויסן, נאָך וואָס איז געקומען צו אים ר׳ שמואל-בערס טאָכטער, האָט זיך מיט דעם גאַנצן קערפער אויסגעדרייט צו איר.

— איר זענט דער איינציקער ייד, דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן איך האָב מיך באַשלאָסן צו דערציילן מיין גרויס אומליק... איר זענט דער איינציקער ייד, וועלכער וועט מיך אויסהערן, ווי אַן אומגליקלעכע. איר וועט מיך נישט אַוועקטרייבן פון זיך... איר וועט מיר געבן אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן... אויף אייך איז מיין איינציקע האָפענונג, איך זאָל מער קיין שלעכטס נישט טאָן, איך זאָל קיין אומ-שולדיק באַשעפעניש אומזיסט נישט אומברענגען פון דער וועלט.

— וואָס? פון וואָס רעדסטו? איך פאַרשטיי נישט, — האָט זיך ר׳ זלמינע אויפגעכאַפּט, ווי דערשראָקן. — רעד, מיין קינד, שאַרפער, איך זאָל פאַרשטיין. אַלערליי אומגליקן טרעפן זיך מיט דעם מענטשן אויף דער וועלט, און גאָט איז אָבער אַלעמאָל גערעכט...

— איך בין אין נייינטן חודש, ר׳ זלמן!... — האָט זי פלוצלונג געזאָגט און כמעט אַליין נישט געהערט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ווערטער זי האָט איצט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

ר׳ זלמינע איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט.

נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבערן האַרץ, די הענט איבער די קני און אָן ווערטער אַ זיפץ געטאָן.

— אין אַלערליי אומגליקן האָב איך זיך אַריינגעמישט, נאָר... נאָר וואָס קען איך דאָ טאָן? וואָס איז זי געקומען צו מיר?—האָט ער זיך געטראַכט.

— וואָס זאָל איך טאָן, ר׳ זלמן? צו אייך בין איך געקומען נאָך אַן עצה און... איר שווייגט. איר ענטפערט מיר גאָרנישט!

— וואָס האָב איך דאָ צו רעדן, מיין קינד, עס איז היינט זייער אַ ביטערע וועלט, אַז מען הערט גאָר צווישן יידן אַזוינע זאַכן! גאָט זאָל כאָטש נישט רעכענען די זינד אויף כל ישראל... גאָט זאָל דיר מוחל זיין, און דו זאָלסט זיך שוין פון היינט אָן נעמען אין אַ גוטן וועג... ווייטער וואָס קען איך דיר מער זאָגן?

— ר׳ זלמן, איר האָט דען געהערט וועגן מיר, איך זאָל מיך שלעכט אויפירן, וואָס איר האַלט מיך פאַר אַזאַ זינדיקע?

— איך זאָג דיר דעם אמת: ניין, מיין קינד, עס האָט מיר גאָרנישט געקאָנט קומען אויפן קאָפּ אַזאַ זאַך וועגן דיר.

— איך, אומגליקלעכע, האָב אויך נישט געגלויבט, עס זאָל מיט מיר אַמאָל אַזוינס פאַרקומען. נישט איצטער וועל איך אייך דערציילן, ווען און ווי אַזוי בין איך אומגליקלעך געוואָרן. איך בין נאָר געקומען צו אייך בעטן אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן, צי מעג מען אומברענגען דאָס קינד? איר זענט אַן ערלעכער ייד, ווי איר וועט זאָגן, אַזוי וועל איך טאָן. ר׳ זלמן, איך וויל נאָך לעבן ווייטער ערלעך, ווי אַ יידישע טאָכטער דאַרף לעבן. נישט מיינע עלטערן, נישט קיינער טאָרן דערפון נישט וויסן. נאָר וואָס רעד איך, ר׳ זלמן? מיינע עלטערן וועלן סיי ווי סיי נישט וויסן, איך וועל זיך צו זיי שוין מער נישט אומקערן... איך בין אַוועקגעגאַנגען אויף דער גאַנצער נאַכט פון דער היים... איך דאַרף היינט, מאָרגן האָבן דאָס קינד... איך וועל ערגעץ אַנדערש לעבן ערלעך, אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם קינד? אומברענגען עס?

— גאָט זאָל דיך אָפּהיטן צו דערהרגענען אַ נפש און מיר נאָך דערציילן... אוי! קיינער האָט מיר נאָך נישט געפרעגט אַזוינע זאַכן!

לאה האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זיינע אַלטע דאַרע הענט.

— אַ גוטע נאַכט אייך, ר׳ זלמן. איך בעט אייך איבער, וואָס

איך האָב האָב געשטערט ביינאַכט... איך ווייס שוין וואָס צו טאָן. איר האָט מיר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט אומברענגען דאָס קינד, מער דאַרף איך נישט. איך בעט אייך נאָר קיינעם נישט דערמאָנען, אַז איך בין געווען ביי אייך, — און לאה האָט געוואָלט אַוועקגיין.

ר׳ זלמינען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. זיין שטענדיק גוט האַרץ האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער זאָל די אומגליקלעכע אַזוי אַוועקלאָזן — וואָס קען זי טאָן איצטער, די אומגליקלעכע, גאָט ווייסט... ניין, איך וועל זי נישט אָפּלאָזן, איך מוז איר העלפן כאָטש מיט עפּעס.

— לאה, בלייב ביי מיר דערווייל, — האָט ער זי צוגעהאַלטן, — איך וועל גיין צו דיינע עלטערן און וועל זיי דערציילן. זיי וועלן מיר פאָלגן, זיי וועלן אויך פאַרשטיין...

— אָ, ניין, ר׳ זלמן, מאַכט מיך נישט נאָכמער אומגליקלעך... אַלץ, אַלץ וועלן אייך פאָלגן מיינע עלטערן, אַלע ר—ער יידן, נאָר נישט אַזאַ זאַך... איך קען מיינע עלטערן בעסער פון אייך.

— אָבער פאָלג מיך, יידן זענען זיי דאָך, מענטשן זענען זיי דאָך אויך, איך וועל פּאָרט מיט זיי איבערעדן. דו ביזט דאָך פּאָרט זייער קינד... דו זיי דערווייל ביי מיר, זיי וועלן נישט וויסן, אַז דו ביזט ביי מיר.

— ר׳ זלמן, איר געפינט שטענדיק דעם בעסטן אויסגאַנג פאַר יעדן אומגליקלעכן. איך האָב מיך אַליין נישט גערירכט, אַז איר זאָלט אַזוי גוט ראָטן. איך וועל גליקלעך זיין, איך זאָל ביי זיי בלייבן זייער קינד אויף ווייטער, אויף שטענדיק, נאָר... נאָר, ר׳ זלמן, ווי אַזוי וועט איר רעדן מיט זיי? איך וויל אייך גאָרנישט פרעגן, טוט ווי איר פאַרשטייט, נאָר לאָזן זיי נישט וויסן, ווו איך בין, וואָרים זיי וועלן מיך מער נישט קענען...

— קיינער וועט נישט וויסן, זאָג איך דיר! זיי ביי מיר רויִק, ביז גאָט וועט העלפן.

— איך רעד מער נישט, איך וועל אייך אַלץ פאָלגן, ווי איר וועט הייסן. איך לויב נאָר גאָט, וואָס ער האָט מיך נישט פאַרלאָזט און מיר אַריינגעשיקט דעם געדאַנק, איך זאָל גיין צו אייך.

זיי האָבן ביידע אויפגעהערט צו רעדן. ר׳ זלמינע האָט אָנגעהייבן אַריינקוקן אין ספר, זי האָט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען און געזען „ווי אירע צרות זענען איצטער אויף ר׳ זלמינעס פּנים“...

אין דער מינוט איז אַריינגעקומען שטיל, אָן ווערטער, שיינדל, מיט זייער אַ פאַרשעמט פּנים. זי האָט אנידערגעשטעלט לעבן דעם זיידן אַ גלעזל טיי.

— דו ביזט דאָ, שיינדעלע, — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זי אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. — איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט נאָך.

— איך בין זיך שוין לאַנג אויפגעשטאַנען... דו האָסט דאָך מיר אליין אָנגעצונדן דעם קאַנאַניץ.

— אַ... אַ, איך האָב גאָר פאַרגעסן... עס וועט נאָך זיין אַ גלעזל טיי, גיב לאהן, אַז נישט, זיד אויף דאָס קריגל נאָכאַמאָל...

דאָס מיידל איז ר׳ שמואל-בערס טאָכטער...

— איך קען זיי, זיידע, איך האָב זיי געזען אין גאַס.

— דאָס איז אייער אייניקל, וואָס איר פלעגט דער מאַמען דערציילן וועגן איר? — האָט לאה געפרעגט.

— יאָ, זי איז ביי מיר די גאַנצע באַלעבאָסטע, און אַז זי פאַרשפילט זיך מיט אירע חברטעס, עס איך קיין אָנבייסן נישט...

— ניין, זיידעניו, נאָך וואָס זאָלסטו אַזוינס זאָגן, דער אָנבייסן ווארט שטענדיק אויף דיר און דו קומסט ערשט אויפדערנאַכט.

— נו, נו, דו ביזט ביי מיר אַ טייערע באַלעבאָסטע. נאָר היינט זאָלסטו קאָכן אָנבייסן. וועל איך נישט זיין ביים אָנבייסן, וועט לאה היינט ביי אונדז עסן.

שטאַרק פאַרוואונדערט, איז שיינדעלע אַוועק ברענגען נאָך אַ גלעזל טיי.

IV

„ראַבע מורליטשקע״.

מיכאַלקע, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט ר׳ זלמינען, ווען יענער איז געגאַנגען פון בית המדרש, איז באַלד, ווי ער האָט זיך נאָר צעשיידט מיט אים, אַוועק צו דער „ראַבערמורליטשקע״.

ווי ער האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער זיך פאַר־טשעפּעט אין אהרקע סיבירניק, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דער טיר, פאַרשטייט זיך, אויך נישט אויף אַזוינע שטאַרקע פיס...

אָן ווערטער האָט אים מיכאַלקע אַרומגעכאַפּט קושן.

— נו, ברודער, אַז מיר האָבן זיך יאָ באַגעגנט, לאָמיר זיך נאָכ־אַמאָל צעקושן. לאָמיר אַ ביסל הולען, לאָמיר וויסן אויף אַ וואַסער גאַטס וועלט מיר גייען אַרום.—און זיי האָבן צוזאַמען אָנגעהייבן טאַנצן אינמיטן שענק.

רחלע די שענקערין, אָדער ווי די שיכורים פלעגן זי רופן „מורליקע", האָט זיך שטענדיק צעלאַכט הינטערן בופעט אויף איר גראָב הייזעריק קול.

— אָ, מיין שמחה צווישן זיי! אוודאי אַ גאַנצע שעה זיך נישט געזען, ווי לאַנג האָט איר געטרונקען צוזאַמען?

— העי! מורליטשקע מור׳יקע מורלע! און דיין געשעפט וואָס איז? — איז צוגעלאָפן צו איר מיכאַלקע, זיך געשטעלט אַנטקעגן איר מיט די הענט אונטער דער זייט, ווי איינער, וואָס וויל וויייזן, אַז ער איז אַ תקיף.

אהרקע האָט זיך אויך געשטעלט ביי דער זייט.

— דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט? איז מיכאַלקע נישט אָפּ־געשטאַנען פון דער שיינקערין און זיך שטאַרק געשטעלט אויף ביידע פיס. — מיט אַ וואַיענעם, וואָס ער האָט געדינט אין דער 1854 באַ־טעריע, אין פינפטן יאָר, אין צענטויזנטן פאָלק, וואָס האָט אָפּגענומען סעוואַסטאָפּאָלער קרעפּעסט מיט אַלע באַטעריעס און האָט באַקומען אין דינסט זיבנהונדערט צוויייאונצוואַנציק שמיץ מיט ניינאונ־צוואַנציק סיניאַקעס, חוץ צווייהונדערט דרייצן פאַדעשוועס, וואָס איך האָב צוגעגנבעט פון קאַזיאָנעם לעדער...

— און דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט? — האָט זיך אהרקע אויך שטאָלץ אָנגערופן. — מיט אַ פאָדראַטשיק פון אַלע קעשענעס און קור׳אַפּניקעס פון ווייטע לענדער. פונקט פאַר פסח צוגעשטעלט אַלעמען געענדז, אינדיטשקעס-שמאַלץ, אייער און אַפילו איינגעמאַכטס. 1854 צייַן אויסגעזעצט אין מיין לעבן, צענטויזנט מאַרדעס אויסגע־פּאַטשט און זיבנהונדערט צוויייאונצוואַנציק שטעקנס מיט קולאַקעס האָב איך באַקומען.

רחלע איז זיך געשטאַנען הינטערן בופעט גאַנץ רויִק, אָנגעגאָסן

בראָנפן, ווער עס האָט זיך געהייסן געבן, צעשטעלט די גלעזלעך מיט די פלעשלעך אויפן בופעט, מיט איין וואָרט, זי האָט זיך פאַרנומען מיט איר זאַך, ווי גלייך מיכאַלקע מיט אהרקען רעדן גאָרנישט צו איר און מיינען זי גאָרנישט.

— דו מורלע! האָט מיכאַלקע אַלץ נישט אויפגעהערט צו רעדן.— אַז מיכאַלקע וועט דיר נאָר הייסן אָנגיסן, דאַרפסטו שוין אָנגיסן, פאַ זאַקאַנו, וואָרים מיט מיר זאָלסטו זיך נישט שפּילן! איך בין אַ וואָיע־נער מענטש, און געלט? אָט האָסטו געלט.

און מיט גרויס גדלות האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַרשמאָלצן צעריסן בייטעלע, ווו עס האָט געקלונגען אַ וויסע זילבערנע גריווניע מיט אַ קופּערנעם צענער.

— און אַז איך, אהרקע סיבירניק, וועל נאָר הייסן, דאַרף די מי־נוט געבוירן ווערן אַ פלעשל פון פינף גלעזלעך. אויף קיין געלט זאָלסטו נישט פרעגן, רחלע! אַ פּאָדראַטשיק האָט נישט קיין געלט! זאָרג זיך נישט, אהרקע גייט אָנגעטאָן אַ פּאָר שיך פון ענגלאַנד.

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער פון זיינע בלאָטיקע גראָבע פיס אַראָפּגעשלעפּט כמעט אַ פּאָר נייע שטיוול מיט קליינע כאַליעוועס פון גוטן דינעם לעדער.

— ווו האָסטו זיי געפּאַקט? — האָט זיך שוין מיכאַלקע אומגע־קערט גלייך צו אהרקען. — אַי, אהרקע, באַלד כאַפּסטו אין מאָרדע! און מיכאַלקע ווייסט גאָרנישט!... טאָמער וועט מען פרעגן מיכאַלקען, וועט ער אַפילו נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.

נאָר אהרקע האָט אַפילו נישט געהערט, וואָס מיכאַלקע האָט צו אים גערעדט. ער איז זיך אַלץ געשטאַנען מיט דעם פּנים צו דער שענקערין און גערעדט צו די פיר ווענט. פּלוצלינג האָט ער אָוועק־געוואָרפן די שטיוול אין אַ ווינקל צום בופעט און מיט אַ וויינענדיק קול זיך צעשריען, קוקנדיק אויפן ווינקל, ווו די שטיוול זענען גע־פלויגן.

— איך דאַרף נישט קיין שטיוול, איך דאַרף נישט! מיין טאַטע איז נישט געגאַנגען אין קיין שטיוול און איך גיי אויך נישט.

דערזען דאָסדאָזיקע בילד, האָט מיכאַלקע אויך פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן די שטיוול און זיי אויך אַ שליידער געטאָן אין דעם אייגענעם ווינקל, ווו אהרקעס ענגלישע שטיוול זענען געלעגן.

— מיין באָטקע איז געגאַנגען באָרוועס, דאַרף איך אויך גיין באָרוועס!... — האָט ער אויך געשריען אויף אַ וויינענדיק קול.

מיט די אייגענע ווערטער האָבן זיי באַווינט די שטיוול אַ גאַנצע האַלבע שעה. איינער האָט איבערגעשריען דעם אַנדערן און אָנגעהייבן באָרוועסערהייט צו שפּאַנען איבער דער נאַסער ערד פון שענק. מיכאַלקע האָט געשפּאַנט לויטן טאַקט, ווי ער האָט געקאָמאַנדעוועט: „ראַז, דווא, נאַפּראַווא, נאַלעוואָ!” ביז זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין אַ טישל און אומגעפאַלן.

אין שענק זענען נאָך געווען אַ דריי טישלעך. ביי אייניקע זענען אויך געזעסן אַזוינע חברהלייט, ווי מיכאַלקע מיט זיין חבר. אַלע האָבן געצויגן אַ גלעזל, אייניקע האָבן דערביי זיך געזידלט, געשאָלטן, געקושט און אייניקע זענען זיך געזעסן שטיל, אַלעמאָל אריינגעזעצט צו קעלישאָקלעך און מיט אַ בלאָס געזיכט געקוקט אויף דעם אומגליקלעכן פלעשל, ווו עס ווערט אויך בלאָס — אַלעמאָל ווינציקער און ווינציקער... און פאַר צרות האָט יעדער פון דער קעשענע אָדער פון דער טאָרבע אַרויסגענומען אַ שטיקל שוואַרץ טרוקן ברויט און מיט טרערן אין די אויגן אַלעמאָל פאַרביסן. אייניקע האָבן זיך באַנוגנט מיט די פּיצעלעך ברויט, וואָס רחלע האָט צוגעגעבן אומזיסט צו יעדן קעלישאָקל בראָנפן. מיט אַלעם האָבן זיי זיך באַנוגנט און צופרידנגעשטעלט, נאָר נישט מיט דעם פלעשל, וואָס זיין דנאָ האָט אָנגעהייבן, נישט פאַר אונדז געדאַכט, צו טריקענען...

אָ, וויפל קרעכצן, זיפצן און טרערן פלעגט יעדן אָוונט פאַרגאָסן ווערן ביי דער „ראבער מורליקע”!...

דעם וווּנדערלעכן נאָמען פון רחלעס שענק האָבן אויסגעטראַכט די עטלעכע גוישע שכורים, אָדער ריכטיקער געזאָגט, — גנבים, וואָס האָבן געוווינט אויף דער „טויטער גאַס”.

ביי אַזוינע לייט ליגט אין דער נאַטור נישט אָנצורופן יעדע זאַך מיט איר נאַטירלעכן נאָמען, נאָר מיט אַ צונאָמען, אַזוי, אַז פונם צונאָמען האָט זיך ביי זיי כמעט אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער לשון, און אַז זיי רעדן צווישן זיך, איז באין אופן נישט מעגלעך צו פאַרשטיין, וואָס זיי רעדן. אָבער אויסלערנען זיך זייער לשון איז זייער גרינג, מען דאַרף זיך נאָר באַקענען מיט דער געשיכטע, וויאַזוי יעדע זאַך האָט זיך באַקומען איר צונאָמען.

ווען און אין וועלכן יאָר רחלעס שענק איז געגרינדעט געוואָרן

אויף דער טויטער גאַס,—וועגן דעם שווייגט די היסטאָריע. אָבער דאָס געדענקט יעדער, אַז ווען ר׳ גאָדל דער רויטער בעל עגלה האָט צוריק מיט צוואַנציק יאָר חתונה געהאַט מיט רחלען, און אַז זי האָט זיך אָנגעהייבן באַווייזן ביים בופעט, האָבן אַלע טרינקערס געזאָגט, אַז זי איז אַ שיין ווייבל און מען האָט באַלד אַ נאָמען געגעבן דעם שענק „קאָקאָשקע״ (אַפּנים, אַז דאָס וואָרט איז ביי זיי ענלעך, לויטן באַגריף, צו דעם וואָרט „קראַסאַוויצע״—שיינהייט). נאָר שפּעטער מיט יאָרן האָבן אַנדערע טרינקערס באַמערקט, אַז רוחלע האָט ביי איר שיינקייט אויך אַ חסרון: גרויסע אויגן, כמעט ווי ביי אַ קאַץ. אַ סך יאָרן האָבן זיך די טרינקערס צווישן זיך געקריגט און האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייעס: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז כאָטש זי האָט גרויסע אויגן, זענען זיי דאָך לעבעדיק, פייערדיק, ווי ביי אַ קאַץ, און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז נישט ווי ביי אַ קאַץ, נאָר פּראָסט „גרויסע קעצישע אויגן״, און מיניה וביה, מיט דער צייט, האָט זי באַקומען אַ נייעם נאָמען „ראַבע״ (גרויע, סערע, פּאָפּעלאַטע). מיט דעמדאָזיקן נאָמען האָט מען עטלעכע יאָר גערופן דעם שענק.

פּלוצלונג האָט זיך מיט רחלען פּאַרלאָפן אַזאַ מעשה: איינמאָל, בשעת זי האָט געשלאָפן, האָט זיך פאַר איר שענק דערהערט אַ גרויסער ליאַרם: גנבים האָבן זיך געשלאָגן. איר האָט זיך אין שלאָף געחלומט, אַז עס ברענט. האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און איז נאַקעט אַרויס אויף דער גאַס. זי האָט זיך אָבער שטאַרק צוגעקילט און האָט פאַרלאָרן איר קול. פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהייבן צו רעדן שטאַרק הייזעריק, אַזוי, אַז די טרינקערס האָבן געזאָגט, אַז די „ראַבע״ רעדט גאָרנישט, נאָר זי „מורליטשעט״, מיאַוקעט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַזוי גיך, נאָר מיט דער צייט האָט מען אָנגעהייבן רופן רחלעס שענק די „ראַבע מורליקע״. אונטער דעם נאָמען איז דער שענק באַקאַנט יעדן עד היום הזה און קיינער איז גאָרנישט אַזוי טשיקאַווע, ווי איר, לעזער, צו וויסן, פאַרוואָס מען רופט די שענק מיט אַזאַ ווונדערלעכן נאָמען.

די „ראַבע מורליקע״ איז זייער אַ לאַנגע שטוב, כמעט האַלב איינגעזונקען אין דער ערד, אַזוי, אַז אייניקע פענסטער פון דעם עק שטוב זענען שוין מיט די אונטערשטע האַלבע טאַפלעס איינגעגראָבן אין דער ערד.

אינגאַנצן קען מען נישט זאָגן, אַז די שטוב שטייט אויף דער

ערד, נאָר זי קוקט אַרויס פון דער ערד. אָבער די אַנדערע האַלבע זייט, ווו עס הייבט זיך אָן דער שענק, האָט נאָך אינדרויסן אַ פּנים פון אַ שטוב: די פענסטער מיט נאָך צוויי ווערשקעס וואַנט קוקן נאָך אַרויס אויף גאַטס וועלט.

אויב אייך אינטערעסירט צו וויסן, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל די לאַנגע שטוב איז געבויט, קענט איר עס גלייך זען, ווארים פון דרויסן האָט מען קיינמאָל די ווענט נישט געשמירט.

יעדע וואַנט איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַלערליי שטיקלעך. דאָ ליגט אַ גרויסער געהאַקטער שטיין, דאָ האַלבע צעבראָכענע ציגל, נאָר דער גרעסטער טייל פון דער וואַנט באַשטייט פון שוואַרצער בלאָטע, איינגעקנעטן אין שטרוי.

זיך וועלן פאַרשטעלן, ווער און צו וועלכן צוועק האָט מען געבויט די לאַנגע שטוב, איז זייער שווער. ווארים באַלד איז איינגעפאַלן אַ קשיה: איינס פון די צוויי, האָט עס געבויט אַ רייכער מאַן, ווי זשע קומט אַהער בלאָטע מיט שטרוי? האָט עס, ווידער, אַן אָרעמער באַלעבאָס געבויט, טאָ ווי קומט אַהער אַ טייערער געהאַקטער שטיין, וואָס ווערט נאָר געניצט צו גרויסע פּאַלאַצן?

דער באַלעבאָס אַליין, גאדל דער רויטער בעל עגלה, האָט דער-פון אַליין אויך נישט געוווּסט. ער האָט מער נישט געדענקט, אַז זיין טאַטע האָט דאָ געוווינט און ער וווינט שוין דאָ אויך אַ צייט — עטלעכע און פערציק יאָר. ער האָט אַפילו נישט קיין „קופּטשע קרעפּאַסט", אַז עס איז זיין שטוב, פונדעסטוועגן איז ער געווען גאַנץ רויִק. עס איז פאַר אים גענוג געווען, אַז אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס איז זיין שטוב און דער פּאָליציי איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, אויף וואָסער סמך רעכנט ער, אַז די שטוב איז זיינע.

אויף אַזאַ אופן האָט ר' זלמינע אויך געהאַט אַן אייגענע שטוב, טאַקע אונטער איין דאַך פון דער לאַנגער שטוב, אין עק וואַנט, דריי קלאַפטער אין דער ברייט און פיר קלאַפטער אין דער לענג. ווי קומט עס, אַז ר' זלמינע זאָל אין דער לאַנגער שטוב אויך האָבן אַן אייגן שטיבל — דערפון שווייגט די היסטאָריע פון דער „טויטער גאַס". ר' זלמינע אַליין האָט אויך נישט געוווּסט, פאַרוואָס דער עק פון דער לאַנגער שטוב איז זיין אייגנס.

איינעם, וואָס האָט ר׳ זלמינען אויף טשיקאַווע געפרעגט וועגן דעם, האָט ער געענטפערט:

— איך ווייס אַליין נישט, ווי עס קומט, איך זאָל אין דער לאַנגער שטוב האָבן אַ חלק. דאַכט זיך, אַז צווישן מיינע אַלטע כתבים ליגט עפּעס אָנגעשריבן אויף לשון קודש, אַז דער חלק שטוב האָט אָפּגעקויפט מיין זיידע, און ווייטער ווייס איך גאָרנישט.

— סטייטש, — האָט אים יענער געפרעגט, — וואָס וועט איר טאָן, אַז טאָמער קומט איינער, אָדער די פּאָליציי און וועט אייך זאָגן, איר זאָלט איר דערווייזן, אַז דאָס איז אייער שטוב? וואָס וועט איר דעמאָלט טאָן? וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער לשון-קודש-פּאַפּירל, וואָס מען קען עס אַפילו נישט איבערלייענען?

— קיינער האָט מיך קיינמאָל נישט געפרעגט און קיינער וועט ווייטער נישט פרעגן. אַלע יאָר קומט מען נאָך שטייער-געלט, צאָל איך פינף גילדן אַ יאָר. וואָס נאָך דאַרף איך האָבן פאַר אַ פּאַפּירן, אַז עס איז מיין שטוב? אַלע ווייסן, אַז פיר קלאַפּטער די לענג און דריי קלאַפּטער די ברייט געהערן צו מיר און דאָס איבעריקע איז דעם בעל עגלהס. פאַראַן אויף דער „טויטער גאַס" נאָך אַ סך יידן, וואָס האָבן הייזער און האָבן אויך נישט קיין קוויטשעס.

ווען עס זאָל זיך געפינען אַזאַ נייגעריקער געשיכטעשרייבער, וואָס זאָל וועלן באַשרייבן די היסטאָריע פון דער „טויטער גאַס", ווי אַזוי זי איז געוואָרן אַ גאַס, ווי לאַנג עס האָבן זיך דאָ אָנגעהייבן באַזעצן מענטשן און בויען הייזער, וואָלט ער באַדאַרפט אַ סך יאָרן דאָ זיך וואַלגערן, אויסקריכן אַלע לעכער, אויסטאַפּן יעדעס שטיקל ערד, אַ סך זיך דערפרעגן ביי די אַלטע איינוווינער. דעמאָלט וואָלט ער געקענט קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די „טויטע גאַס" איז גאָר אַ מאָל קיין גאַס נישט געווען. עס איז גאָר געווען אַ פאַרוואַקסן פעלד, נישט ווייט פון דער שטאָט. די לאַנגע שטוב אונטערן נאָמען „די ראַבע מורליקע" איז געוויס געווען די ערשטע שטוב, וואָס עס האָט זיך דאָ געבויט. און ווען — איז זיך נישט מעגלעך צו דערפרעגן: עס ווייזט אויס זייער לאַנג. גאַנץ לאַנג איז דאָ געווען אַ פעסטונג, וואָס די שונאים האָבן חרוב געמאַכט און עס איז געבליבן אַ חורבה. מעגלעך, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ סקלאַד פון פּולווער, וואָס מען בויט שטענדיק הינטער דער שטאָט. וויאַזוי דערדאָזיקער בנין איז איבערגעגאַנגען צו אַ יידן, איז אויך שווער צו זאָגן, וואַרשיינלעך,

ווען די שונאים האָבן פון דעם גרויסן בנין געמאַכט אַ חורבה, האָט דאָס אָפּגעקויפט אַ ייד און האָט זיך דאָ געמאַכט אַ פעלד-קרעטשמע פאַר אַלערליי דורכפאָרנדיקע. גאַנץ לאַנגע יאָרן איז דאָ געווען אַ פעלדקרעטשמע, נאָר ווען די שטאָט ר... האָט זיך פאַרגרעסערט און די יידן האָבן אָפּגענומען אַ ניי שטיק פעלד פון יענער זייט קרעטשמע אויף אַ בית-הקברות, האָבן זיך לעבן דער קרעטשמע צו ביסלעכווייז אָנגעהייבן באַזעצן יידן אביונים, אַז כּדי טאָמער וועט מען דורכפירן אַ מת, זאָלן זיי אים נישט אָנווערן, און קענען כאַפּן אַ גראָשן פון „צדקה תציל ממות”...

עס זענען אַוועקגעגאַנגען טעג און יאָרן, עס האָבן זיך אַלעמאָל געיאַוועט נייע היימישע און פרעמדע קבצנים, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט די אַלטע אביונים, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט פון פריער, און האָבן זיך אויך אַלעמאָל אויסגעבויט נייע לעכער (הייזער) פון בלאָטע מיט שטרוי, מיט ערדענע דעכער. אין אַ צייט אַרום זענען די אַלטע אביונים געשטאָרבן און יעדער אביון האָט איבערגעלאָזט אויף דער טויטער גאַס אַ צענדליק נייע אביונימלעך. עס איז געוואָרן ענגער און מען האָט אָנגעהייבן בויען נייע לעכער, ביז עס איז געוואָרן אַ גאַנץ היבשע קאָלאָניע פון אָרעמעלייט, אַזוי, אַז ווען מען האָט דורכגעטראָגן אַ מת, זענען איבער דער גאַנצער גאַס פון ביידע זייטן געשטאַנען, ווי צוויי ווענט, לאַנגע שורות מיט אַלערליי אָרעמעלייט,— מאַנסביל, ווייבער, קינדער, און אַלע האָבן אויסגעשטרעקט די הענט...

ביז אין דער צייט, וואָס אונדזער דערציילונג הייבט זיך אָן, איז די גאַס אַזוי פול געוואָרן מיט אָרעמעלייט, אַז עס איז שוין נישט געבליבן קיין פלאַץ, ווו אויסצובויען אַ לאָך, כאָטש אַפילו אויף צוויי קלאַפּטער די לענג און די ברייט, און זיי פלעגן זיך דינגען אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, ביי די „באַלעבאַטים”, וואָס האָבן געהאַט אייגענע לעכער.

דעם טרויעריקן נאָמען „די טויטע” האָט די גאַס באַקומען אין איין צייט מיט דעם „בריקל”, וואָס איז געמאַכט געוואָרן איבער אַ קליין טייכל. ווייל אַז מען האָט געטראָגן אַ מת אויף דעם בית עולם, האָט מען געמוזט דורכגיין די גאַס און נאָך איבער דעם בריקל. דערום האָט מען נאָך פון דעמאָלט אָן זיי אָנגעהייבן צו רופן „די טויטע גאַס” און „דאָס טויטע בריקל”.

וועגן דעם בריקל דערציילן אַלע איינוווינער פון דער „טויטער

גאַס״ זייער שרעקלעכע מעשיות: אונטערן בריקל האַלטן זיך שטענדיק אויף מתים, רוחות, שדים א. ד. גל. און ווען מען טראָגט איבער דעם בריקל אַ מת, וואָס איז געווען אין לעבן אַ רשע, הייבן דאָרט אָן די רוחות און שדים צו טאַנצן, צו שפּרינגען, זינגען און קוויטשען אויף אַלערליי פאַרשידענע קולות, וואָס מען הערט עס גאָרנישט פון קיין מענטשן. בייַנאַכט אָבער, אפילו ווען מען טראָגט נישט דורך קיין מת, אַ רשע, רוען די רוחות אויך נישט.

דאָס אַלץ האָבן געהערט און געזען מיט זייערע אייגענע אויגן אַלע אייַנוווינער פון דער טויטער גאַס, אפילו קינדער, וואָס קענען נאָך נישט רעדן...

אין דער צייט אָבער, ווען מען האָט געטראָגן אַ מת, אַ צדיק, ווי, למשל, דעם ר—ער רב, וואָס איז געשטאָרבן פאַר עטלעכע און דרייסיק יאָר, זענען די רוחות אַוועקגעשווומען מיט דעם וואַסער, און אַז די לייט פון דער חברה קדישא האָבן זיך אומגעקערט צוריק פון פעלד, זענען זיי שוין ווייטער אַלע געווען אונטערן בריקל.

ווי שרעקלעך דאָס „טויטע בריקל״ איז געווען פאַר יעדן לעבעדיקן מענטשן, פונדעסטוועגן האָט עס געדינט בייַ די ד—ער גנבים פאַר זייער אַ זיכערן מאַגאַזין, ווו זיי האָבן דערווייל אָפּגעלייגט זייערע גנבות. קלענע זאַכן האָבן זיי באַהאַלטן אין די לעכער און שפּאַלטן הינטער דער בריק און גרויסע האָט מען געפּאַקט אין פעסער, אָנגעשמירט מיט סמאָלע און מיט צוגעבונדענע שטיינער האָט מען זיי אַראָפּגעלאָזט אויפן דנאָ און דאָרט זענען זיי געלעגן ביז אין דער גוטער צייט, ד. ה. ביז דער נביא*) האָט געזאָגט, וואָס מען זאָל טאָן. די גאַנצע נאַכט פלעגן זיי אַרבעטן הינטערן בריקל פראַנק און פרייַ. קיינער האָט זיי נישט געשטערט. קיינער האָט זיך גאָרנישט אייַנגעשטעלט דאָס לעבן דורכצוגיין אָדער דורכ-צופאָרן בייַנאַכט איבערן בריקל. די, וואָס האָבן געוווינט נאָענט צום בריקל, האָבן אוודאי מורא געהאַט צו גיין, ווען זיי האָבן געהערט, אַז שדים מיט אַלערליי רוחות קלאַפּן און רעדן דאָרט.

*) „נביא״ הייסט דער ראש איבער אַלע גנבים. אַליין גייט ער קיינמאָל נישט גנבענען, נאָר אָן דעם „נביא״ ווערט נישט געטאָן קיין שום זאַך. ער דאַרף וויסן דאָרט פון אַלע גנבות. דעם, וואָס מען באַגנבעט, גייט צום „נביא״ און מען גלייכט זיך אויס מיט אים פאַר אַ געוויסן פּרייז. דעמאָלט זאָגט ער אויס, אַז די גניבה איז דאָ און אַז ער באַקומט דאָס געלט, קערט ער אום די גניבה.

א גוישער בעטלער, א שלעפער — האָט זיך אויך געפונען זיין מנוחה אויף גאָטס וועלט אויף דער „טויטער גאַס".

געוויס, צוליב דער „ראבער מורליקע", האָבן זיך אויף דער גאַס אויך באַזעצט די אַלע חדר-יינגלעך *).

אַלע איינוווינער פון דער טויטער גאַס, אַפילו קליינע קינדער, גוים און יידן האָבן געקענט ר' זלמינען, אַ״ט און יינג האָבן אים גערופן „זיידע" אָדער „זיידעניו". אַלע האָבן אים ליב געהאַט און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד; ער האָט אויך יעדן געקענט. און יעדן ליב געהאַט, יעדן געענטפערט פריינטלעך, ווער עס האָט אים נאָר געפרעגט, געגעבן עצות און געטאָן טובות און בכלל געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אין די אָרעמע הייזער פלעגט ער אויך אָפט קומען, נאַ-טירלעך, נאָר אין אַ נויט, ווען איינער איז שלאַף געוועזן און מען האָט באַדאַרפט האָבן הילף. אַפילו די גנבים אין אַ נויט, ווען זיי פלעגן קומען בעטן צו אים, פלעגט ער אויך נישט אָפּזאָגן. ער פלעגט אויף זיי נישט קוקן מיט פאַראַכטונג, ווי דער שטייגער איז צו קוקן אויף אַזוינע לייט, נאָר ר' זלמינע פלעגט אויף זיי שטענדיק קוקן טרויעריק און מיט רחמנות, ווי אויף „אומגליקלעכע".

— זיי זענען אומגליקלעכע מענטשן, טייל פון זיי האָט די וויסטע נויט געבראַכט דערצו, און אַ טייל זענען פאַרפירט, — פלעגט ר' זלמינע אָפט זיי באַדויערן.

אַמאָל, ווען ער פלעגט דערטאַפּן איינעם, פלעגט ער אים מוסרן, שטראָפן ביז דער גנב פלעגט אים צוזאָגן, אַז ער וועט שוין מער נישט גנבענען און וועט ווערן אַן ערלעכער ייד. ער זאָל אים נאָר קויפן אַ סידור, וועט ער שוין אָנהייבן דאַווענען, ר' זלמינע האָט אים געגלייבט און אים געבראַכט אַ ניי סידור, דער גנב האָט דאָס סידור גלייך פאַרקויפט אין אַ שענק און פאַרטרונקען. פאַרשטייט זיך, אַז ר' זלמינע האָט דערפון נישט געוווסט און האָט נישט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז דער גנב איז באמת געוואָרן אַן ערלעכער ייד. ר' זלמינע

---

*) „חדר-יינגלעך" הייסן יענע גנבים, מיט וועלכע די גרויסע, עלטסטע גנבים שאַפן און שיקן, ווו מען דאַרף. זיי גייען אַפילי אין פייער אריין, קריכן אין די פענסטער, אין די בוידעמס, אין די שטאַלן א. אַז. וו. די „חדר-יינגלעך" נעמען נאָר א געוויסן פראָצענט פון די גרויסע און אַן זייערע באַטשאַלניקעס טאָרן זיי נישט טאָן קיין שום זאַך. מ י כ א ל ק ע און א ה ר ק ע ס י ב י ר נ י ק זענען אויך געוועזן פון די „חדר-יינגלעך".

האָט יעדן מענטשן געגלויבט אויפֿן וואָרט, ווער שמועסט נאָך, אַז דער גנבֿ האָט אים אין אַ צייט אַרום באַגעגנט און געזאָגט:

— ריידע, איר זאָלט זען, ווי זינט איר האָט מיר געקויפֿט דעם סידור, דאַוון איך אַלע טאָג און גנבֿע שוין נישט...

ר׳ זלמינע פֿלעגן פֿאַר פֿרייד זיך שטעלן טרערן אין די אויגן.

— גוט, מיין קינד,—אַזוי פֿלעגט ער אים ענטפֿערן און פֿריינט-לעך דריקן די האַנט. דער גנבֿ האָט טאַקע ווייטער געגנבֿעט, נאָר ר׳ זלמינע האָט אַלץ ווייטער נישט אויפֿגעהערט צו גלויבן, אַז אַפֿילו דער שלעכטער מענטש קען פֿון זיך מאַכן, וואָס ער וויל. מען דאַרף אים נאָר מיטהעלפֿן — און ער פֿלעגט מיטהעלפֿן.

כאָטש ר׳ זלמינע איז געווען דער נאָענטסטער שכן פֿון דער „ראַבער מורליקע״, פֿונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס דאָרט קומט פֿאָר, דעם באַלעבאָס פֿון שענק, גאָד, דער רויטער בעל עגלה, האָט ר׳ זלמינע געהאַלטן פֿאַר אַ גראָבן מענטשן, נאָר פֿאַר אַן ערלעכן פּראָסטן ייד, וואָס פֿאַרדינט זיך די פּרנסה דערפֿון, וואָס ער איז אַ בעל עגלה און דאָס ווייב אַ שענקערין. אַי, מען הערט אָפֿט אין שענק פֿאַרשידענע קולות פֿון שכּורים, גנבֿים, — אין וועלכן שענק איז דאָס נישטאָ?

בכלל איז פֿון דער נאַטור געלעגן אין ר׳ זלמינעס כאַראַקטער צו קוקן אויף יעדן מענטשן — פֿון דער גוטער זייט. די שלעכטע זייט האָט ר׳ זלמינע זעלטן באַמערקט. אויף דער שלעכטער זייט איז ר׳ זלמינע געווען כמעט אַ בלינדער...

אַלע מענטשן האָבן אויגן און קוקן אויף גאָטס וועלט, נאָר יעדער קוקט אַנדערש: ביי איינעם קומט אויס אַלץ קרום, אַלץ שלעכט, מיט קיין זאַך איז ער נישט צופֿרידן, קיין זאַך געפֿעלט אים נישט אויף דער וועלט, און דאָס גוטע, גלייכע באַמערקט ער קיינמאָל נישט...

אָט דער סאָרט מענטש איז דאָס רובֿ פֿון דער נאַטור געבוירן שלעכט, מיט אַ קרום פֿאַרגליווערט שוואַרץ האַרץ!

ווידער זענען דאָ מענטשן, וואָס דערזעען די „גוטע זייט״ מיט דער „שלעכטער זייט״ גלייך. אַזוינע מענטשן זענען געוויס פּראַקטישע און האָבן באַקומען אַ ריכטיקע דערציִונג.

און ווידער איז דאָ אַ סאָרט מענטשן, וואָס באַמערקן נאָר די „גוטע זייט״. אָט די מענטשן זענען פֿון דער נאַטור געבוירן געוואָרן מיט

גוטע ווייכע הערצער און האָבן אין זייער לעבן נאָר צרות מיט נויט איבעגעטראָגן, און פון אַ גוט לעבן האָבן זיי אַפילו נאָר עטוואָס פאַרזוכט. די מענטשן, וואָס ווייסן דעם ביטערן טעם פון נויט, פון אָרעמקייט, און וואָס האָבן אין זייער לעבן צוגעזען אַלעליידן, וואָס דער מענטש טראָגט איבער די, וואָס ווייסן דעם טעם פון הונגער, פון קעלט, די, וואָס גלויבן יענעם, אַז ער זאָגט: „ברודער עס איז מיר שלעכט" — אָט די מענטשן, אַז זיי באַמערקן יאָ אַמאָל די שלעכטע זייט פון דער וועלט, שטעלן זיך זיי טרערן אין די אויגן, דאָס האַרץ ווערט זיי צעגאַנגען און עס ווילט זיך זיי מיט ביידע הענט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט מענטשן, פריינטלעך זיי צודריקן צום האַרצן און זיי זאָגן: „ברידער מיר זענען דאָך אַלע מענטשן פון גאָטס וועלט... מיר אַלע האָבן איין גאָט און ער האָט אונדז באַשאַפן און אונדז געשענקט אַזאַ טייערע שיינע זיסע וועלט, פאַרוואָס זשע זאָלן זיך די אַזוי מוטשען אויף דער וועלט און די... פאַרוואָס זאָל איינער דעם אַנדערן וועלן שלעכטס טאָן?... אָ! איז דען ענג די וועלט פאַר אַלע מענטשן!... האָט דען גאָט באַשאַפן איבעריקע מענטשן אויף דער וועלט?... נאָר... נאָר..."

און דער סאָרט מענטש באַוואַשט זיך דאָס פּנים מיט טרערן און דאָס האַרץ מיט הייס בלוט.

צו דעם לעצטן סאָרט מענטשן האָט געהערט אונדזער ר' זלמינע. איז ער געוועזן אַ ייִד און געהאַט דאָס אמתע ייִדישע ווייכע גוטע האַרץ, דאָס ייִדישע האַרץ, וואָס ווייסט נויט, צרות, וואָס פילט, אַז יענער איז הונגעריק, ער גלויבט, אַז יענער זאָגט „עס טוט וויי", „עס איז שלעכט", און געפינט אין יעדן אומגליקלעכן פאַרברעכער אַ זכות.

אויף דעם אומגליקלעכן מיידל, וואָס האָט זיך איצט געפונען אין זיין שטוב, האָט ר' זלמינע אויך געפונען אַ זכות, און האָט באַשלאָסן צו גיין צו איר פאָטער ר' שמואל-בער, זיך לייגן, ווי מען זאָגט, אין דער לענג און אין דער ברייט, און אומקערן די אומגליקלעכע טאָכטער צו אירע עלטערן.

איינדערפרי, ווי ר' זלמינע האָט נאָר אָפּגעדאַוונט, איז ער געגאַנגען צו ר' שמואל-בערן.

איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— רער טאַטע מיט דער מאַמען ווייסן נאָך גאָרנישט?

— ניין, — האָט זי געענטפערט. — זיי ווייסן נישט, איך האָב זיי די גאַנצע צייט אַ וואָרט נישט געזאָגט.

— נו, זייער גוט, וואָס זיי ווייסן נאָך גאָרנישט. עס וועט מיר זיין גרינגער מיט זיי אָנהייבן צו רעדן.

— איר מעגט זיין זיכער, אַז זיי ווייסן נאָך נישט. נאָר ר׳ זלמינע, איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי וועט איר זיי זאָגן? איר וועט גאָרנישט פועלן ביי זיי. איר וועט דאָך זיי נישט זאָגן, אַז איך בין ביי אייך, אַ יאָ, ר׳ זלמינע?

— דאָס איז געווענדט אָן דיר, מיין קינד, ווי אַזוי די ווילסט.

— גאָט זאָל אייך אָפּהיטן, ר׳ זלמינע, צו דערמאָנען, אַז איך בין ביי אייך! איך וועל ליבער אַוועקגיין פון אייך, איידער מיינע עלטערן זאָלן וויסן, אַז איך בין ביי אייך.

— איך וועל נישט זאָגן, איך... איך בעט גאָט, מיין מי זאָל נישט זיין אומזיסט. דיינע עלטערן זאָלן אויף דיר רחמנות האָבן — מען דאַרף רחמנות האָבן אויף אַן אומגליקלעכער...

ר׳ זלמינע האָט געזאָגט אַ גוטן טאָג, זיין אייניקל איבערגעלאָזט עטלעכע גראָשן און איז אַוועקגעגאַנגען.

V

דאָס שטיקל פּאַפּיר.

— זיי ווייסן שוין, יאָ זיי ווייסן... און איך האָב גאָר פאַרגעסן, — האָט לאה געזאָגט, נאָכדעם, ווי ר׳ זלמינע איז אַוועקגעגאַנגען.

זי האָט טאַקי באמת פאַרגעסן, אַז ביי איר אין קאָמאָד איז געלעגן אַן אויפזאַץ פון בריף, אין וועלכן זי האָט געשריבן די עלטערן גאַנץ אויספירלעך פון איר אומגליק און ווי זי מוז פון זיי אַוועקגיין. נאָר זי איז דעמאָלט נישט אַוועקגעגאַנגען. ווי נישט איינמאָל,

ווען זי האָט זיך באַשלאָסן צו געזעגענען מיט אירע עלטערנס הויז, האָט זיך שטענדיק אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס זי איז געבליבן ווייטער אינדערהיים. זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן. דעם בריוו אָבער, וואָס זי האָט אָנגעהייבן שרייבן, האָט זי איבערגעלאָזט און האָט גאָר פאַרגעסן אין דעם.

— ווען זיי וועלן מיך אין מיין שטיבל אינדערפרי נישט געפינען, וועלן זיי געוויס זוכן די סיבה פון מיין אַוועקגיין... זיי וועלן לייענען...

לאה וואָלט געשריגן פאַר שרעק, זי וואָלט געוויינט, זיך געריסן ביי די האָר פאַר ווייטיק, נאָר... זי האָט זיך געשעמט פאַר שיינדעלען... זי האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען און שטיל, אָן ווערטער, פאַרביסן מיט די ליפּן.

שיינדעלע איז גאָר געווען פריילעך און האָט געטאַנצט אַרום לאהן מיט גרויס פרייד.

און פאַרוואָס זאָל זיך שיינדל נישט פרייען איבער לאהן? זי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר גליקלעך, ווען זי איז שבת געגאַנגען אין שטאָט און האָט באַגעגנט לאהן און געזען, ווי זי גייט שוין אָנגעטאָן, און איצטער איז זי ביי איר זיידן אין שטוב און רעדט מיט איר. אָ! ווען אירע חברטעס זאָלן וויסן דערפון, וואָלטן זיי זיך צונויפגעלאָפן קוקן, ווייל ווען זעט מען גאָר אויף דער „טויטער גאַס" אַ מיידל אָדער אַ ווייבל, וואָס גייט שיין אָנגעטאָן? נאָר שיינדעלע האָט נישט געקענט דערציילן אירע חברטעס, ווארים איידער זי האָט געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב, לויפן אין קלייטל, עפּעס קויפן צום אָנבייסן, האָט זי לאה צוגערופן און געזאָגט:

— שיינדעלע! גאָט זאָל דיך אָפּהיטן צו דערציילן עמעצן, אַז איך בין ביי אייך... ווארים אַז נישט, וועל איך מוזן באַלד אַוועקגיין פון אייך. אַז דו וועסט זיין אַ ווויל מיידל, וועל איך דיר שענקען געלט אויף אַזאַ קליידל, ווי איך גיי...

שיינדעלע האָט באַלד פאַרשטאַנען, „אַז מען דאַרף שווייגן", נאָר וואָס, למשל, — האָט זי זיך קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן, און זי האָט געשוויגן.

* * *

ווען ר׳ זלמינע איז אַריינגעקומען צו ר׳ שמואל-בערן אין שטוב, האָבן אים לאהס עלטערן באַגעגנט מיט בלייכע פּנימער.

— נאָר וואָס האָבן מיר נאָך אייך געוואָלט שיקן. אַ גרויס אומגליק האָט אונדז געטראָפן. מען האָט אונדזער לאהניו אַרויסגעגנבעט און אונדז בדיל הדל געשטעלט, אַלע שלעסער פון די קאָמאָדעס מיט די שאַפעס אויפגעבראָכן און אַרויסגענומען, וואָס עס איז נאָר געווען. וואָס זאָלן מיר אָנהייבן צו טאָן, ר׳ זלמינע! — האָב די אומגליקלעכע נישט אויפגעהערט צו וויינען.

ר׳ זלמינע איז געבליבן שטיין, שטאַרק פאַרוואונדערט און זייער דערשראָקן, אַז ער האָט קיין האַלב וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן און האָט זיך גלייך אָן ווערטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. אין די אויגן איז אים געוואָרן פינסטער, אַזוי, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

וואָס? סטייטש? זי האָט זיי באַגנבעט, בדיל הדל געשטעלט און איז געקומען צו אים אין שטוב, ער זאָל איר העלפן? ר׳ זלמינע זאָל העלפן אַ גנב, זיך צו באַהאַלטן פאַר זיינע גנבות, אים אָפּגענאַרט אַזוי געמיין, אַזוי פאַלש, אַז זי איז אומגליקלעך... מען האָט זי פאַרפירט...

מען קען זאָגן, אַז ר׳ זלמינע איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געוואָרן אין כעס אויף אַ מענטשן. ער האָט שוין געוואָלט גלייך זאָגן אירע עלטערן:

— גייט צו מיר, זי איז ביי מיר אין שטוב מיט אַלע גנבות.

נאָר אין דער מינוט האָט ער זיך באַטראַכט: ניין, עס קען נישט זיין. עס מוז עפּעס דאָ זיין. אַ מענטש וויל עפּעס טאָן, דאַרף ער זיך באַטראַכטן, און ר׳ זלמינע האָט ווייטער געשוויגן.

וויפל די אומגליקלעכע עלטערן האָבן נישט געוויינט איבער אים, האָט ער זיך מיט קיין האַלב וואָרט נישט אָנגערופן וועגן לאהן, חוץ די ווערטער:

— וואָס קען מען טאָן? מען מוז זיך פריער באַטראַכטן, באַרויקן, מען טאָר זיך אַזוי נישט מצער זיין. שפּעטער וועלן מיר זען. און, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער זיי נאָר געטרייסט און געטרייסט...

* *
*

די „ראבע מורליקע" האָט זיך כמעט קיינמאָל נישט פאַרמאַכט.

ווי דער שטייגער איז, זענען שענקען אָפן ביז אַ צייט, ד. ה. דעם גאַנצן טאָג ביז צוועלף בייַנאַכט. דידאָזיקע שענק אָבער איז געווען אָפן טאָג און נאַכט, און יעדן מעת־לעת האָבן זיך געביטן אַלעמאָל נייע בילדער און סצענעס.

גאַנץ פרי, אַרום זעקס אַ זייגער, איז די שענק געווען פוסט, פאַרן בופעט האָט געדרעמלט שטענדיק רחלעס דינסט, וואָרים רחלע אַליין האָט זיך אין דער צייט נאָר וואָס געלייגט שלאָפן. ארום האַלב זיבן אַ זייגער האָבן זיך אין שענק אָנגעהייבן שיטן, ווי זאַמד אין ים, אַלערליי אָפּגעדאַווענטע קבצנים, צו נעמען אַ „ביסל בראָנפן", אָדער, ווי זיי זאָגן: „אונטערהאַלטן די נשמה", מען זאָל האָבן כוח אַרומצושפּאַנען דעם גאַנצן טאָג איבער די טירן.

דאָס רוב קבצנים גייען אַרויס פון דער היים הונגעריק. עס איז נישטאָ קיין שטיקל ברויט איבערצובייסן, נאָר אַ ביסל בראָנפן. מוז מען נעמען. נאָך פון די נעכטיקע נדבות. רעכנט אויס דער קבצן אַזוי, אַז אויף מאָרגן זאָלן אים איבערבלייבן צוויי קאָפּיקעס אויף אַ ביסל בראָנפן. די, וואָס האָבן נישט קיין צוויי קאָפּיקעס, לייגן זיך צו־נויף צו קאָפּיקעס און מען קויפט צוזאַמען אַ ביסל בראָנפן. דאָס בי־סעלע, וואָס בלייבט אויף דעם דנאָ, גיבן זיי אויסזייגן זייערע קינדער־לעך, וואָס לויפן נאָך דעם טאַטן אין שענק.

אַזוי איז אין שענק אַ גערודער פון אָרעמעלייט ביז צען אַ זייגער. פון צען ביז צוועלף איז כמעט שטיל. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן, אַזוי, אַז די דינסט, וואָס שטייט ביים בופעט, שלאָפט גאַנץ רו:ק. נאָך פון צוועלף אַ זייגער הייבט זיך אָן אין שענק אַ נייע וועלט מיט נייע סאָרטן מענטשן. וואָרים ערשט איצטער זענען מיכאַלקע מיט סיבירניקן אויפגעשטאַנען פון שלאָף פון דער נאַכט האַרעוואַניע.

אָבער אמת לעבעדיק ווערט אין שענק, ווען עס הייבט זיך אָן די נאַכט און וואָס שפּעטער אַ;ן שפּעטער, ווערט אַלץ לעבעדיקער פון אַלערליי מענטשן.

אין דער גרויסער שטוב, ווו עס שטייט דער בופעט מיט די

פעסלעך בראָנפן, איז כמעט יעדן אָוונט פול מיט אַזוינע לייט, ווי מיכאַלקע און סיבירניק, אָפּגעריסענע אָפּגעשליסענע גנבים, קאַרמאַני-שטשיקעס, וואָס גנבענען און האָבן קיינמאָל קיין גאַנץ העמד נישט אויף זיך.

אָבער גאָר אַנדערע סאָרטן מענטשן געפינען זיך אין די צוויי, דריי שטיבלעך, וואָס ציִען זיך ווייט אין דער טיפעניש פון דער שענק.

איין שטיבל איז כמעט יעדן אָוונט פול מיט חברה קדישא-לייט *), וואָס האָבן, צוריקגייענדיק פון פעל"ד, ווי זייער שטייגער איז שטענדיק, זיך אַריינגעכאַפּט אַהער. דאָ האָט מען פאַרגאָסן דעם האַלדז מיט בראָנפן, מיט וויין און פאַרבייסט מיט געגנדזישע העלדזלעך, פופקעס און גריוון. אַלע שרייען און רעדן. עס גייט אַ שמועס וועגן אַ מאָגערן מת.

— אַזאַ אָפּגעשוינדענע פעל איז קראַנק געוועזן אַליין צו קומען אויפן פעלד און זיך אויסגראָבן אַ גרוב.

— און זיך טאַקע אַליין אַריינלייגן.

— מילא, פאַרשיטן, וואָלטן מיר אים שוין פאַרשאָטן אַליין — און ער איז גאָר נאָכן טויט געוואָרן אַ מיוחס און מיר דאַרפן אים טראָגן, גראָבן ערד פונזיינעטוועגן... אַ סך משרתים האָט ער געהאַט אַזוינע? זיין ווייב איז נישט קראַנק צו באַצאָלן... מילא, די גרויסע

*) יעדע חברה-קדישא באַשטייט פון צווייערליי מינים מענטשן. איין טייל באַשטייט פון לויטער שיינע שטאָט-באַלעבאַטים. ווען זיי מאַכן אַ סעודה פון אַ פעטן מת, מאַכט מען זי אָדער ביים גבאי אין שטוב אָדער ביי איינעם פון זייערע באַלעבאַטים. זיי גייען נישט אין קיין שענק. דער צווייטער טייל באַשטייט שוין פון אַלערליי אָרעמעלייט, ווי, למשל, גרעבערס, שומרים פון בית הקברות, שמשים און די אַלע לייט, וואָס פאַרען זיך אַרום דעם מת. זיי ווייסן מער נישט, אַז וויבאַלד מען גייט צוריק פון פעלד, מוז מען גלייך אַריינגיין אין דער ערשטער שענק, ווו מען שיכורט און מען עסט, ביז עס בלייבט נישט אַ גראָשן. דער נאָענטסטער שענק צו ר—ערס בית הקברות איז געוועזן די „ראָבע מורליקע", און דאַרום זענען זיי שוין דאָ געוועזן, ווי היימישע. איך מוז אויך דאָ באַמערקן, אַז ביי דעם „פיינערן" טייל פון דער חברה-קדושא זענען נישט געוועזן אַזוי אָפט סעודות, ווי ביי צווייטן. וואָרים די ערשטע קענען האָבן אַ סעודה פון אַ פ ע ט ן מת, וואָס דאָס טרעפט זיך נישט אָפט; די צווייטע אָבער האָבן שטענדיק גענאַשט אַפילו פון דעם גרעסטן קבצן.

חברה, זיי אַרט דאָס גאָרנישט. ביי זיי איז, וויבאַלד נישט קיין פּעטער פּגר, ווי זיי קענען אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל, ווערן זיי פרומע יידן און זאָגן, אַז מען דאַרף אומזיסט, כאַ כאַ פאַר עולם-הבא. צו וואָס? ניין, ברודערלעך! עס איז טאַקע פאַר אונדז זייער אַ גרויסער כבוד צו הייסן חברה קדישא-לייט, נאָר אָן אַ ביסל בראַנפן מיט עפּעס פאַרבייסן גייט דאָ ביי אונדז נישט, דערויף הייסן מיר זיך חברה קדישא. ווו האָט איר געזען קדישא צווישן אונדז יעדן אָן אַ ביסל בראַנפן?

— דאָס ווייב זיינע האָט געוויינט און געוויינט, אַז זי האָט נישט און פונדעסטוועגן האָט זי געבראַכט פינפאונצוואנציק קערבלעך, היינט גיי גלייב אָפּ די לייט.

— איך האָב פאַרזעצט די קישן מיט דעם איבערבעט, — האָט יענע געזאָגט.

— נו וואָס-זשע האָסטו איר דערויף געענטפערט?

— וואָס האָב איך איר געזאָלט ענטפערן? איך האָב איר געזאָגט, אַז אַזוי ווי זי איז זיך באַגאַנגען מיט איר געשטאָרבענעם מאַן, קען זיך נאָר באַגיין אַ מרשעת.

— כאַ, כאַ, וואָס הייסט אַ מרשעת?

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן צווישן יידישע ווייבער? אַ מאַן, וואָס האָט געהאָרעוועט אַלע זיינע יאָרן און נאָך זיין טויט איבערגעלאָזט בעטגעוואַנט, ווייל זי אים ירשענען און עס אַרט זי גאָרנישט אַפילו ווען מיר זאָלן אים טראָגן מיט טרוקענע העלדזער...

— און ווי געפעלט אייך, ווי אונדזער גבאי מיט די גרויסע חברה-לייט זענען געוואָרן פלוצלונג פרום און האָבן באַקומען ווייכע הערצער אויף אַלמנות מיט יתומים און האָבן אונדז אָנגעהייבן מוסרן, פאַרוואָס מיר ווילן געלט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ אָרימאַן איז פאַר זיי נישט כדי צו ווערן געלט, זיי האָבן ליב צו נעמען פון פעטע מתלעך... מיר קענען זיך, נעבעך, באַגניגן מיט אַ מאָגערס אויך... וואָס האָבן מיר דען פון די פעטע? דאָס פעטע בלייבט שטענדיק ביי זיי און דאָס מאָגערע קומט אונדז אָן...

• - •
•

אין צווייטן צימער שטייט אויך אַ טיש מיט נישט קיין ליי־דיקע פלעשלעך, גלעזלעך און טעלער. נאָר דאָ גייט נאָר אַן אַנדער שמועס פון אַנדערע סאָרטן מענטשן.

דאָ זיצט איצטער גאָדל מיט נאָך עטלעכע מענטשן, זיין ווייב רחלע לויפט אַריין כמעט אַלע פערטל שעה. גאָדלס מוטער, די אַלטע שפּרינצע, וואָס האָט, אַפּנים גאָר ווי אַ רעביצן, טרעט נישט אָפּ פון טיש. דאָ רעדן אַלע זייער שטיל.

ווען אַ זייטיקער מענטש זאָל איצט אַ קוק טאָן אין דעם שטיבל, וואָלט ער זיך באַלד געוווּנדערט אויף זייערע פאַרשידענע קליידער, וואָס פּאַסן גאָרנישט איינס צום אַנדערן, און ווי קומט עס, אַז זיי זאָלן אַזוי זיצן ביי איין טיש און רעדן אַזוי פריינטלעך. נאָך זייערע קליידער נאָך דאַכט זיך, אַז זיי זענען מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן.

גאָדל טראָגט אַ פּאָר פּיאות מיט אַ לאַנגער באָרד, ווי אַ גוטער ייד. אָבער דאָס וואַטאָווע לייבל, ארומגעגאַרטל מיט אַ רויטן גאַרטל, טראָגט ער שוין ווי אַ בעל־עגלה, און דערצו נאָך אַ פּאָר גרויסע שטיוול, געשמירט מיט טראָן. קעגן אים זיצט אַ יונגערמאַן, געקליידט אייראָפּעיש נאָך דער נייעסטער מאָדע. די באַקן אויסגעגאָלט און מיט אַ קליין בערדעלע „אַלס נאַפּאָלעאָן”, אַ גילדענער פּאַנסנע אויף דער נאָז, אַ דין געפלאָכטן שטעקעלע אין דער האַנט און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ צילינדערהוט; אינגאַנצן האָט ער אַ פּנים פון אַ פראַנצויזישן פראַנט. נאָר דאָ אין שטיבל רופט מען אים לייבקע קוואַסניק. ווי מען רופט אים ערגעץ אַנדערש — ווע־לן די לעזער זיך דערוויסן אַ ביסל ווייטער, ווי ער וווינט און פון וואָס פאַר אַ שטאָט ער איז, ווייסט ער אַליין נישט.

הײנט איז ער אין ר., מאָרגן אין אדעס און איבערמאָרגן אין סטאַמבול. היינט גייט ער געקליידט ווי אַ פראַנט. מאָרגן ווי אַ יידישער יונגערמאַן און איבערמאָרגן ווי אַ הויז־משרת פון אַ יידישער אכסניה. לעבן אים זיצט איינער אין אַ יידיש היטל, אַ גויִשע צעריסענע סוויטע און מיט שטיוול אָן פּאָדעשוועס. דאָ רופט מען אים וועלוול קיטאַיעץ, לעבן אים זיצט נאָך אַ יונגערמאַן, נאָר מיט

געזונטע ברייטע פּלייצעס, אָנגעטאָן אין אַ גויִישן פּעלץ מיט אַ ייִדישן סאַמעטענעם היטל און מען רופט אים יענקל טאָטער.

גאָר אויבן אָן זיצט איינער, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, געקליידט זייער רייך, קיילעכדיק, די באָרד געשוירן, די קליידער אונטערגעהאַקט ביז אין די קני. אויף דער זשילעט הענגט אַ גראָבע גאָלדענע קייט, ער וווינט שטענדיק אין אדעס און קומט אַהער צו פאָרן כמעט אַלע יאָר אויף עטלעכע טעג, פונקט ווי דאָ איז ביי אים „יאָר-יריד".

ביי זיך אינדערהיים רופט מען אים לעאָן באָריסאָוויטש לעדערבערג, נאָר דאָ רופט מען אים פּראָסט לייבקע; לעבן אים זיצט גאָדלס אַלטע מוטער, חייקע די קורלאַפּניטשקע מיט אַ וואָלענער זאַק אין דער האַנט און דרייט מיט די שפּיזלעך ווי אַ רביצן.

חייקע איז נישט נאָר געווען אַ קורלאַפּניטשקע, נאָר אויך אַ מעקלערין פון דינסטן. זי האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע הייזער אין ר... אַז מען האָט נאָר באַדאַרפט האָבן אַ דינסטמיידל, האָט מען געזאָגט חייקען, דערפאַר איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס זי איז געווען אַ היימישע אין אַלע קיכן פון די ר.—ער באַלעבאָסטעס. אַלע קעכינס און דינסטמיידן האָבן חייקען גערופן „מומע". פאַר איר האָבן זיי זיך אויסגערעדט די הערצער, וועלכע באַלעבאָסטע איז אַ גוטע און וועלכע נישט. אויך האָט די מומע געוווּסט אַלע זייערע סודות; וויאַזוי עס לעבן די באַלעבאַטים מיט זייערע מאַנען, צו וועלכער דינסט עס טשעפּעט זיך דעם באַלעבאָס איידעם, דעם באַלעבאָס זון אָדער דער באַלעבאָס אַליין — מיט וועמען די באַלעבאַטישע קינדער פירן ליבעס, און פון אַלע אַנדערע שטוב-אינטריגעס מיט סודות.

שבת בייטאָג נאָך דעם עסן, ווען אַלע ייִדישע דינסטן און קעכינס זענען פריי און מעגן אַוועקגיין פון דער שטוב, האָט מען שטענדיק געקענט געפינען ביי דער „מומען" אין שטוב עטלעכע פון די דינסטן. יעדע האָט פאַר איר אויסדערציילט איר האַרץ, און די „מומע" פלעגט זיי ראַטן ווי צו טאָן, און ווי זיך צו באַגיין.

אַלע האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ פרומער ערלעכער ייִדענע. זי פלעגט שטענדיק נאָר רעדן מיט גאָט און דערציילן גרויסע נסים פון אים.

ביי חייקען האָבן זיך אויך שטענדיק געפונען עטלעכע דינסטן אָן שטעלעס, דאָ פלעגן זיי דערווייל האָבן קוואַרטיר, עסן, טרינקען

און א גראָשן ביז אין דער צייט, ווען זיי האָבן באַקומען ערטער, און דערנאָך פלעגן זיי איר אָפּגעבן צוזאַמען מיט מעקלעריי: אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מען איז ביי חייקען, באַקומט מען סוף כּל סוף אַ שטעלע, ווען נישט אין ר. איז אין אַן אַנדער שטאָט. איז איינע פון זיי אַ שיינע, גיט איר די „מומע" אַ חתן פון אַ גרויסער שטאָט א. אַז. וו.

חייקע איז איצט צווישן די קאָמפּאַניע געזעסן ווי אַ פּאַרזיצערין, אַלע האָבן איר געקוקט אין מויל אַריין און נאָכמער ה׳ לעדערבערג, וואָרים אַלע האָבן געוווּסט צו שעצן איר גרויסן ווערט אין דער זאַך, ווי זי איז דער הויפּט-שליסל פון דעם גאַנצן גרויסן געשעפט, וואָס ה׳ לעדערבערג פירט.

זייער שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי אַלע געזעסן און גע-רעדט, געמאַכט אַלטע חשבונות, אָפּגערעדט פון נייע פּלאַנען, פּונקט ווי פּאַראַיאָרן, ווען ה׳ לעדערבערג איז געקומען צופאָרן. ער האָט איצט אַרויסגענומען אַ גראָב פּעקל אַסיגנאַציעס און יעדן אָפּגעציילט זיינס. ווי עס האָט אויסגעזען, זענען אַלע געווען זייער צופרידן און נאָכמער ה׳ לעדערבערג אַליין.

— גאָספּאָדאַ, האָט ער געזאָגט, מיר האָבן אַלץ אָפּגעענדיקט, ווי עס דאַרף צו זיין. נאָר חוץ די פּופּציק שטיק, וואָס איר דאַרפט מיר צושטעלן היינטיקס יאָר, באַדאַרף איך ווי צום גיכסטן האָבן איינע, נאָר סחורה! מען האָט מיר וועגן דעם געשריבן, פון קיין געלט איז קיין רייד נישט, אַבי נאָר סחורה!

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער האָט געענטפערט:

— סחורה אַזוינע, ווי איר ווילט איז שווער צו קריגן, אַז עס וועט זיך מאַכן, וועלן מיר פאַר אייך אין די קעשענעס נישט באַהאַלטן.

— איך ווייס זייער גוט, נאָר איך דאַרף האָבן ווי צום גיכסטן. און אַז איר, חייקע וועט מיר נישט העלפן, וועל איך מוזן זוכן ערגעץ אַנדערש.

אַלע האָבן אָפּגעשטעלט זייערע אויגן אויף חייקען.

— איך האָב אויף אַזאַ סחורה שוין לאַנג אַן אויסזיכט,—האָט זיך חייקע אָנגערופן. נאָר איך וואַרט אַלץ, ווי עס זאָל מיר גלייך אַריינ-פאַלן אין די הענט און דעמאָלט ווייס איך שוין. וויפל איך וואָלט ביי דיר, לייבקע, גענומען פאַר איר, וואָרים אַזעלכעס טרעפט זיך

זעלטן, נאָר דערווייל ווייס איך אַליין נישט, דערום קען איך דיר גאָרנישט זאָגן, טאָמער וועט גאָט העלפן שפּעטער.

— וואָס איז פּאַר אַ סודות? — האָט זיך אָנגערופן איר זון גאָדל, ביי אונדז דאַרפן נישט זיין קיין סודות, ווייסט עפּעס צו זאָגן, זאָג, טאָמער וועלן מיר אויך קענען מיטהעלפן.

— איר מיינט, אַז נאָר אַ מעקלערין קען, מיר קענען אויך אַמאָל עפּעס אויפטאָן, האָבן זיך אייניקע אָנגערופן.

חייקע האָט פון קעשענע אַרויסגענומען אַ צונויפגעקנייטשט פּאַפּירל.

— אָט, דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט מיר געגעבן דאָס דינסטמיידל, וואָס דינט ביי ר' שמואל בער אין שטוב. ווען זי האָט אויפגעראַמט ביי זיין טאָכטער אין צימער, האָט זי עס געפונען. דער בריוו איז אָבער נישט געענדיקט. ווערדליק עס ווייזט אויס, האָט זי זיך נאָר געפּרוווט שרייבן.

זי שרייבט דאָ מער נישט, אַז זי איז אין איינטן חודש און בעט, די עלטערן זאָלן רחמנות האָבן. זי האָט נישט געענדיקט, איך אָבער פאַרשטיי שוין דאָס איבעריקע אַליין. איך האָב גערעכנט, אַז סוף כּל סוף וועט זי שוין אָנקומען צו מיר, נאָר...

נאָר זי האָט באַגנבעט דעם פאָטער און האָט שכל געהאַט צו אַנטלויפן. האָט זיך אָנגערופן רחלע.

יאָ, ערשט יענע נאַכט איז זי אַנטלאָפן.

אייניקע זענען געבליבן שטאַרק פאַרוווּנדערט.

— אָט אַ שיין מיידל! — האָט איינער געזאָגט. לייבקע איז אונטערגעשפּרונגען געוואָרן, אַז ער האָט דאָס דערהערט.

מער פאַרוווּנדערט פון אַלע האָט זיך אײַפגעכאַפּט יענקל טאָטער.

— כאַ, כאַ, האָט ער זיך צעלאַכט. ערשט איצט ווייס איך אַז איר ווייסט גאָרנישט. איך האָב גאָרנישט געוווּסט ביז אַהער, אַז זיין טאָכטער איז אַנטלאָפן געוואָרן און באַגנבעט, כאַ, כאַ!

— נו, דוראַק, וואָס לאַכסטו, אַז מען רעדט פון ערנסטע זאַכן? ווייסט עפּעס? דערצייל!

— אַז איך וועל אייך דערציילן, וועט איר אויך לאַכן. נעכטיקע נאַכט בין איך מיט סיבירניקן און מיכאַילקען געגאַנגען אַרויספירן פון ר' שמואל בערס שטאַל זיין גנעדי האָן, ער זאָל זיין אַ פּאָר צו דעם

ראַבין, וואָס איר, ר' גאָדל האָט נעכטן געבראַכט איינגעשפּאַנט אין דראָנזשיק.

— יאָ, וואָס-זשע איז, טאַקע זייער אַ גלייך פּאָר. מאָרגנדיקע נאַכט וועט מען זיי דאַרפן אַוועקפירן אויף דעם ל—ער יריד, ער וועט דאָרט אויך זיין.

— וואָס-זשע שלאָגט איר מיר איבער, ר' גאָדל? איך וויל דאָך אייך דערציילן. ווי מיר האָבן נאָר אַ ריר געטאָן דעם שלאָס, האָט זיך פּלוצלונג געעפנט אַ פענסטער און מיר האָבן זיך שטאַרק דער־שראָקן, באַהאַלטנדיק זיך הינטער דער שטאַל, האָבן מיר אַלץ געמיינט, אַז עס וועט עמעצער אַרויס פון פענסטער אונדז כאַפּן, מיר האָבן גערעכנט, אַז מען האָט דערהערט, נאָר מיר וואַרטן און וואַרטן, דאָס פענסטער איז אָפן און מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש. „געוויס דער ווינט האָט געעפנט דאָס פענסטער", האָט סיבירניק געזאָגט און מיר האָבן זיך פּאַוואָליע אַרויסגעפירט דאָס פערד. מיכאַילקע מיט סיבירניקן האָבן געזאָגט, אַז גאָט האָט זיי יאָ באַשערט אַ כשרע מציאה, דאָס פענסטער האָט גאָטס ווינט פון זייערטוועגן געעפנט, מוזן זיי אַריינקריכן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז עס איז נישט מיין געשעפט. איך בין נישט קיין „טעפּעל גנב", איך האָב זיי איבערגעלאָזט. איצט פאַרשטיי איך שוין, ווי זיי האָבן געטאָן, אַ פּגירה אויף זייער טאַטן, זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט מער דאָרט געפונען ווי אַ טאָפּ שמאַלץ מיט אַ טאָפּ איינגעמאַכטס, צוגעדעקט מיט דער קאָל־דרע פון ר' שמואל בערס ווייב, און זענען זיך אַוועקגעגאַנגען; אָט אַזוינע ממזרים, באַהאַלטן גאָר פאַר אונדז!

— כאַפּט דיך דער רוח מיט זיי צוזאַמען, נאָר וו־זשע איז לאה?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון אייך אַלע.

— בא, איך זאָל וויסן, האָט זיך אָנגערופן חייקע, וואָלט איך שוין געוועזן איר „מומע", וואָרים ווער ווייסט נאָך אַזויווי איך? איך ווייס אפילו פון וועמען דאָס קינד איז.

— דאָס גייט מיך גאָר ווייניק אָן, נאָר ווו איז זי בעסער?

— איר קענט אים טאַקע, אייערער אַן אדעסער יונגערמאַן, טאַקע ר' שמואל בערס נייער באַלבאָס זון, מיר האָט דערציילט די דינסט, אַז ער האָט שטאַרק געטאַנצט אַרום איר.

— אין אדעס איז דאָ אַ סך פּאָדראַטשיקעס. ווער קען זיי געדענקען?

— דו קענסט נישט דובאבסקען? — האָט זיך אָנגערופן לייבקע קחאַסניק, מיט אַ געלעכטער, — אַז נאָר לעדערבערג אַליין האָט זיין געלעכטער געקענט פאַרשטיין.

— פאַראַיאָרן, דאַכט זיך, האָט זיך אָנגערופן רחלע, האָט די דינסט דערציילט, אַז איר האָט זיך געדרייט עפעס אַ בית-המדרשניק.

— וואָס פאַראַיאָרן איז נישט היינט...

— און אַזוי, חייקע, וועגן אייער קראַסאָוויצע מעגן מיר שוין זאָגן, „וילכו" און לאָז זיך אייך אויפהערן צו חלומען גאָלדענע חלומות. געוויס האָט זי באַקומען אַ „בעסערע מומע" ווי איר זענט.

— ניין, איך הער נישט אויף צו האָפן... די דינסט וואָלט געוווסט.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די גרויסע זיצונג אין דער „ראבער מורליטשקע", די גוטע מומע האָט נאָכנישט אָנגעווווירן די האָפענונג און האָט דאָס שטיקל פאַפיר טיף אַריינגעלייגט אין קעשענע.

VI

דאָס יידישע מיידל.

פון ר' שמואל בערס הויז איז ר' זלמינע גלייך געגאַנגען אַהיים.

— זי האָט באַגנבעט דעם פאָטער און איז געקומען צו מיר אין שטוב, איך זאָל איר העלפן, און נאַרט מיך אָפּ און איך באַהאַלט זי פאַר אירע עלטערן!.. האָט ר' זלמינע איבערגעחזרט גייענדיק אַהיים, און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט נישט דערציילט אירע עלטערן.

— נאָר... לאָז שוין זיין, איך בין שוין אָוועקגעגאַנגען, לאָם איך פריער זיין אינדערהיים, איך וועל באַלד גיין צוריק...

פול מיט כעס איז ער אריין אין שטוב; נאָר ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לאהן, אויף איר גוט ערלעך ליכטיק פּנים, אירע ריינע אויגן, איז אים באַלד אַראָפּ דער כּעס.

— ניין, נישט די אויגן, נישט דאָס פּנים קען טאָן אַזאַ זאַך און נאָך מיך אָפּנאַרן. זיך ווערן באַהאַלטן ביי מיר אין שטוב; ניין!.. זי איז נאָר אומגליקלעך.

אַזוי האָט ר׳ זלמינע געטראַכט און געפילט זיך עפּעס פאַר שול־דיק, וואָס ער האָט פון איר אַזאַ מיינונג געהאַט.

וואָס מער ער האָט געקוקט אויף איר, האָט ער מער רחמנות געקרוגן, זיין גוט האַרץ איז אַזוי וויך געוואָרן, אַז ער האָט זי געוואָלט איבערבעטן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן.

זיין אייניקל איז דערווייל צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז דער באָרשטש איז שוין פאַרטיק און האָט געגרייט צום טיש.

— איך וועל מיט אייך עסן, — האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן לאה. איך וויל אייך צאָלן.

— פאַר עסן ביי מיין טיש נעם איך קיין געלט נישט, — האָט זיך אָנגערופן ר׳ זלמינע. — שיינדעלע! דו האָסט גאָרנישט געגעבן קיין איבערבייסן. לאה איז אוודאי שוין לאַנג הונגעריק.

— איך האָב שוין געגעסן, איך האָב עפּעס געשיקט קויפן, — האָט לאה געענטפערט.

— דו האָסט דען געלט?

— איך האָב מיטגענומען מיינע עטלעכע רובל, וואָס איך האָב געהאַט.

— און ווייטער האָסטו גאָרנישט מיטגענומען?

— גאָרנישט, ר׳ זלמינע, אַזוי ווי איך שטיי און גיי, אַזוי בין איך געקומען צו אייך, חוץ מיינע עטלעכע רובל.

ר׳ זלמינע האָט זיך שטאַרק פאַרווונדערט און געוואָלט איר דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אירע עלטערן אין שטוב, נאָר ער האָט זיך באַלד באַטראַכט, „זי איז אַזוי אויך אומגליקלעך״.

— און דו ווילסט מיר נאָך צאָלן פאַר דעם עסן. דו ביזט דאָך אַליין אַ קבצנטע, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, איך בין איצט אָרעם, אָרעמער און אומגליקלעכער פון די אַלע אומגליקלעכע מענטשן, וואָס וווינען דאָ אויף דער טויטער גאַס...

באַלד האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן און האָט איר איבערגעשלאָגן:

— נו, לאָז זיין גענוג. אַ מענטש, כּל-זמן ער לעבט, טאָר נישט זאָגן, אַז ער איז אומגליקלעך, לאָמיר בעסער עסן אָנבייסן.

• •

נאָך דעם עסן, איידער ר׳ זאַלמינע איז אויפגעשטאַנען פון דעם טיש, האָט לאה ווייטער אָנגעהייבן צו רעדן. ר׳ זלמינע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל דערציילן, וואָס עס פּאַסט נישט פאַר זיין איידיקל, האָט ער געהייסן שיינדלען אַוועקגיין אין קיך. נאָר לאה האָט זי אויפגעהאַלטן:

— זי מעג זיין, איך האָב איר שוין אַלץ דערציילט, זי ווייסט שוין אַלץ.

— דו האָסט נישט גוט געטאָן, לאה, וואָס דו האָסט איר דערציילט, עס פּאַסט נישט פאַר אַ יידיש מיידל.

— „עס פּאַסט נישט?״ אַ, דער „עס פּאַסט נישט״! הלוואי וואָלט מען מיר געווען דערציילט, הלוואי וואָלטן אַלע יידישע מיידלעך עפּעס מער געוווסט, וואָלטן זיי אפשר געוווסט ווי צו לעבן. אָט דאָס איז אונדזער אומגליק, וואָס אונדזערע יידישע מיידלעך מער ווי דער מאַמעס פאַדעליק, ווייסן זיי גאָרנישט און די עלטערן מיינען, אַז מען דאַרף גאָרנישט וויסן, און דערנאָך, אַז מען טרעט אַריין אין דער וועלט, אָ, ווי ווערט מען אומגליקלעך! ווי ביטער, ווי שלעכט איז צו לעבן, אַז מען קען דאָס לעבן און די וועלט נישט. נאָר זייט רויק, ר׳ זלמן, איך האָב אייער איידיקל קיין שלעכטס נישט דערציילט. זי וועט שוין זיין פיל גליקלעכער פון מיר.

— אַך, זיידע, האָט פּלוצלונג שיינדעלע אָנגעכאַפּט דעם זיידן ביי די הענט, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי גוט עס איז צו זיין אַ אָרעמער ייד, אַן אָרעם מיידל, ווי איך מיט דיר בין! ביי די רייכע איז אַזוי פּאַסקודנע, זיידע!

אין קיך האָט עפּעס געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ הילעך, ווי עפּעס צעבראָכן, און שיינדעלע איז נישט טויט נישט לעבעדיק אַוועק מיט אַ געוואַלד.

— אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, זיידע, איך האָב פאַרגעסן די מאַקרעטע אויף דעם פּריפּיטשוק און די קאַץ, אַ פּגירה אויף איר, האָט שוין ווייטער געקערט צעברעכן, אַ פּגירה אויף איר!

אין איין אויגנבליק איז זי געקומען צוריק מיט אַ געוויין, האַלטנדיק איןביידע הענט צעבראָכענע שטיקלעך פון דער מאַקרעטע.

— יאָ, זיידע, איך האָב טאַקע געטראָפן, אַ פּגירה אויף איר, איך האָב פאַרגעסן די מאַקרעטע.

— האָסטו נישט געזאָלט פאַרגעסן און שטעלן אויף איין אָרט, וואָלט זי נישט צעבראָכן, היינט וואָס וויינסטו? ווער איז דיר שולדיק, אַז נישט דו אַליין.

— וואָס הייסט, איך זאָל נישט וויינען? פערצן גראָשן, אַ פּגירה אויף איר, אַ נייע מאַקרעטע, זאָל איך נישט וויינען? אַפילו דער דנאָ איז נאָך נישט אָפּגעברענט. צוויי וואָכן בין איך זיך באַגאַנגען אָן אַ מאַקרעטע, האָסטו זיידע, מיר געבראַכט פערצן גראָשן, נו, און איצטער, וואָס זאָל איך טאָן? אָט דאַרף איך שוין גיין אַריינרוקן אַ קריפּ און עס איז נישטאָ מיט וואָס...

לאה האָט אַרויסגענומען פערצן גראָשן און האָט איר געגעבן, זי זאָל באַלד גיין קויפן אַ נייע מאַקרעטע.

שיינדעלע איז אַוועק מיט גרויס פרייד קויפן אַ נייע מאַקרעטע, ווי מען זאָגט: „ווען פרייט זיך אַן אָרעמאַן? — ווען ער פאַרלירט און געפינט דערנאָך!" און לאה האָט ווייטער גערעדט, וואָס איר איז געלעגן אויף דעם האַרצן.

— איך בין אויך געווען פאַרזיכערט, אַז אַ יידישע טאָכטער ווערט נאָר באַשאַפן אויף דער וועלט דערויף, אַז כל-זמן זי איז אַ מיידל, דאַרף זי זיצן אין שטוב, ווי אין אַ טורמע און וואַרטן ביז אין דער צייט, זי זאָל שוין קענען אַ כלה ווערן...

— נאָר שטעלט זיך פאָר, ר' זלמן, אַז פּלוצים נעמט מען מיך אַרויס אין קלייט אַריין, איך זאָל זיין אַ בריה, — און ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, ווי האָב איך זיך דערפרייט, אַז דאָ, אין קלייט בין איך פּלוצים געוואָרן פריי און מיינע עלטערן האָבן מיך גאָר אין קיין שום זאַך נישט געשטערט; שטעלט זיך פאָר, אַ מיידל,

וואָס ביז אַהער האָט זי מיט קיין מאַנסביל נישט געטאָרט רעדן און אַפילו נישט קוקן אויף אים, — בכלל האָב איך ביז אין דער צייט מיט קיין מענטשן קיין צוויי ווערטער נישט געקאָנט רעדן—און איצטער פּלוצים בין איך געוואָרן אַ געשעפטס־מענטש און מעג אַלץ: קומען פּריצים קונים און רעדן מיט מיר — מעג איך; גייט אַוועק אַ פּריץ און דריקט מיר די האַנט, איז רעכט: קומט אַ יונגער אָפיצער און גיט עפּעס צו לייזן, און ווען ער געזעגנט זיך און איז פריילעך און עס פאַרגלוסט זיך אים צו ווערטלען מיט מיר, גלעטן מיך ביי די האָר, אָדער אָנכאַפּן מיך ביי די הענט, צי גלאַט אַזוי אַרויסוואַרפן פאַר מיר אַזוינע ווערטער, וואָס עס פּאַסט נישט פאַר קיין יונג מיידל איז דאָס אויך רעכט; דאָס אַלץ פלעגן הערן מיינע עלטערן און זיי האָבן מיר קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז ס'איז נישט שיין, עפּעס האָבן זיי זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ווי מען זאָגט: געקוקט דורך די פינגער; איך ווייס אַליין נישט, וואָס דאָס איז.

אין אָנהייב, ווען איך האָב געגעבן די האַנט אַ פּריץ, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען און זיך געזעגנט, פלעג איך ציטערן פאַר שרעק.

ס'טייטש, געבן אַ מאַנסביל די האַנט און נאָך אַ גוי! אַ קלייניקייט, די הענט וועלן מיר אָפּפאַלן און דער גאַנצער גיהנם וועט זיין קאַרג פאַר מיינעטוועגן, נאָר דערנאָך בין איך אַזוי געוויינט געוואָרן, אַז עס האָט ביי מיר שוין נישט אויסגעמאַכט.

איינמאָל, איך געדענק עס ווי היינט, האָט אַ פּריץ אונדז געגעבן צו לייזן און האָט מיר אַזוי דערעסן מיט זיינע ווערטלעך, און מיט זיין אַלעמאָל נעמענדיק ביי מיר די האַנט, אַז איך האָב נאָך זיין אַוועקגיין געזאָגט דעם טאַטן מיט דער מאַמען:

דער קונה האָט מיר אַזוי דערעסן, אַז איך וואָלט אים אַרויסגעטריבן פון דער קלייט און נישט געוואָלט ביי אַזוינע קונים לייזן.

דערויף האָבן זיי מיר געענטפערט בזה הלשון:

— ניין, טאָכטערניו, אַזוי איז מען נישט קיין קרעמערין. עס איז אַוודאי נישט גוט, וואָס מען דאַרף אָפּט קונים געבן די האַנט און צוהערן זייערע נאַרישע ווערטער, נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה? אויף דערויף איז ער זיך אַ גוי, אַ ערל טמא; דער ייד איז זיך דערויף אין גלות, לאָז זיך דאַכטן, אַז מען גיט אַ שטיק האָלץ די האַנט.

ר' זלמן! איך ווייס נישט, ווי איר פאַרשטייט די ווערטער,

ביי אייך מאַכט עס אפשר אויך גאָרנישט אויס, ווי ביי מיינע על־טערן, נאָר איך האָב זיך דעמאָלט אַזוי באַליידיקט פון זייערע ווערטער, אַז איך בין פאַרשעמט געוואָרן און גלייך אין די אויגן זיי נישט געקענט קוקן.

איך בין עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען צעקאָכט און האָב זיך אַליין געפרעגט:

וואָס? צוליב דער פרנסה מעג איך אַלץ דאָס טאָן, וואָס מיינע עלטערן האָבן מיר פריער אַזוי שטרענג פאַרבאָטן? מיט אונדזער שכנס יידיש ייִנגל האָב איך נישט געטאָרט רעדן און אפילו נישט זיצן אויף איין באַנק, און דעם קונה מעג איך געבן די האַנט און אויס־הערן פון אים אַלע מיאוסע ווערטער. ניין, איך האָב מיינע פרומע עלטערן, וואָס רעדן נאָר מיט גאָט און פון דעם רבין, פאַר די ווער־טער נישט געקענט מוחל זיין. — „זיי דערציִען מיך נישט גוט און ערלעך," איז מיר פון דעמאָלט איינגעפאַלן אין קאָפּ.

און נישט ווילנדיק האָב איך זיך אָנגעהייבן צוצוקוקן, ווי אַלע אַנדערע יידישע קרעמערס דערציִען זייערע טעכטער, און האָב באַ־מערקט, אַז אומעטום איז דאָסזעלבע: ווו אַ יידישער קרעמער, ווו אַ יידישער שענקער, וואָס מאַכט זיין טאָכטער פאַר אַ בריה, ד. ה. ווי באַלד ער שטעלט זי הינטער דער סטאָיקע אין שענק, אָדער לעבן די פּאָליצעס אין קלייט, באַקומט זי פלוצלונג אַזויפיל פרייהייט, ווערענד פריער האָט מען איר אַלץ אַזוי שטרענג פאַרבאָטן.

מיינע עלטערן האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ בריה אין קלייט, איך מעג רעדן, ווערטלען זיך, לאַכן מיט אַלע קונים, קיינער שטערט מיר נישט. אָן שום זייטיקע מחשבות חס־ושלום זאָגן זיי מיר: נעם טאָכטערניו די און די שטיקלעך סחורה און גיי צו דעם פּריץ. ער האָט זיך געהייסן ברענגען סחורה אַהיים. מיינע עלטערן מיינען דערביי חס־ושלום גאָרנישט, נאָר אָבער ווי שאדט אַזאַ אַרומגייען מיט סחורה צווישן די פּריצים אַזאַ יידיש מיידל ווי איך. וואָס מען האָט מיך געלערנט, אַז מען טאָר אַפילו נישט קוקן אויף אַ מאַנסביל און איצט מעג איך אַלץ, וואָס איז? — ער גיט צו ליינן!

און מערקווירדיק, וואָס מער איך האָב זיך געקענט ווערטלען מיט דעם פּריץ, לאַכן מיט אים, איבערטראָגן אַלע זיינע ווערט. עד. לאָזן זיך פון אים קושן, און דערפאַר געלייזט פון אים מער געלט, האָב איך באַקומען אַלץ אַ גרעסערן נאָמען פון אַ בריה און מען

האָט מיך געלויבט ביז אין הימל אַריין. נאָר טאָמער חס-ושלום אום שבת, אַז מען האָט מיך באַגעגנט רעדן מיט אַ יידישן יונגנמאַן, פלעגט מען באַלד אויסטראַכטן אויף מיר, וואָס אין דער קאָרט, און מיינע אייגענע עלטערן פלעגן מיר טאָן צום טויט, נאָר דערפאַר וואָס איך האָב גערעדט מיט אַ יונגנמאַן נישט קיין קונה.

היינט שטעלט זיך פאָר, ווי האָט עס ביי מיר אויסגעזען, אַז מיט דעם פריץ מעג איך יאָ און מיט אַ יידישן יונגנמאַן, אונדזער שכנס אַ זון, וואָס איך קען אים פון קינדווייז אָן, טאָר איך נישט רעדן, נישט גיין, נישט שטייען אויף אַן אָרט, און גאָט זאָל נאָר אָפּהיטן דריקן די האַנט, ווען מען זאָגט אַ גוטן שבת.

— זאָגט ר׳ זלמינע, וואָס איר ווילט, מיינע עלטערן זענען יאָ אין דעם שולדיק אָדער נישט, איך וויל גאָרנישט וויסן, נאָר דאָס ווייס איך זייער גוט, אַז אַזאַ דערציִונג האָט מיך יונג פאַרדאָרבן. מיין כאַראַקטער האָט זיך גאָר איבערגעביטן, גאָרנישט אַזוי ווי עס דאַרף זיין ביי אַ יינגער אומשולדיקער מיידל, וואָס עס ווערט דערצויגן אין אַן ערלעך יידיש הויז. איך מוז זיך פאָר אייך מודה זיין, אַז איך האָב מיינע עלטערן אין יענער צייט אויפגעהערט ליב צו האָבן און צו אַכטן. זייער גאַנץ פרומקייט מיט זייער שטענדיק דאַוונען, זייער גאַנץ חסידות האט ביי מיר באַקומען אַ פנים מער נישט ווי אַ קאָמעדיע. מיט איין וואָרט, איך בין אפט געווען אַקעגן זיי אַן עזות-פנים. איך האב זיי זעלטן געענטפערט ווי מען דאַרף ענטפערן עלטערן, און וויאַזוי מיינט איר, האבן זיי און פרעמדע פונדעסטוועגן געקוקט אויף מיין עזות?

די עלטערן פלעגן זיך אפט קלאָגן וועגן מיר:

— דאַכט זיך, גאט האט אונדז געבענטשט מיט אַ פיין קינד, זי איז שיין און גוט, קלוג ווי דער טאג, זי קען רעדן מיט אַ קונה אַפילו מיט אַ קיסר, זי איז אַ גרויסע בריה אין קלייט. אבער אַ ביסל אַן עזות-פנים אַקעגן טאַטע מאַמע... נאר גאט זאל איר מוחל זיין, זי איז פארט אַ וועלטלעך מיידל, אַ קלוגע, אַמאל איז זי טאַקע גערעכט מיט איר שרייען אויף אונדז.

פרעמדע און שכנים האבן זיך וועגן מיין „עזות" אויסגעדרוקט אַזוי:

לאז גאט בענטשן אַלע יידישע מאַמעס מיט אַזוינע קינדער;

איר זאלט זען, ווי זי טענהט זיך אויס מיט אַ פריץ, ווי זי פירט די גאַנצע קלייט און רעדט מיט די עלטערן טאַקע נאָר ווי אַן אַלטע.

און שטעלט זיך פאָר ר׳ זלמן, אַז פלוצלונג שבת, ווען איך בין געזעסן אין שטוב, גייט צו מיר צו דער טאַטע מיט דער מאַמען, און זאָגן מיר, אַז נאָך שבת וועט זיין ביי מיר אַ קנס־מאָל.

— נו, און ביי מיר פרעגט איר גאָרנישט, צי דער חתן איז מיר געפעלן? האָב איך זיי גלייך געפרעגט.

דאָ האָבן זיי פלוצלונג אויפגעהערט צו קוקן אויף מיין עזות, אויף מיין בריהשאַפט, אויף מיין חכמה און האָבן זיך אויף מיר צעשריען:

— וואָס מיינסטו עפּעס? אייביק וועסטו זיין אַ מיידל און זייך פריי, זאָגן דעות דעם טאַטן, וועלכן חתן דו ווילסט? און דאָס זאָל מיך טרעפן ביי אונדזער קינד? עפּעס מיינסטו, אַז דו ביזט שוין ביי אונדז אַ גאַנצע אויפגעקלערטע, וואָס דו וועסט אונדז זאָגן דעות אַפילו ביי אַזוינע זאַכן אויך?

וואָס זאָל איך אייך אַ סך ברייען — מיין גאַנצער עזות, מיינע אַלע תקיפות, מיין גאַנצע חכמה מיט מיין בריהשאַפט האָט געהאָלפן ווי אַן אַרבעס אין וואַנט — נאָך שבת איז ביי מיר למזל געוועז אַ קנס־מאָל און ווען כ׳האָב דערזען מיין חתן, בין איך דערציטערט געוואָרן פאַר שרעק; שטעלט זיך פאָר עפּעס אַ ייִנגל מיט אַן אויסגעדאַרטן גאָרגל, צוויי לאַנגע פּיאות, מיט וועלכע ער דרייט נאָר און שטאָלצירט מיט זיי, פּונקט ווי קיינער פאַרמאָגט נישט אַזוינע פּיאות... איך דאַרף אייך נישט דערציילן ווער ער איז, איר קענט אים גוט.

נו, פרעג איך אייך, ר׳ זלמן, אַזאַ מיידל ווי איך, וואָס מען האָט מיך כמעט פון קינדווייז אָן געמאַכט פאַר אַ גאַנצן סוחר, פאַר אַ בריה, וואָס איך האָב עפּעס איבערגעזען פאַר זיך אַ וועלט און קען שוין פאַרשטיין, וואָס עס הייסט אַ מאַן וואָס דאַרף אַ ווייב ברויט געבן, גיט מען מיר — איך בעט איבער אייער כבוד — עפּעס אַ קלויזניק, אַ כניאָק, וואָס איך קען מיט אים קיין צוויי ווערטער נישט רעדן, און מען פרעגט מיר אַפילו נישט, צי וויל איך אים.

— אָט דערמיט, מיין קינד, ביזטו גערעכט, האָט זיך אָנגערופן ר׳ זלמינע, איך האָב אויך געטראַכט, אַז פאַר אַזאַ געראָטן מיידל ווי דו ביזט, קיין עין־הרע, פאַסט נישט אַזאַ חתן.

— אָ, ר׳ זלמן, איך וווּנדער זיך גאָרנישט, וואָס מען הערט אָפט, אַז אַ חסידס אַ מיידל איז פּלוצים אַנטלאָפן און האָט זיך גע-טויפט, אַז אַ פרומען יידנס אַ טאָכטער האָט פּלוצים באַגנבעט דעם פאָטער און איז מיט איינעם אַנטלאָפן, אַז ביי אַ געוויסן פייערדיקן חסיד האָט זיין מיידל געהאַט אַ קינד...

לאה איז פּלוצים שטאַרק בלייך געוואָרן און איז געפאַלן אין חלשות. ר׳ זלמינע האָט זי אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער, און זי איז געקומען צו זיך.

— איך האָב נאָך אַ סך צו דערציילן, האָט זי קוים אַרויסגע-רעדט. אָבער ר׳ זלמינע האָט זי נישט געלאָזט רעדן.

— דו ביזט מיד, רו זיך אָפּ פריער, דו וועסט מיר שפּעטער דערציילן.

— יאָ, איך בין זייער מיד, ווי איך וואָלט קלומקעס ערד גע-טראָגן אויף זיך. איך וויל זיך אָפּרוען...

און לאה האָט איצט נאָך נישט געענדיקט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט דערציילן ר׳ זלמינען.

VII

אַלע דריי ווייגען.

די אַלטע חייקע האָט שוין, ווי מען זאָגט, די האַנט צוגענומען פון האַרצן און אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן לאהן. דער שיינער מיידל, וועלכע זי האָט געוואָלט אַריינכאַפּן אין איר נעץ; נאָר פּלוצים איז אַריינגעקומען אין שענק ר׳ זלמינע און האָט עפּעס שטיל גע-פרעגט אויף חייקען.

ווען ר׳ זלמינע פלעגט אַמאָל אַריינקומען אין שענק, האָט מען שוין געוווּסט, אַז ער גייט צו חייקען. ער פלעגט אַמאָל דאַרפן חייקעס הילף וועגן זיינע געשעפטן. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַן

ערלעכער יידענע, וואָס האָט ליב אויף דער עלטער אַ מצוה צו טאָן, און ווען ער האָט געהאַט געשעפטן מיט אָן אָרעמער יידענע וואָס פּאַסטן נישט פאַר קיין מאַנסביל, פלעגט ער אָנקומען צו חייקען, זי זאָל אים מיטהעלפן. און זי פלעגט עס רעכענען פאַר אַ כּבוד, וואָס ר' זלמינע איז זי מקרב צו אַ מצוה.

— איך דאַרף מיט דיר רעדן אַ סוד, האָט איר ר' זלמינע גע־זאָגט שטיל.

זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען אין אַ באַזונדער שטיבל און האָבן פאַרקייטלט די טיר.

— עס איז קיין צייט נישטאָ, חייקע, איך זאָל דיר דערציילן אַ סך מעשיות, זאָלסט מיך איצט גאָרנישט פרעגן, איך וועל דיר שפּעטער אַלץ דערציילן. עס האָט זיך מיר אַן אומגליק געטראָפן, נאָר וואָס זאָל איך טאָן? מען קען אַ מענטשן אויף דער גאַס נישט אַרויסוואַרפן; ביי גאָט זענען אַלע מענטשן גלייך, אַפילו די רשעים.

חייקע האָט מיט אַ פרום פּנים, מיט פאַרגלאַנצטע אויגן צו גאָט געגעבן אַ קרעכץ.

— איך ווייס, חייקע, אַז דו ביזט אַן ערלעכע יידענע, דערום בין איך געקומען צו דיר, און פאַרלאָז זיך אויף דיר, אַז קיינער וועט דערפון נישט וויסן, דאָס דאַרפסטו טאָן לשם-מצוה, כּדי אַ זינ־דיקער מענטש זאָל חרטה האָבן אויף זיינע זינד און קענען תשובה טאָן. דאָס איז אַ גרויסע מצוה, חייקע, נאָר איך האָב קיין צייט נישט צו רעדן — ביי מיר אין שטוב געפינט זיך איצט ר' שמואל בערס אומגליקלעך מיידל, זי גייט איצט צו קינד... לויף גיך ראַטע־ווען אַ נפש, עס איז קיינער נישטאָ ביי מיר אין שטוב, מען זאָל נעמען ביי איר דאָס קינד. איך לויף אין שטאָט כאָטש עפּעס קויפן פאַר איר, ביי מיר אין שטוב איז גאָרנישטאָ.

ר' זלמינע מיט חייקען זענען גלייך אַוועקגעגאַנגען. קיינער אין שטוב האָט גאָרנישט געפרעגט, ווו זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, מען האָט זיך געטראַכט: געוויס צו אַן אָרעמער יידענע, וואָס איז פּלוצים קראַנק געוואָרן אָדער געשטאָרבן, און עס איז קיינער נישטאָ, ווער עס זאָל זיצן לעבן איר.

אָוונטצייט איז חייקע געקומען אַהיים און האָט געזאָגט איר שנור:

— טאָכטערניו, איך וועל היינט נישט נעכטיקן אין שטוב. אין שטאָט געפינט זיך אַן אָרעם ווייבל מיט זעקס קינדער און איצט האָט זי בשלום געהאַט דאָס זיבעטע. איר מאַן איז נישטאָ. אין שטוב איז נישטאָ קיין לעפל וואַסער און ווער עס זאָל אַפילו זיצן ביי דער אומגליקלעכער קינפּעטאָרן. ר' זלמינע לויפט נעבעך אַרום איבער דער שטאָט, כאָטש מאַכן פאַר איר עטלעכע גראָשן.

די שנור האָט איר אויך עפּעס מיטגעגעבן קלייניקייטן פאַר דער קינפּעטאָרן און חייקע איז אַוועקגעגאַנגען, זיך גלייך אַריינגעגבעט צו ר' זלמינען אין שטיבל.

לאה איז געלעגן אויף דעם בעט זייער בלאַס און קראַנק, אירע לאַנגע שוואַרצע האָר צעוואָרפן איבער דער גאַנצער פּלייצע. חייקע איז געזעסן לעבן איר, ווי אַ געטרייע מוטער און האָט זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן אויף איר שיינקייט...

מען ווי אַ האַלב בעט איז געווען פאַרהאַנגען אין איין זייט מיט אַ ליילעך, די צווייטע זייט מיט אַ גרויסן טיכל און די דריטע זייט מיט אַן אַלטן קליידל. אָט פון הינטער דעם פאָרהאַנג האָט זיך אַלעמאָל געלאָזט הערן דאָס פּיפּטשען פון אַ קליין קינד.

שיינדעלע איז געשטאַנען לעבן אויוון און האָט געקאָכט אַ יויכל פאַר דער קינפּעטאָרן און האָט זייער טרויעריק צוגעקוקט, ווי דאָס טעפּל זידט.

— אָ! ווי האָט זי זיך נעבעך געמוטשעט, זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ שיינע, איך האָב זי אַזוי ליב... נאָר וואָס טוט זי ביי אונדז... אוי, איך שעם זיך צו קוקן אויף איר...

שיינדעלע האָט טאַקע באמת באַכנישט געקענט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך דאָ איצט ביי זיי אין שטוב. וואָס טוט דאָ לאה, וואָס זי האָט זי אַזוי ליב, און שעמט זיך אַזוי פאַר איר? נאָר... נאָר ווען לאה, האָט אָנגעהייבן שרייען, אַז זי איז זייער שלאַף, האָט זי דער זיידע אַריינגערופן אין קיך און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער איר געזאָגט: שיינדעלע, גאָט וועט דיך דערפאַר אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטן, וואָס דו, אַזאַ יונג קינד, ווי דו ביזט, דאַרפסט

זוזען דאָס, וואָס עס קומט פאַר ביי אונדז אין שטוב. לאה איז נישט קיין ערלעכע. שיינדל! און טאָמער וועלן מיר זי נישט ראַטעווען, קען זי חס-ושלום אַזוי אויף דער גאַס שטאַרבן. גאָט האָט אויך רחמנות אויף אומערלעכע, כאָטש זיי האָבן זיך פאַר אים פאַרזינדיקט. גאָט פאַרגיט אַלע זינד פון די רשעים, אַבי זיי טוען נאָר תשובה.

שיינדעלע האָט מער נישט געקאָזט רעדן דעם זיידן, ווייל זי האָט געזען די טרערן שטעלן זיך אים אַלעמאָל מער און מער אין די אויגן. זי האָט זיך צעוויינט און אָנגעכאַפּט דעם זיידן ביי די הענט.

— איך ווייס, זיידע, אַז גאָט שטראָפט שטאַרק די, וואָס זינדיקן. נאָר לאהן האָב איך ליב, זי האָט גאָרנישט געזינדיקט, זי האָט מיר אַלץ דערציילט. זי איז נישט שולדיק, זיידע. זי איז אַן ערלעכע, אַזאַ גוטע. אוי, זיידע! איך האָב דיך אַזוי ליב, וואָס די ביזט אַזאַ גוטער און האָסט אויף איר רחמנות געהאַט. דו, זיידע, זאָלסט קיינעם נישט דערציילן. זי האָט זיך אַזוי געבעטן.

און שיינדעלע האָט זיך אויפגעהאנגען אויף דעם זיידנס האַלדז און אים שטאַרק געקושט, וואָס ער איז אַזאַ גוטער...

נאָר פונדעסטוועגן האָט זי געקוקט אויף דעם טעפּל, וואָס האָט געזאָטן, אַזוי טרויעריק, טרויעריק.

חייקע האָט כמעט די גאַנצע אַכט טעג נישט אָפּגעטרעטן פון דער קינפּעטאָרן, אַרומגעגאַנגען ווי אַ געטרייע מוטער, ווי אַ געטרייע באָבע, געבאָדן, געוויקלט דאס קינד און געליובט עס, אַז עס איז פּונקט געראָטן אין דער מאַמען. לאה האט געקענט חייקען פאַר אַ מעקלערין. אַן אָרעמער יידענע, און ווען זי איז געזונט געוואָרן, האט זי איר זייער געדאַנקט, געבעטן זי זאל קיינעם וועגן דעם נישט דערמאָנען און איר אַוועקגעגעבן דאָס פינגערל, וואס זי האָט שטענדיק געטראָגן אויף דעם מינדסטן פינגער.

— איך וואָלט אייך באַצאָלט פאַר אייער טרחה, נאר איך האָב נישט. איך האָב עטלעכע רובל, דאַרף איך זיי האָבן. דאָס פינגערל קענט איר פאַרקויפן.

חייקע האָט צוגענומען מיט אַ רחמנות-פּנים און איר געזאָגט:

— כ'לעבן, לאה, עס רייסט מיר דאָס האַרץ אויף אייך. איר זעט אַליין, ווי איך האָב אייך געדינט, און איר זאָלט זיך גאָרנישט שעמען, טאָמער וועט איר דאַרפן געלט, וועל איך אייך אויסלייען. איך

האָב זיך אָנגעקליבן עטלעכע קערבלעך אויף דער עלטער, איך זאָל כאָטש פאַר מיין גאַנצער וועלט האַרעוואַניע נישט שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים. איך וואָלט אייך געעצהט, לאהניו, אַז איר זאָלט אייער קינד אַוועקגעבן צו אַן אַם. איר זעט נאָך אַזוי קראַנק אויס.

לאה האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט, ווי מען זאָגט, מיט הענט און פיס:

— יאָ, עס וואָלט אַוודאי געווען אַ גליק פאַר מיר, אַוועקגעבן דאָס קינד צו אַן אַם, כאָטש עס איז ביי מיר טייערער ווי מיין לעבן. איך וואָלט עס געוואָלט אַליין אויסזייגן, נאָר וואָס קאָן איך טאָן... נאָר ווו בין איך אימשטאַנד, איך האָב נישט צו צאָלן.

— זאָרגט נישט, לאהניו, כאָטש מיר זענען אָרעמעלייט און וווינען אויף דער „טויטער גאַס" נאָר, מיר ווייסן אויך ווי צו העלפן אַן אומגליקלעכע. און ווידער, עס דאַרף גאָר אַזויפיל נישט קאָסטן. איך ווייס פון איינער, וואָס זי איז אַן אָרעמע און האָט קיין קינדער נישט, דאָס איינציקע קינד איז ביי איר ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן, זי וועט נישט נעמען קיין סך. גאָט וועט אייך העלפן, וועט איר באַצאָלן, אויב איר ווילט, קענט איר דערווייל זיין ביי מיר. איך וווין דאָ טאַקע ביי מיין זון אין דער גרויסער שטוב. דאָרט וועט אייך קיינער נישט וויסן, און איך וועל דערפאַר ביי אייך נעמען אַ קלייניקייט, ביז איר וועט זיך באַטראַכטן, וואָס איר זאָלט טאָן. ביי ר' זלמינען ראַט איך אייך מער נישט צו זיין. ער איז אַליין אַ גרויסער אָרעמאַן, אַן אַ באַלעבאָסטע, אויסער דאָס אייניקל, וואָס געפינט זיך ביי אים.

לאה האָט געזען אין חייקען איר משיח, וואָס גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף איר און האָט איר צוגעשיקט, און חייקע איז געווען פאַרזיכערט, אַז ווייטער וועט אויך אָפּגיין גלאַט נאָך איר ווונטש, ווי עס דאַרף צו זיין; אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען דאָס קינד אַוועקגעטראָגן צו אַן אַם. די אומגליקלעכע מוטער האָט דאָס קינד אָפּגעגאָסן מיט ביטערע הייסע טרערן אַ גאַנצע האַלבע שעה, עס געקושט, פּונקט ווי זי האָט זיך אויף אייביק געזעגנט מיט אים.

— וויאַזוי האָט מען גערופן דער אַמס קינד? עס איז אויך געווען אַ מיידל? האָט לאה געפרעגט חייקען.

— יאָ, מען האָט עס גערופן רייזעלע.

— נו, געדענק-זשע, חייקע, אַז מיין טאָכטער זאָל מען אויך רופן רייזעלע.

מיט די ווערטער האָט זי זיך דאָס ערשטע מאָל צעשיידט פון איר קינד, און לאה האָט ווייטער געוויינט.

— נו, איז נישט גאַריש, וואָס דו וויינסט, לאה, האָט איר חייקע אויסגערעדט דאָס האַרץ. מיר וועלן דאָס קינד קענען זען, ווען מיר וועלן נאָר וועלן.

נאָר לאה האָט זיך נישט געטרייסט.

אויף מאָרגן איז געבליבן, אַז לאה זאָל איבערגיין צו חייקען.

— איך ווייס שטענדיק, שטענדיק זיצן ביי אייך, האָט שיינדעלע געזאָגט לאהן. נאָכדעם ווען חייקע איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם קינד.

— נו, און צו רייזעלען וועסטו גיין?

— אַלע טאָג וועל איך צו איר גיין.

עטלעכע מינוט האָט לאה עפּעס זיך ווי פאַרטראַכט און געקוקט אויף שיינדעלען.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, האָט זי זיך ווי עפּעס דערשראָקן.

— שיינדעלע, דו האָסט מיך ליב? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט.

— ווי מיין לעבן האָב איך אייך ליב, לאה!

לאה איז איר געפאַלן אויף דעם האַלדז, און זי באַשיט מיט קושן און מיט טרערן.

— שיינדעלע, האָב ליב מיין קינד, צעשייד זיך קיינמאָל נישט מיט איר, זיי איר אַ געטרייע שוועסטער.

לאה האָט מער נישט געקענט רעדן. די טרערן האָבן זי שטאַרק געדישעט. כאָטש שיינדעלע האָט אויף איר בקשה נאָך נישט געענטפערט מער נישט ווי אויך מיט טרערן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זיך לאה באַרויִקט. זי האָט געזען אין אירע אויגן, אַז שיינדעלע וועט זיין איר רייזעלען אַן אייביקע שוועסטער — זיי וועלן זיך נישט צעשיידן.

נאָכדעם האָט לאה עפּעס נאָך גערעדט. נאָר שיינדעלע האָט עפּעס יאָ און נישט פאַרשטאַנען. לאה, וואָס איז געווען פאַרזיכערט, אַז שיינדעלע פאַרשטייט זי, האָט איר דערנאָך געזאָגט:

— קיינער דאַרף נישט וויסן, וואָס מירביידע האָבן גערעדט.

דעם אָוונט איז חייקע געווען זייער פריילעך, איר פּלאַן איז געגאַנגען זייער גוט:

— מאָרגן גייט זי איבער צו מיר וווינען. זי וועט וויינען און זיך איבערוויינען. זי וועט נאָך מיך בעטן, איך זאָל געפינען פאַר איר אַ שטעלע, וואָס דען וועט איר אויסקומען צו טאָן?

זי האָט זיך שוין אפילו באַרעכנט, וואָס פאַר אַ סומע געלט זי וועט נעמען ביי לעדערבערגן און וויפל ער וועט פאַרדינען, ווארום אַזאַ סחורה טרעפט זיך זעלטן.

אויף מאָרגן גאַנצן פרי, ווען זי איז אַריינגעקומען צו ר' זלמינען אין שטוב, האָט זי שיינדעלע באַגעגנט מיט אַ גרויס געוויין: לאה איז נישטאָ. זי איז אַוועקגעגאַנגען! זי האָט איבערגעלאָזן אַ בריוו, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן.

ווי אַ דונער האָט איר דאָס נייעס פאַרטומלט דעם קאָפּ.

אָט וואָס לאה האָט געשריבן אין בריוו:

„צו אייך שרייב איך דעם בריוו, ר' זלמן! איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אומזיסט אַזויפיל יסורים אייך אָנגעטאָן; גאָט זאָל אייך באַצאָלן, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן. איך בין נישט אומשטאַנד אייך אָפּצודאַנקען. איר האָט מיין קינד געראַטעוועט, ווען נישט איר, ווער ווייסט, אויב מיין קינד, וואָס איך האָב אַזוי ליב, וואָלט געלעבט. נישט איך בין די ערשטע, וואָס איך האָב זיך אָנגעהאנגען אויף אייך מיט מיין אומגליק. איר ראַטעוועט פון אומגליקן אַ סך מענטשן. רעכנט מיך אויך אַריין צווישן זיי. נישט אומזיסט האָב איך אַזויפיל געזוכט, ביז איך האָב אין אייך געפונען דעם איינציקן מענטש, וואס האָט מיך געקענט ראַטעווען. איך וואָלט זיך אייביק נישט באַשלאָסן זיך צו שיידן מיט מיין קינד, ווען איך זאָל עס נישט אויף אַ קליינער צייט איבערלאָזן אונטער אייערע הענט. איך וועל מיין קינד אָפּנעמען און וועל יעדן אַלץ באַצאָלן מיט גרויס דאַנק. און דיך שיינדעלע, בעט איך, מיך נישט צו פאַרגעסן. נישט פאַרגעסן צו זיין א שוועסטער מיין רייגעלען. זיך מיט איר נישט שיידן, כאָטש ביז אין דער צייט, ווען איך וועל קענען זיין דעם קינד אַ מוטער. דריי רובל האָב איך איבערגעלאָזט פאַר חייקען, טאָמער קומט איר נאָך, אַז נישט זאָל זי עס אַוועקגעבן דער אַם. מיין איינציק גאָלדן בראָשל האָב איך איבערגעלאָזט פאַר דיר, מיין טייערע שיינדעלע, טראָג עס געזונטערהייט!

ר' זלמינע און שיינדעלע האָבן געוויינט לעזנדיק דעם בריוו, נאָר באַכמער האָט געוויינט חייקע די קוראַקע...

צווייטער טייל

I

אַ צווייטע אומגליקלעכע.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען 12 יאָר.

מיר וועלן איצטער נישט אָנהייבן צו דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די צוועלף יאָר מיט אונדזערע העלדן פון דער „טויטער גאַס”. ווען מיר וועלן זיך מיט זיי באַגעגענען וועלן מיר אַליין זען, וואָס אַ צייט פון צוועלף יאָר קען מאַכן פון מענטשן.

דערווייל אָבער, געפינען מיר זיך מיט אונדזער דערציילונג אין דעם פּאָגראָם פון יאָר 1881.

אין פעלד לויפט אַ יידישע טאָכטער. זי אַנטלויפט, כאָטש קיינער לויפט איר נישט נאָך. זי הערט ווילדע קולות פון די פּאָגראָמשטשיקעס. זי הערט ביטערע האַרצרייסנדע געשרייען פון איר אומגליקלעכן פאָטער, פון איר אַלטער באָבען, פון איר ליבן, ליבן חתן סאַלאָמאָן, פון אירע באַקאַנטע, פון אירע ליבע... נאָר נאָכמער שרעקט זי זיך פאַר דעם שרעקלעכן געשריי פון פאַן קארל, ווען זי האָט אים דערלאַנגט מיט איר קאָסע און ער איז געפאַלן. די קאָסע איז ביי איר אין דער האַנט פאַרגליווערט געוואָרן און זי איז אַזוי געלאָפן און געלאָפן, כאָטש קיינער איז איר נישט נאָכגעלאָפן און קיינער האָט נישט נאָכגעשריען, נאָר פאַרקערט, אויף דעם פעלד איז געווען זייער שטיל. אַפילו קיין ווינטל האָט די שטילקייט נישט איבערגעשלאָגן.

גיך איז זי מיד געוואָרן לויפנדיק איבער די געאַקערטע פעלדער און איבער פענקעס, וואָס זענען איבערגעבליבן פון אָפּגעהאַקטעביימער.

ווי אַ סנאָפּ איז זי מיד אומגעפאַלן לעבן אַ בוים. דאָ אויף דעם גראָז האָט זי געפילט, ווי אירע צעבראָכענע גלידער האָבן זיך אָפּגערוט. זי איז געקומען צו זיך און האָט זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן, וואָס טוט זיך אַרום איר. עס איז שוין געווען נאַכט, און כאָטש אַ ליכטיקע, נאָר דאָס סטעווקיוקער ווערלדל, ווו עס איז איר געווען באַקאַנט כמעט יעדעס ביימל, האָט זי שוין נישט געזען — זי האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו זי איז.

פלוצלונג האָט זי דערפילט די קאַסע אין איר האַנט, זי האָט זי אַ וואָרף געטאָן ווייט פון זיך און האָט זיך צעוויינט.

— איך האָב מיט מיינע הענט סקאַלעטשעט אַ מענטשן און אפשר דערהרגעט. ווער ווייסט, אפשר ליגט ער איצט אַזוי לעבן וואַלד טויט און קיינער ווייסט אַפילו נישט. אוי, גאָט! פאַרוואָס האָב איך גאָר געהאַלטן די קאָסע אין די הענט? פאַרוואָס בין איך נישט אַנטלאָפן פריער?

זי האָט אין דער מינוט פאַרגעסן אָן אַלץ, אַפילו אָן איר סאלאמאנען. נאָר מיט דעם, וואָס זי האָט אַ מענטשנס בלוט פאַרגאָסן, איז איר געווען פאַרנומען דער קאָפּ. עס האָט זי געמוטשעט. זי האָט זיך נישט געקענט באַרויקן. זי האָט באַלד געוואָלט לויפן צוריק און אויפהייבן אים, אים דערמונטערן, טאָמער לעבט ער נאָך. זי איז מיט דעם געדאַנק אויפגעשטאַנען נאָר זי איז צוריק געפאַלן מיט דעם פּנים צו דער ערד.

דאָס גראָז אונטער איר איז נאַס געוואָרן פון טרערן, און דאָס גוט זיך אויסוויינען האָט זי באַרויקט. זי האָט זיך אָנגעהייבן דערמאנען, וויפל מאָל דער שלעכטער מענטש האָט זי געוואָלט אומגליקלעך מאַכן און ווי דאָס לעצטע מאָל, אָן שום דערבאַרעמקייט איז ער אָנגעפאַלן אויף איר, ווי אַ בייזער וואָלף, צעריסן אויף איר די קליידער, געשלעפּט זי ביי די צעפּ און... און מיט איין מאַך מיט איר קאָסע, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון איר האַנט, האָט זי זיך באַפרייט פון דעם וואָלף און ער איז געבליבן ליגן ווי טויט.

— ניין, איך וועל נישט גיין צוריק,—האָט זי ביי זיך באַשלאָסן. — מען וועט מיך משפטן, ווי אַ מערדער, און איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין נישט שולדיק. און ווידער, וואָס האָב איך צו גיין

צוריק? ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך איצט דאָרט? ווער ווייס צו אונדזערע לעבן נאָך?

ביי די געדאַנקען, האָבן זיך איר די האָר אויפגעשטעלט פאַר שרעק. און זי האָט באַשלאָסן נישט גיין צוריק. ווען גאָט האָט זי יאָ אָפּגעראַטעוועט; זי וועט וואַרטן ביז זי וועט געוואָר ווערן, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

זי האָט געוואַרט, עס זאָל ווערן טאָג, זי זאָל קענען ווייטער גיין.

• •
•

גאַנץ פרי, ווען די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, איז פון דער „קאָבילער קרעטשמע”, וואָס שטייט אויף דעם גרויסן שליאַך, אַרויסגעפאָרן אַ יידישער בעל-עגלה מיט עטלעכע פאַרשוינען. זעלטן פלעגט אין די זומער-נעכט דער בעל-עגלה דאָ נעכטיקן. מען פלעגט נאָר דאָ פאַשען די פערד, אַליין עפּעס איבערכאַפּן און ווייטער פאָרן, ווארים דער שליאַך איז געווען זייער אַ גלייכער, פון ביידע זייטן ביימער, אַז אַפילו אין די ווינטערדיקע פאַרשנייטע נעכט, האָט מען נישט געקאָנט פאַרבלאָנדזשעט ווערן, בפרט נאָך אין די זומערדיקע. נאָר זינט עס האָבן זיך אָנגעהייבן הערן די פּאָגראָמען, האָבן זיך די פאַרשוינען איינגעשפּאַרט, אַז מען זאָל דאָ נעכטיקן. זיי האָבן מורא געהאַט צו פאָרן, און כאָטש דער בעל-עגלה האָט געדרונגען, אַז אין דער קרעטשמע צו נעכטיקן ביי איצטיקער צייט איז מען אויך נישט באַוואָרנט, אַז קיין פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן נישט אָנפאַלן, נאָר פונ-דעסטוועגן האָבן זיי זיך באַרעכנט, אַז אין קרעטשמע איז פאָרט גלייכער, ווי זיך צו שלעפּן ביינאַכט אין פעלד.

וויאַזוי עס איז, האָבן זיי מיט שרעקעניש איבערגעדרעמלט די נאַכט, דער — אויף אַ טיש, דער—אויף אַ באַנק און דער גאָר אויף אַ פויסט און מען האָט געוואַרט אויף טאָג, ווי אויף משיחן.

ווי די זון איז נאָר אויפגעגאַנגען, איז שוין די פוו׳ אַרויסגע-פאָרן פון קרעטשמע און מען איז געלד אַוועק ווייטער.

— אָ, כ׳לעבן אַ פֿאַרגעניגן, פּשוט אַ דערקוויקעניש,—האָט זיך אָנגערופֿן אַ פֿאַרשוין, אַ חסידל, וואָס איז געפֿאָרן צום רבין. — זעט נאָר, ווי עס איז אומעטום שיין, גרין, אומעטום שמעקט, און די זון וואַרעמט אַזוי גוט, אַז עס איז אַ מחיה! אָ וויי, עס טוט מיר באַנג, וואָס איך איך האָב נישט געוואַשן די הענט. אַזוי וואָלט איך שוין געזאָגט ברכות און געקענט אָפּדאַווענען דעם גאַנצן פֿון פֿאָרנט, און אַ זייגער אַכט, ווען מיר וועלן קומען צו דער „ליפּענער קרעטשמע״, וואָלט ביי מיר געדויערט דאָס דאַווענען אַ מינוט, און איך וואָלט געקענט נעמען אַ ביסל שפּירט. אָ, אָ, אָ!

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, נאָר צי איבער דעם ביסל שפּירט, וואָס ער וועט טרינקען אין דער „ליפּענער קרעטשמע״, אָדער איבער דער פֿיינער לאַנדשאַפֿט, וואָס ער האָט איצט געזען פֿאָרנדיק,—האָט ער נאָר אַליין געוווּסט.

— אַז אָך און וויי צו אייער קוויקעניש,—האָט זיך אָנגערופֿן אַ יונגערמאַן כּמעט אין דיזעלבע יאָרן מיט דעם חסידל, אַ קאָמיסיאָנער פֿון ברויט ביי אַ קליינעם וואקזאַל, וואָס פֿאָרט אַהיים, ווייל איבער די פּאָגראָמען האָט מען אויפֿגעהערט צו שיקן ברויט, און פֿאָרנדיק אויף דער פֿור, האָט ער זיך באַקענט מיט אַלע פֿאַרשוינען און נאָכמער מיט דעם חסידל.

— וואָס געפֿעלט אייך דאָ נישט אַזוי, וואָס איך קוועל אָן? איך זאָל טאַקע נישט געווען פֿאַרגעסן זיך וואַשן, וואָלט איך טאַקע געזאָגט ברכות. עס וואָלט טאַקע זייער גוט געווען, אַז מיר זאָלן באַגעגענען אַ קליין קרעניצעלע, וואָלטן מיר טאַקע געבעטן דעם בעל-עגלה, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

— קאָרג האָט איר זיך געפּליוסקעט, איידער איר האָט זיך אויפֿגעזעצט פֿאָרן!—האָט זיך אָנגערופֿן דער בעל-עגלה, ווען ער האָט דערהערט, ווי מען שמועסט פֿון אָפּשטעלן זיך. — איר מעגט אייך זאָגן ברכות, וויפֿל אירווילט, וואָס דאַרפֿט איר אַ קרעניצע?

— איך דאַרף, אויף צו וואַשן זיך. וואָס איז דאָס גאָר פֿאַר אַ שאלה? מען איז זיך מער נישט ווי אַ מענטש, וואָס פֿאַרגעסט זיך. איך וועל דערווייל אַזוי זיצן און קוקן, טאָמער וועט פֿאָרט דער אייבערשטער רחמנות האָבן און באַשערן אַ קרעניצקעלע.

און ער האָט זיך ווייטער פֿאַרקוקט אויף דער שיינער לאַנדשאַפֿט, געקוויקט זיך און געקוואָלן פֿון פֿאַרגעניגן.

דער קאָמיסיאָנער, וואָס האָט זיך תחילת געבלאָזן און איז עפּעס ווי אין כעס געווען אויף דעם חסיד, האָט זיך איצטער פּלוצלונג צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר, ר׳ אהרן? — האָט האָט אים דער חסיד געפרעגט.

— וואָס האָב איך צו וויינען, אַז אייך איז אַזוי גוט?

— אין וואָס דערקענט איר דאָס? כלעבן, ר׳ אהרן, אַז איך בין גאָרנישט אַזאַ גביר. עט, עס שלעפּט זיך, ב״ה, דאָס שטיקל פּרנסה, מען זאָל נישט זינדיקן מיט רייד, און גלויבט מיר, ר׳ אהרן, אַז דאָס, וואָס איך פאָר איצטער צום רבין, איז מיר אויך שווער! פראַסט מיין פּנים פּלאַמט מיר: ווי גיט מען נישט דעם רבין כאָטש אַ פינפערל, און דעם גבאי אַ דרייערל, אַ שיינע „אַטיעזדנע״ איבער־לאָזן פאַר דעם רבינס קינדער, און נאָך קליינינקייטן? ווען דער אויבערשטער זאָל העלפן, די צייט זאָל בעסער ווערן, וואָלט איך אוודאי נישט פאַרשפּאָרט דאָס קערבל און וויאַזוי קען מען גאָר פאַרשפּאָרן, אַז מען פאָרט איינמאָל אין דריי חדשים צום רבין. נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך קען נישט. ס׳איז מיר אַזוי אויך שווער די צען־פופצן קערבלעך, וואָס עס וועט מיר קאָסטן די הוצאות, פאָרנדיק צום רבין. און איר זאָגט נאָך, אַז עס איז מיר גוט! כלעבן, איך וואָלט אייך באַדאַרפט מקנא זיין, אָן אייער שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן, איר פאַרדינט מער פון מיר.

— ניין, ר׳ זיינוול, איר האָט אַ טעות... אין היינטיקע ביטערע צייטן פאַר יידן האָט קיינער נישט וואָס מקנא צו זיין אַ ייד, בפרט נאָך איין ייד דעם אַנדערן ייד.

— פאַרוואָס? דאַכט זיך, אַ ייד צו זיין און דערצו נאָך פאַר־דינען אַ סך געלט איז, מיין איך, נישטאָ קיין שענערס און קיין בעסערס אויף דער וועלט.

— יאָ... נאָר אין היינטיקע שלעכטע צייטן פאַר יידן איז קיין ייד נישט פאַרזיכערט מיט דעם, וואָס ער האָט. היינט זענען אַלע יידן גלייכע אומגליקלעכע. דער היינטיקער יידישער גביר איז נישט פאַרזיכערט, אויב ער וועט מאָרגן האָבן ברויט.

זיינוול האָט געגעבן אַ זיפץ און האָט אויך מודה געווען, אַז יידן איז היינטיקע יאָרן טאַקע זייער שלעכט.

— יאָ, עס איז יידן שלעכט,—האָט ר׳ אהרן ווייטער אָנגעהייבן,—

יידן האָט מען נישט וואָס מקנא צו זיין, נאָר אייך, ר׳ זיינוול, מעג מען יאָ מקנא זיין. אייך איז גוט ווי די וועלט — איר זענט פון די גליקלעכע יידן...

זיינוול האָט זיך פאַרוואונדערט, זיך נעענטער צוגערוקט און געקוקט אויף אים מיט אַזוינע אויגן, ווי גלייך איינער זאָל זאָגן, אַז ער קען איין פוס אַנידערשטעלן אויף דער ערד און דעם צווייטן אויף דעם הימל.

— וואָס הייסט? וואָס הייסט? איך פאַרשטיי אייך נישט!..

— דאָס, וואָס איר הערט, און טאַקע איבער דעם, וואָס איך זע, ווי אייך איז אַזוי גוט, האָב איך זיך פריער צעלאַכט פאַר גרויס פרייד...

— איך פאַרשטיי נישט, עפּעס מאַכט איר פון מיר חוזק, ר׳ אהרן, צוואָס?—האָט זיינוולען עפּעס ווי פאַרדראָסן, און ער האָט זיך אָנגעהייבן בייזערן. נאָר אין דער מינוט האָבן אַלע פאַרשוינען פּליצלונג דערהערט שרייען אַ יידיש קול:

יידן, האָט רחמנות אויף מיר! ראַטעוועט אַן אומגליקלעכע!...

II

געשמועסט און ווייטער געפאָרן.

די פאַרשוינען מיט דעם בעל-עגלה האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. מען האָט באַלד אָפּגעשטעלט די פערד, אַראָפּגעלאָפן פון וואָגן און זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן אין אַלע זייטן; אנפאַנגס האָבן זיי מער נישט געזען, ווי פעלד מיטביימער און ווי די זון איז כמעט אינגאַנצן אויפגעגאַנגען פון הינטער די ביימער. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, און מען האָט שוין געקענט אַלץ זען, נאָר זיי האָבן פאָרט גאָרנישט געזען.

זיי האָבן נאָך אַ ביסל געוואַרט און באַלד ווידער דערהערט דעם אייגענעם קול און טאַקע באַלד דערנאָך איז פון צווישן די געדיכטע גרינע ביימער אַרויסגעגאַנגען אַ יידיש מיידל. דאָס איז געווען דאָס מיידל, וועלכע איז אַנטלאָפן פון פּאָגראָם.

פונקט ווי די שיינע זון, וועלכע איז פריער מיט אייניקע מינוטן ארויסגעגאַנגען פון צווישן די ביימער,—אַזאַ איינדרוק האָט זי איצט געמאַכט אויף אַלע פאַרשוינען; נאָר ווען זי איז צוגעקומען נענטער, האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר איר: דאָס פּנים בלאַס, די האָר צעפּודלט און צעשויבערט, דאָס קליידל אויף אייניקע ערטער צעריסן, אויף די הענט און די באָרוועסע פיס — ווונדן.

— איך בין פון דאָרף סטעפּקיווקע, — האָט זי אָנגעהייבן דערציילן גאַנץ שטיל, און אַלע פאַרשוינען האָבן זיך אַרום איר אַרומגערינגלט. — ערשט נעכטן זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן די גויים. איך בין קוים לעבעדיק אַנטלאָפן. די גאַנצע נאַכט בין איך געגאַנגען און געבלאָנדזשעט. איך בין געווען זייער מיד און האָב געוואָלט נעכטיקן אין פעלד. נאָר איך האָב מורא געהאַט, בין איך ווייטער געגאַנגען, און אַז קיין גוי זאָל מיך נישט באַגעגענען. בין איך געגאַנגען איבער געאַקערטע פעלדער אָדער מיט דעם וואַלד צווישן ביימער און קוסטעס: אָט וויאַזוי איך האָב זיך צעשניטן די פיס מיט די הענט. אויף זיך אַלץ צעריסן. איך האָב שוין געוואָלט גיין צוריק קיין סטעפּקיווקע, נאָר איך האָב פאַרלאָרן דעם וועג. איך בין געגאַנגען ווייטער און האָב נאָר געבעטן גאָט, עס זאָל שוין וואָס גיכער ווערן טאָג, איך זאָל באַגעגענען אַ יידן, עס זאָל מיך נישט באַגעגענען אַ גוי. די נאַכט איז מיר געווען לאַנג ווי אַ יאָר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין נישט דערלעבן דעם טאָג פאַר פּחד, פאַר דורשט, און אָט האָט גאָט קוים געהאָלפן. עס האָט אָנגעהייבן צו טאָגן, און ווי די זון איז אויפגעגאַנגען און עס איז געוואָרן גוט ליכטיק, האָב איך דורך די ביימער דערזען, ווי עס פאָרט אַ יידישער בעל-עגלה. איך האָב צוזאַמענגענומען מיינע לעצטע קרעפטן און אָנגעהייבן שרייען. געלויבט איז גאָט, וואָס איך האָב דערהערט יידיש רעדן... איך בין הונגעריק... איך וויל אַ טרונק וואַסער... עס ברענט מיך זייער...

יעדער האָט אויפגעבונדן זיין קלימעקל, ביי איינעם האָט זיך געפונען אַ ביסל וויין און בראַנפן.

זיצנדיק אונטער א בוים, לעבן וועג, האט רחל, ווי דאס מיידל האט געהייסן, דערפרישט אירע קרעפטן.

— איך האב נאך געהערט אין קרעטשמע, אז אין סטעפקיווקע איז א פאגראם, — האט זיך אנגערופן דער בעל-עגלה.

— פארוואס-זשע האט איר אונדז נישט געזאגט? — האבן זיך אנגערופן אייניקע פארשוינען.

— איך זאל אייך געוועזן זאגן, וואלט איר שוין געוואלט, איך זאל מיט אייך טאגן אויך אין דער קרעטשמע; טאמער ווייסט איר נישט, וואס מיר האבן געזעכטיקט אין דער קרעטשמע? מיר וואלטן שוין געקאנט זיין ווייטער מיט דרייסיק וויארסט.

— וואס הייסט, וויאזוי קענען זיך יידן היינטיקע צייטן ארויס־לאזן אין וועג ביינאכט, אז מען הערט מער נישט, ווי מען קוילעט און מען רויבעוועט.

— נו, און אין דער קרעטשמע זענען מיר שוין געווען באווארנט פון רציחה? אט איז דאס אומגליקלעכע מיידל געווען ביי זיך אינ־דערהיים אינמיטן העלן טאג, נו?

— אין קרעטשמע אין פארט היימלעכער, ווי זיך צו שלעפן ביי־נאכט אין וועג.

— אייך איז אוודאי היימלעכער!... וואס ארט אייך אפילו דארט שטיין דעם גאנצן טאג און מיר קאסט דערוויל געלט. איר וועט מיר נישט דערלייגן צו מיין קעשענע.

— נו, און אונדז קאסט גארנישט? עפעס מיינט איר, אז מיר האבן איבעריקע צייט זיך צו דרייען אין די קרעטשמעס? מיר וואלטן אויך געוואלט קומען גיכער אהין, וווּ מיר פארן. נאר וואס זאל מען טאן? עס איז פארט שרעקלעך פאר א יידן צו פארן אין וועג ביי היינטיקע צייטן.

— אז מען האט מורא און מען האט קיין צייט נישט, זיצט מען אינדערהיים. איך בין אויך א ייד, איך האב אויך מורא, און אז מען דארף, פארט מען.

— נו, הערט זיך שוין אויף צו קריגן אומזיסט, — האט זיך ארייג־געמישט אן עלטערער פארשוין. — ווו א יידישער בעל-עגלה מיט יידישע פארשוינען, דארט מוז מען זיך קריגן איבער א גארנישט, נאר אבי מ'זאל זיך נאר קריגן. ווי שעמט איר זיך נישט? מיר זענען זיך אלע יידן און מיר זעען פאר זיך איצט אזא אומגליקלעכע. מיר הערן

פון אַ נייעם פּרישן פּאָגראָם, און אייך ליגט אין קאָפּ זיך צו קריגן! לאָמיר אַלע זאָגן: געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט אזוי געפירט. ווארים חס-ושלום, מיר זאָלן נישט געווען האָבן גענעכטיקט אין קרעטש-מע, ווער ווייסט, צי וואָלטן מיר באַגעגנט דאָס יידישע אומגליקלעכע מיידל. ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט זיך, חס-ושלום, מיט איר אויסגע-לאָזט. מסתמא האָט גאָט אַזוי געהייסן, מיר זאָלן נעכטיקן אין קרעטשמע, כדי מיר זאָלן זי באַגעגענען און מציל זיין אַ יידיש קינד. הייגט וואָס האָבן מיר זיך צו קריגן? אָן גאָט ווערט נישט געטאָן קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן און אַלע האָבן געלויבט גאָט, און דער בעל-עגלה אוודאי, וואָס ער האָט מציל געווען אַזאַ שיין מיידל...

— איך האָב אויך געהערט אין קרעטשמע, אַז ערגעץ אין אַ דאָרף איז אַ פּאָגראָם, — האָט זיך אָפּגערופן אַ לעבעדיקער יונגערמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון רחלען. ער האָט אַרום איר געטאַנצט און זי באַדינט, ווי אַ געטרייער קנעכט.

— פאַרוואָס-זשע האָט איר אונדז נישט דערציילט? — האָבן זיך ווייטער אָנגעכאַפּט די פאַרשוינען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ נייס, איך זאָל אייך דערציילן? פריער, אַז עס איז געווען אַ פּאָגראָם אויף יידן, האָט דאָס געהייסן אַ נייס, ווייל עס האָט זיך געטראָפן איינמאָל אין צוואַנציק יאָר. אָדער אין צען יאָר. אָבער היינט: יעדן פרימאָרגן, ווי מען שטייט אויף, הערט מען פון אַ נייעם פּאָגראָם.

דער בעל-עגלה האָט דערווייל אונטערגעשמירט דעם וואָגן און אַלע פאַרשוינען האָבן זיך צוריק אויסגעזעצט אויף דער פור.

באַטירלעך, האָט יעדער געוואָלט אָפּטרעטן רחלען זיין אָרט, נישט בלויז פאַר רחמנות, נאָר אויס פריינטלעכקייט צו אַ פרויענצימער, ווי דער שטייגער איז צווישן מאַנסלייט.

דער לעבעדיקער יונגערמאַן, וואָס האָט געוווּסט דעם טייטש פון דעם וואָרט „קאַוואַליער", האָט צום ערשטן פאָרגעלייגט אָפּצו-טרעטן זיין אָרט פאַר רחלען. דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער פאַר-שוין א. אַז. וו. האָבן פאָרגעלייגט זייערע ערטער. נאָר אונדזער חסיד ר' זיינוול האָט זיך עפּעס געדרייט ווי אַ ווינט אין ראָסל. קיינער האָט זיין „דרייען זיך" נישט פאַרשטאַנען. זיין אָרט האָט קיינער

נישט געפּאָדערט און דערוואַרט, ווייל יעדן איז באַקאַנט געווען, אַז אַ חסיד איז קיינמאָל נישט קיין בעלן אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ אַ יידענע, אָדער, ווי די היינטיקע רופן עס אָן: „זיין אַ גאַלאַנטער קאַוואַליער מיט דאַמען", ווי דער שטייגער איז ביי מאַנסלייט, ווען זיי געפינען זיך אין געזעלשאַפט פון פרויען. אַ חסיד, האָט עס געהייסן, וועט נישט אָפּטרעטן זיין בענקל, די יידענע מעג אפילו זיין אין דער שווערער צייט... ער ווייסט גאָרנישט דערפון, אַז מיט אַ פרוי דאַרפן מאַנסבילן זיין מער העפלעכער, מער כבוד אָפּגעבן.

נאָר ווי זענען אונדזערע פאַרשוינען פאַרוווּנדערט געוואָרן, אַז זיינוויל, נאָך זיין גאַנץ „דרייען זיך", האָט פלוצלונג געזאָגט:

— איך וועל מיך זעצן אויף דער קעלנע און דאָס מיידל לאָז זיך זעצן אויף דער פור.

כאָטש אַנדערע האָבן זיך געשפּאַרט מיט אים, אַז זיי ווילן אָפּטרעטן די ערטער און עס וועט נאָך זיין גראָם פאַר יעדן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. זיינוויל האָט זיך שטאַרק איינגעשפּאַרט און געזאָגט, אַז מען וועט אים נישט לאָזן אויף דער קעלנע, וועט ער נישט פאָרן ווייטער.

אַלע האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף דעם חסידס איידלקייט.

זיינוויל האָט זיך געזעצט מיט דעם בעל-עגלה אויף דער קעלנע און מען איז ווייטער געפאָרן.

III

פון איין אומגליק צום אַנדערן.

— איך וויל זייער אַ טרונק, — האָט רחל געזאָגט. נאָך דעם איבערבייסן האָט זי נאָכמער דורשט געפילט.

— פאָרט כלעבן טאַקע גיכער, — האָט זיינוויל געזאָגט דעם בעל-עגלה, — וועט איר האָבן אינצווייען אַ מצוה. דאָס מיידל וועט זיך אָנ-

טרינקען און איך וועל זיך וואשן די הענט. איך וואָלט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט אַלע ברכות. ווען איך זאָל האָבן אָפּגעוואַשענע הענט.

דער בעל־עגלה האָט אָנגעהייבן פאָרן גיכער. נאָר ווי אויף להכעיס, האָט מען קיין קרעניצע נישט באַגעגנט און אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן ביז דער קרעטשמע.

דאָ האָט זיך דער עולם געשטעלט דאַווענען און דער בעל־עגלה איז געגאַנגען פּאַשען די פערד און אונטערשמירן דעם וואָגן.

נאָר זיינוול האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אין קרעטשמע, לעבן צובער, מיט נאַסע הענט און געטשמאָקעט מיט דעם מויל.

— אוי־וואַ, איצטער וואָלט געווען זייער גוט צו כאַפּן אַ קדושה מיט אַ ברכה. טאָמער וועט גאָט העלפן, עס וועלן נאָך אָנקומען אַ צוויי־דריי יידן — וואָלט געווען זייער גוט.

נאָר גאָט האָט זיין יידן דערווייל נישט געוואָלט העלפן און קיין יידן זענען נישט אָנגעקומען.

אונדזערע פאַרשוינען האָבן זיך אין אַ ווינקעלע שטיל אָפּ־געדאַוונט. וויאַזוי, מיט וואָסער האַרץ זיי האָבן געדאַוונט, האָט יעדער ביי זיך געוווּסט און געפילט. נאָר ווי עס איז, האָט יעדער שטיל אָפּגעדאַוונט און זיך געזעצט עפּעס איבערבייסן. נאָר זיינוול האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט מיט דעם טלית אויף איין אַקסל, מיט אַ פאַרקאַ־טשעטער האַנט, וואָס נישט ווייט פון איר האָבן נאָכגעהאָנגען עטלעכע פּאָר אַרבל, פּונקט ווי פליגלען פון אַ גאַלעגאַנסקן האָן, ווען ער צעבייזערט זיך.

ער האָט ערשט איצט געזאָגט אויף אַ ניגון „פון פאָרנט דאַווענען" און די גאַנצע קרעטשמע איז געווען פול מיט אים און זיין „פון פאָרנט דאַווענען". נישט איינמאָל האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן טיש, אָן דער באַנק, אָן דעם צובער, אָן דער שיקסל, וועלכע האָט אַריינגעקוקט אין שטוב אַריין, אָן דער באַלעבאָסטע, וועלכע איז אומ־געלאָפן אין דעם חדר, אַלע ווײַלע אַריין און אַרויס, ביז זי האָט אַראָפּגעוואָפן עפּעס אַ טאָפּ פון אַ באַנק און צעבראָכן.

נאָר ער האָט זיך אויף קיין שום זאַך נישט אומגעקוקט און איז געפלויגן ווייטער ווי אַ שטורעמווינט איבער דער קרעטשמע און מיט אַ ניגון געדאַוונט. פון זיך אַליין האָט ער געמאַכט אַ תל: דאָ האָט ער מיט גרויס כעס אָנגעהייבן דרייען זיינע פּיאות, דאָ רייבן דעם שטערן, דאָ דריקן זיך דעם קאָפּ, פּיינדיק די נעגל אין דער

הויט. און דאָ איז ער פּלוצלונג געוואָרן גוט, אַז מען האָט באַשיינ־פּערלעך געזען, ווי זיין האַרץ צעגייט זיך, ווי צוקער אין אַ וואַסער, פאר זיסקייט און גוטסקייט, און מיט אַן אָנגעקוואָלן געזיכט האָט ער אָנגעהייבן פּאַטשן די הענט. נאָר אָט אין אַ אויגנבליק האָט זיך ווייטער אָנגערוקט אויף זיין פּנים אַ גרויסע שוואַרצע כמאַרע און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און אַראָפּגעלאָזטן קערפּער, ווי ברוגז, האָט ער ווייטער געדאַוונט דעם „פון פאַרנט".

אַזוי האָט זיך אויף זיינוועלס פּנים געוויזן אַלע מינוט אַ נייע מאַסקע. אַלע מינוט האָט ער געדריקט די נאָז, די אויגן, די ליפּן, אַלע מינוט אַנדערע קולות, אַנדערע ניגונים.

נאָר ביז אַהער איז אים נאָך געווען צו דערליידן, כאָטש די גאַנצע קרעטשמע האָט געהילעכט מיט זיין געשריי. ער האָט כאָטש קיינעם נישט געטשעפּעט. אָבער גאָר אַנדערש איז געווען, ווען ער האָט אָנגעהייבן זאָגן די „ברכות". דא האָט ער זיך צעלאָזט ווי מיט פאַסט פון איין פאַרשוין צום אַנדערן, און וועמען ער האט נאר באַגעגנט אין קרעטשמע, איז ער צוגעלאָפן און אפּגעזונגען אַ ברכה, מען זאָל אים ענטפערן „אמן". טאָמער האט יענער נישט געהערט, זיך פאַרטראַכט, צי גלאַט אים נישט געוואָלט ענטפערן, אדער דאס מויל איז געווען פאַרנומען מיט דעם אנבייסן, איז זיינוול נישט אפּגעטרעטן, ביז מען האט אים נישט געענטפערט אויף זיין ברכה. אויב יענער האָט געשוויגן אדער זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט, האָט זיינוול געגעבן יענעם אַ טאַרע, אָדער אַ שטויס, ביז יענער האָט אים גע־מוזט ענטפערן. און וויבאַלד מען האָט אים נאָר דאָ געענטפערט, איז ער שוין געפלויגן צו אַ צווייטן, אַ דריטן א. אַז. וו. און די פּיאות, און די עטלעכע פּאָר אַרבל און דער טלית זענען אַרומגעפלויגן איב־דערלופטן, אַזוי, אַז עס איז געוואָרן אַ גרויסער ווינט אין דער קרעטשמע...

די פערד האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט. דער בעל־עגלה, וואָס דאַוונט שפּעטער ווי אַלע פאַרשוינען, האָט שוין אויך אָפּגעדאַוונט, אַפילו שוין אָנגעטרונקען די פערד, נאָר זיינוול האָט זיך נאָך מיט גרויס גדלות אַרומגעדרייט אין טלית און תּפילין, כאָטש ער האָט שוין אויך אָפּגעדאַוונט, נאָר ער האָט נאָך געהאַט עפּעס אַרומצוזאָגן, אַרומצווזינגען, אַרומצובאָמקען.

גאָט האָט געהאָלפן, ער האָט שוין דעם „נאָכן דאַוונען" אויך

אַרומגעזונגען אײַנגאַנצן און אָנגעהײבן אָפּצולײגן טלית און תּפילין, און טאַקע בעת מעשה, װי דער שטײגער איז, שױן אױך גענומען אַ ביסל בראָנפֿן. נאָר ערשט איצט האָט ער זיך צערעדט מיט דעם קרעטשמערס מלמד און מיט דעם אײדעמל װעגן תּורה. דאָס אײדעמל האָט געדרײט עפּעס אַ טיף פּשטל, דער מלמד פֿאַרקערט, און זײַנװל האָט געהאַט זײַן באַזונדער פּירושל צום פּשטל.

חוץ עטלעכע מעשיות מיט מופֿתים פֿון אַלטע גוטע ייִדן, האָבן זײ געדרײט, געקנײטשט, געקװעטשט, געבױגן, געקײַקלט, געקניפּט, געבונדן, געפֿלאָנטערט און געדרונגען פּשטלעך אױף אַלע זײַטן.

אײניקע פֿאַרשױן זענען שיעור פֿון דער הױט געקראָכן פֿון זײַנװלס דאַװנען מיט זײַנע פּשטלעך, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן.

ענדלעך, װען זײַנװל האָט שױן אױך זיך צעלײגט מיט זײַן טאָרבע איבערן גאַנצן טיש און גאַנץ ברײט אָפּגעגעסן אַ פֿאַרדאַרט שטיקל הערינג מיט הײמיש ברױט און פֿאַרביסן מיט אַ ציבעלע, אַ קנאָבל, אַ פּיסל פֿון פּעטשאַ און מיט א פֿײגעלע פֿון שבתדיקן קױלעטש, װאָס זײַן װײַב האט אומישנע איבערגעלאָזט פֿון שבת, זי זאָל האָבן דעם מאַן מיטצוגעבן אױף דעם װעג, — װען זײַנװל האט שױן נאָך די זיבעצן פֿאַרציעס אפּגעבענטשט און מען איז געגאַנגען זאָגן דעם בעל-עגלה, אַז די פֿאַרשױנען זענען גרײט צו פֿאָרן, האט דער בעל-עגלה געענטפֿערט, אַז ער װאַרט דא אױף אַ בעל-עגלה, בײ װעלכן ער דאַרף בײַטן אַ פֿערד. פֿאַרשטײט זיך, אַז אין װעג װאָגט נישט קײן שום פֿאַרשױן עפּעס אָפּצװענדן דעם בעל-עגלה אדער שטעלן זיך שפּאַרן מיט אים, ער זאל װײטער פֿאָרן. װאָרים געניטע פֿאַרשױנען װײסן שױן פֿאָרױס, אַז עס זענען גאר אומזיסטע רײד: דער בעל-עגלה פֿירט שטענדיק אױף זײַנס.

די פֿאַרשױנען איז מער נישט געבליבן װאָס צו טאָן, װי נאָר זיך זעצן און װאַרטן. דער בעל-עגלה מיט דעם לעבעדיקן יונגנמאַן האבן זיך אַלץ געדרײט אינדרױסן לעבן דער פֿור. די פֿאַרשױנען זענען געזעסן אין קרעטשמע יעדער אין זײַן װינקל, לעבן זײַן קלוי-מעקל; רחל האָט געשמאַק געשלאָפֿן אױף אַ באַנק. זי האט געבעטן, מען זאל זי לאָזן שלאָפֿן, ביז מען װעט פֿאָרן. דערפֿאַר האט זי איצט אױך קײנער נישט געטשעפּעט און זי איז זיך װײטער געשלאָפֿן.

אַלע פֿאַרשױנען האבן זיך צעזעצט יעדער אין זײַן װינקעלע בײ זײַן קלומעקל און טרויעריק זיך פֿאַרטראַכט: ביז װאַנען װעלן

יידן זיין אין גלות און אויך ביז וואַנען וועלן יידן זיין אין גלות ביי יידישע בעלי־עגלות. נאָר זיינוויל האָט אויף זיין אָרט נישט געקענט איינזיצן. עס איז אים עפּעס געווען צופיל אויפגעלייגט אויף דעם האַרצן, ער זאָל טראַכטן פון יידישן גלות. ער האָט זיך צוגעזעצט צום קאָמיסיאָנער, מיט וועלכן ער האָט פריער, פאַרנדיק, אַ סך גערעדט.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייס אויף דער וועלט, ר׳ אהרן? — האָט ער אים געפרעגט.

ר׳ אהרן האָט אים פריער אַ מאָמענט באַטראַכט און דערנאָך אים געענטפערט:

— ווי זאָל איך אייך נעמען פּלוצלונג וועלטנייסן? דעם נעכטיקן טאָג און דעם היינטיקן פאַר איך, דאַכט זיך, גלייך מיט אייך, ווי האָב איך געזאָלט הערן נייסן?

— אָבער פאָרט, ר׳ אהרן, איר פאָרט דאָך פון אַ גרויסער שטאָט.

ר׳ אהרן האָט געזען, אַז ער וועט זיך פון אים אַזוי גיך נישט אָפּטשעפּען.

— זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, ר׳ זייגוויל, עס גייט אייך טאַקע אַזוי אין לעבן צו וויסן די וועלטנייסן, אַז אַפילו אין וועג קענט איר זיך אָן זיי נישט באַגיין? כלעבן איר מעגט אייך זיצן רויק, די וועלט פירט זיך, ב״ה, אַזויווי עס דאַרף צו זיין אָן אייך.

— ניין, איך פרעג גלאַט אַזוי, עס איז בלויז נישטאָ וואָס צו טאָן, וואָלט איך אַ ביסל געוואָלט הערן נייס, וואָס שרייבן די גאַזעטן און וואָס האָט איר עפּעס געהערט וועגן היינטיקן מיניסטער? נאָך אינדערהיים האָב איך געהערט, ווי ר׳ יעקב ר׳ הערשלס האָט דערציילט נאָך מנחה דאַווענען, אַז דער סולטאַן האָט געשענקט אַ גרויסע מתנה דער קעניגין וויקטאָריע און אונדזערן פאַרדריסט עס... נאָר וואָס העלפט עס, די וויקטאָריע בלייבט טאַקע וויקטאָריע און אונדזערער האָט אַ נאָז. ווי מיינט איר, דאַרף אים פאַרדריסן, וואָס דער סולטאַן שיקט זיך איבער שלח־מנות מיט דער וויקטאָריע? איך רעכן און ר׳ יעקב ר׳ הערשלס מיינט אויך אַזוי, אַז עס איז גאָר פאַר אונדזערן די גרעסטע טובה, און אונדז ווייזט זיך גאָר אויס, אַז ער איז ברוגז, ווי מיינט איר?

— מיך אַרט נישט, צי ער איז ברוגז, צי ער פרייט זיך, — האָט

ר׳ אהרן אָפּגעזאָגט אין צוויי ווערטער זיין מיינונג, כדי זיינוואָל זאָל אָפּטרעטן פון אים.

— איך פאַרשטיי נישט, ר׳ אהרן, ווי איר מיינט דאָ? וואָרים זאָל דאָס אַנדערש זיין...

— לאָזט מיך צורו מיט וויקטאָריען צוזאַמען מיט דעם סולטאַנס „שלח-מנות, — איז יענער אַ־ם אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— איר זענט עפּעס נישט געזונט, ר׳ אהרן. איר ווילט זיך צו־לייגן? — האָט זיך זיינוואָל פאַרוווּנדערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז ער מיט זיינע נייסן זענען שווער פאַר ר׳ אהרנען.

— —

נאָכדעם ווי דער בעל־עגלה מיט נאָך אַ בעל־עגלה, וואָס איז אָנ־געקומען אַקעגן, האָבן זיך איבערגעביטן מיט אַ פערדל און פאַרטרונקען, זענען אונדזערע פאַרשוינען ווייטער געפאָרן.

רחל, וואָס איז געזעסן אין בויד, האָט אינקורצן נאָכאַמאָל דער־ציילט, ווער זי איז און וויאַזוי ביי זיי אין סטעפּקיווקע איז געוואָרן דער פּאָגראָם. ווי דער דאָרטיקער פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אַ לאַנגע צייט געגרייצט די דאָרטיקע פּראָסטע גוטע גוייִם אַקעגן דעם דאָרטיקן יידישן פּאָמעשטשיק חיים רויטמאַן, ווי ער האָט, ענדלעך, אויס־געפירט זיינס, און ווי זי מיט איר אומגליקלעכן פאָטער האָט אויך געטראָפן דאס אומגליק און ווי זי איז איצט זייער אומגליקלעך.

ר׳ אהרנען האָט זיך דאָס הארץ מיט בלוט פאַרגאָסן און די אויגן מיט טרערן באַוואַשן פון רחלס דערציילונג. די איבעריקע פאַרשוינען האָבן זייער טרויעריק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, נאָר דער פריילעכער יונגערמאַן האָט ווייטער זיך געדרייט אַרום איר, ווי אַן אמתער קאַוואַ־ליער. רחלען האָט שוין דאָס מויל ווי געטאָן אים צו זאָגן אַלע מינוט „איך דאַנק אייך״. אָן איר פּנים האָט מען געזען, אַז זי איז נישט אַזוי צופרידן מיט דעם יונגנמאַנס פריינטשאַפט.

כמעט אַלע יונגע פרויען און פריילנס פאַרשטייען די פּלוצלונג־דיקע פריינטלעכקייט פון די יונגעלייט. נאָר נאָכמער פאַרשטייען עס די יעניקע פרויען און פריילנס, וועלכע זענען פון דער נאַטור שיין.

דער בעל־עגלה האָט אויך געזיפצט פון רחלס דערציילונג און האָט זיך מיט דעם חסיד אויף דער קעלנע איבערגערעדט פון דעם יידישן גלות און פון די יידישע זינד, און זיינוואָל האָט אים דערציילט פון די חסידישע ספרים, אַז יידן ליידן תמיד פון די אפּיקורסים און

און דער בית המקדש איז אויך חרוב געוואָרן איבער זיי, און דער ריזשינער רבי, ז"ל, איז געזעסן אין טורמע איבער פאַלשע וועקסלען אויך איבער זיי. און דעם מאַקאַרעווערס טאַכטער האָט זיך גענומען אין דער זייט אויך איבער זיי! און יידישע סאָלדאַטן נעמט מען אויך איבער זיי. און יידישע פּאָגראָמען איז אויך איבער זיי. אַלץ, אַלץ איבער זיי, איבער די אפיקורסים.

דער בעל־עגלה האָט גערעדט צו די פערד און אויסגעהערט דעם חסידס ווערטער, ווי מען הערט תורה פון אַן איידעלן יידן און האָט ווייטער געקרעכצט אויף גלות השכינה, אָבער אין דער אייגענער צייט איז זיין קאָפּ געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, מיט עפּעס פריי־לעכערס...

אַזוי זענען זיי אָפּגעפאָרן ביז דעם ערשטן שטעטל. דאָרט, ווי דער שטייגער איז, האָט מען ווייטער אָנגעטרונקען די פערד. דער בעל־עגלה האָט געזאָלט בייטן די פערדלעך און נישט געביטן, נאָר דער־ווייל געביטן מיט דעם בייטשל און פאַרטרונקען, ביז גאָט האָט ווייטער געהאָלפן. ער האָט אָנגעהייבן ווייטער שפּאַנען די פערד, ווייטער צו פאָרן. אַלע פּאַרשוינען זענען שוין לאַנג מיט אומגעדולד געזעסן אויף דער פור, נאָר דער פּאַרשוין זיינוויל האָט פּלוצלונג געפעלט.

נאַטירלעך, ווען דער בעל־עגלה זאָל שוין געווען אָפּגענומען ביי זיינוולן דאָס גאַנצע פורגעלט, וואָלט ער זיך אפילו נישט אומגעקוקט און ווייטער געפאָרן אָן אים, נאָר אַזוי ווי עס איז אים נאָך געקו־מען אַ האַלב פורגעלט, האָט ער זיך אומגעקוקט. נאָכדעם, ווי ער האָט אים געזוכט, געשריען, געזידלט מיט אַלע שענדלעכע ווערטער, האָט ער זיינוולען געפונען זיצן מיט זיין גאַנצן קלומעק ביי אַ פרעמדן בעל־עגלה אויף אַן אַנדער פור.

אונדזערע פּאַרשוינען מיט דעם בעל־עגלה האָבן אים פאַרוואונדערט געפרעגט, נאָר זיינוול האָט געשוויגן. נאָר ווען דער בעל־עגלה האָט אָנגעהייבן שלעפּן אונטער אים זיין פּעקל, האָט ער אָנגעהייבן שרייען:

— איך וויל מיט אייך ווייטער נישט פאָרן!

— פאַרוואָס? איר האָט דאָך געדונגען ביז קיין ה... צום רבין.

— יאָ, נאָר איר האָט מיך אָפּגענאַרט, דעריבער וויל איך מיט אייך מער נישט פאָרן.

— מיט וואָס האָב איך אייך אָפּגענאַרט? דאַכט זיך גוט געפאָרן און אויך נישט קיין סך פּאַרשוינען.

— איך האָב אָבער מיט אייך אויסגענומען בפירוש, איר זאָלט נישט נעמען קיין יידענעס אויף דער פור. איך פאָר קיינמאָל נישט מיט קיין יידענעס, ובפרט נאָך, ווען איך פאָר צום רבין, זאָל מאריך ימים זיין.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך האָב גענומען יידענעס? — דער בעל־עגלה האָט חושד געווען זיינוולס נייעם בעל־עגלה, אַז ער האָט דאָס אויסגעטראַכט אויף אים, כדי צו אָפּרעדן אַ פאַרשוין, און האָט זיך גענומען צו דער בייטש, יענער בעל־עגלה, פאַרשטייט זיך, אויך און די צוויי בייטשן האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרטשעפּען.

— ער האָט נישט גענומען קיין שום יידענעס, — האָבן אָנגעהייבן פאַרזיכערן די פאַרשוינען.

— נו, און אָט די יידענע? — האָט זיינוול אָנגעוויזן אויף רחלען...

— פאַרוואָס־זשע זייט איר געפאָרן מיט איר ביז אַהער? איר האָט דאָך איר אַליין געמאַכט פּלאַץ? — האָבן די פאַרשוינען גע־פרעגט.

רחל, וואָס האָט ביז אַהער נאָר פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער סצענע, איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פור און געזאָגט:

— איך וועל ווייטער נישט פאָרן... איך וועל בלייבן דאָ אין שטעטל. טאָמער וועט זיך מאַכן אַ היימישער בעל־עגלה, וועל איך פאָרן אַהיים. איך וויל נישט, אַז מען זאָל זיך איבער מיר קריגן.

ווי דער בעל־עגלה האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָוועקגעוואָרפן זיך קריגן מיט יענעם בעל־עגלה און האָט רחלען געזאָגט, אַז ער וועט נישט נעמען דעם חסיד, אפילו ער זאָל אים צוצאָלן. ר' אהרן האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט באַצאָלן דעם בעל־עגלה דעם חסידס האָלב פורגעלט. דער לעבעדיקער יונגערמאַן האָט זיך אויך אַריינגעמישט, רחל זאָל ווייטער מיט זיי פאָרן.

בכלל האָבן אַלע פאַרשוינען זי איינגערעדט, אַז זי, אַלס אַן עלנט אומגליקלעך מיידל, זאָל נישט בלייבן אין דעם קליינעם שטעטל, זי זאָל כאָטש דערפאָרן ביז דער שטאָט ר...

זיינוול איז זיך בשלום אָוועקגעפאָרן מיט דעם נייעם בעל־עגלה צום רבין, און רחל איז ווייטער געפאָרן מיט אונדזערע אַלע פאַרשוינען.

עס גאַנצן טאָג, פאָרנדיק, האָבן כמעט אַלע פאַרשוינען גע־

שוויגן, נישט גערעדט, ווי פריער. יעדער איז געזעסן פארטראַכט אין זיינע געדאַנקען. אייניקע האָבן אויך צו ביסלעך צוגעדרעמלט.

פאַרנאַכט, ווען מען איז געקומען אין שטאָט ר... האָבן די פּאַר-שוינען, וואָס האָבן געדאַרפט ווייטער פאָרן, זיך געדאַרפט דינגען אַ נייע פור, ווייל דער בעל-עגלה האָט געוווינט אין ר... און איז ווייטער נישט געפאָרן.

ר' אהרן האָט אויך געדאַרפט פאָרן ווייטער אַהיים אין זיין שטאָט, וווּ ער האָט געוווינט און פאַרגעלייגט רחלען, אויב זי וויל, קען זי מיט אים פאָרן צו אים און זיין דאָרט, ביז זי וועט קענען צוריקפאָרן אַהיים. דער בעל-עגלה האָט אָבער פאַרגלייגט: וואָס דאַרף זי זיך מוטשען און ווייטער פאָרן, ער וועט, אי"ה, נאָך שבת פאָרן צוריק קיין נ..., וועט ער זי אָפּפירן אַהיים. אַלע האָבן געפונען, אַז אַזוי איז פיל גלייכער. רחלען איז אויך דער פּלאַן געפעלן, וואָרים וואָס דאַרף זי זיך נאָך שלעפּן אַזוי ווייט פון דערהיים? זי איז שוין אַזוי אויך אַוודאי 150 וויאָרסט ווייט פון דערהיים. וואָס טויג איר זיין אומזיסט ביי אַ פרעמדן מענטש? זי וועט בעסער איבער שבת זיין ביי דעם בעל-עגלה, און דערנאָך וועט ער זי אָפּפירן, און מען וועט אים באַצאָלן פאַר פורגעלט און פאַר אַלץ.

נאָכדעם ווי דער בעל-עגלה האָט צעפירט די פאַרשוינען יעדן אויף זיין סטאַנציע, האָט ער אויך צו א גאַסטהויז צוגעפירט דעם לעבעדיקן יונגנמאַן, אייניקע מינוטן זיך איבערגערעדט מיט אים אויפן אויער, אויפן ווונק, און דערנאָך איז ער מיט זיין ביידל און מיט רחלען געפאָרן צו זיך אַהיים אויף דער „טויטער גאַס", צו זיין גרויסער לאַנגער אַלטער שטוב „די ראבע מורליטשקע".

דער בעל-עגלה, וועלכער האָט געפירט רחלען צו זיך אַהיים, איז געווען אונדזער אַלטער באַקאַנטער ר' גאָדל דער רויטער, און דער לעבעדיקער יונגערמאַן איז געווען איינער פון לעדערבערגס חברה.

אָרעמע רחל! זי האָט זיך איצט, נעבעך, געפרייט, וואָס גאָט האָט זי מציל געווען פון אַן אומגליק און, ענדלעך, זי צוריק געבראַכט אין אַ יידישער שטוב, וווּ מען האָט זי צוגענומען זייער פריינטלעך. זי האָט, נעבעך, נישט געוווּסט, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן אומגליק!...

IV

אונדזערע אַלטע באַקאַנטע.

די אַלטע כייקע (דעם בעל-עגלהס מוטער) האָט אַרום רחלען זיך געדרייט, ווי אַ טרייע מוטער, זי נישט איבערגעלאָזט אויף אַ מינוט אַליין. אַלעמאָל איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, איר מיטגעהאָלפן וויינען אויף די צרות, וואָס יידן טראָגן איצט איבער און אויף איר אייגן אומגליק.

רחל האָט זיך דער אַלטער כייקען מיט דער גאַנצער שטוב זייער איבערגעגעבן. זי האָט דערציילט כייקען, ווער זי איז, און אַז זי האָט פון תמיד אָן געוווינט אין דאָרף סטעפּקיווקע, נישט ווייט פון דער שטאָט נ. דאָרט האָט געוווינט אַ יידישער פּאָמיעשטשיק, נאָר ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. נאָך אים איז געבליבן זיינער אַ זון סאַלאמאָן, וואָס איז דער גאַנצער באַלעבאָס און ער איז איר חתן, כאָטש זיין מוטער אסתר באַשטייט נאָך דערויף נישט, נאָר זיין באָבע פריידע, זייער אַ ווילדע יידענע, וויל יאָ דעם שידוך. זי, די אַלטע, האָט אויך ליב געהאַט איר מוטער נחמה, ווען זי האָט געלעבט. אויך האָט זי איר אַלץ דערציילט וועגן דעם פאַן קאַרל און וואָדאָ-פּיאַנאָוו און ווי עס איז פּלוצלונג אויף זיי דער אומגליק געקומען. די גוים זענען, ווי די וועלף, אָנגעפאַלן אויף זיי. זי האָט געהערט שרעקלעך שרייען איר אומגליקלעכן פאָטער, סאַלאמאנען, זיין מוטער, איר איז נאָכגעלאָפן פאַן קאַרל. זי איז אַנטלאָפן דאָרט ביים וואַלד, האָט ער זי געכאַפּט און, צום גליק, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט די קאָסע, איז זי פון אים נצול געוואָרן.

דורך גאָדלען און דורך כייקען האָט זי געהאַט אָפּט גרוסן פון דערהיים. אין סטעפּקיווקע איז דער פּאָגראָם געווען שרעקלעך, און איר חתן סאַלאמאָן, ווען ער האָט געזען זיין ליבע באָבע טויט אויף דער ערד, האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן און איז אָנגעפאַלן אויף די גוים. האָבן זיי אים זייער געשלאָגן און אויף דעם צווייטן טאָג איז ער געשטאָרבן.

מיט איין וואָרט, מען האָט רחלען געבראַכט אַלעמאָל אַזוינע

אויסגעטראַכטע גרוסן פון דערהיים, אַז זי זאָל זיך אַלץ פילן אומגליקלעכער און עלנטער; אויך האָבן זיי איר נישט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז פאַן קארלען האָט מען געפונען טויט לעבן וואַלד. אַלע גויים זאָגן, אַז זי, רחל, האָט אים מיט דער קאָסע דערהרגעט. און סאלאמאנס מוטער זאָגט, אַז זי מוז אַרויספאָרן ערגעץ ווייט. זי פאַרקויפט אַלץ.

„צרות" — זאָגט מען,— שטאַרקן דעם מענטשן. אַפּנים, אַ דאַנק די צרות, וואָס שטאַרקן דעם מענטשן, איז רחל אויך געווען אין שטאַנד אַלץ איבערצוטראָגן. זי האָט זיך אויך סוף כּל סוף איבערגעוויינט, איבערגעזיפצט, נאָר דערפאַר האָט זי זיך שטאַרק פאַרענדערט. איר פריערדיק ליכטיק פּנים, וואָס איז שטענדיק געווען פריילעך, אירע לעבעדיקע אויגן, אַלץ, אַלץ האָט זיך אין איר איבערגעביטן; דאָס פּנים בלאַס און טרויעריק. די אויגן ווי מיט שוואַרצן טול איבערגעצויגן, די ליפּן פאַרמאַכט, די הענט שטענדיק אַראָפּגעלאָזט און אינגאַנצן האָט איר פּנים אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז עפּעס ביי איר אַלצאיינס, און זי לעבט נאָר דערפאַר, כּדי זי זאָל זיך מוטשען. זי איז עלנט, אַלץ וואָס איז איר געווען ליב, איז פון איר אַוועק אויף אייביק. און אַליין איז זי אַ מערדערין, מיט אירע אייגענע הענט האָט זי דערהרגעט אַ מענטשן און דאַרף מורא האָבן פאַר יעדן שאָטן.

זי האָט ווייטער אַזוי נישט געקענט לעבן און האָט געזאָגט כייקען:

— איך וויל פאָרן אַהיים, ליבע כייקע!

— נאַריש, אומגליקלעכע קינד, ווו ווּעסטו פאָרן? האָסט דען שוין אַ היים? וואָס גייט דיר דען דאָ אָפּ? אַ דאַנק גאָט, מיר זענען אויך יידן, און וויאַזוי גאָט וועט געבן, וועלן מיר לעבן.

— מיר גייט דאָ גאָרנישט אָפּ, — איר טוט פון מיינעטוועגן אַזויפיל, ווי מיין אייגענע מוטער, נאָר איך קען מער דאָ נישט זיין, איך וויל צוריק זיין אויף דעם אָרט, ווו איך האָב אַלץ פאַרלאָרן. איך וויל באַשטראָפט ווערן פאַר מיינע זינד.

— ניין, רחל, דו רעדסט נאָך, ווי אַ יונג נאַריש קינד. דו האָסט דאָ גאָרנישט געזינדיקט, און וואַהין האָסטו צו פאָרן? איך וועל דיך נישט הערן, דיינע נאַרישע קינדערשע געדאַנקען טראָגן דיך. איך וועל דיך נישט לאָזן פאָרן. דו וועסט ביי מיר זיין, ביז גאָט וועט רחמנות האָבן אויף יידן און די פּאָגראָמען וועלן אויפהערן...און אַזוי

וווהין וועסטו פאָרן? אַלע טאָג הערט מען אין אַ נייער שטאָט אַ נייעם שרעקלעכן פּאָגראָם. אין נ. איז שוין אויך געווען אַ פּאָגראָם. דאָ האָט מען שוין אויך מורא אַרויסצוטרעטן אויף דער גאַס. און דו, אַ מיידל אַליין, ווילסט זיך לאָזן פאָרן אין אַזאַ שרעקלעכער צייט! אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלטן זיך גערעכנט פאַר גליקלעך, וואָס דו ביזט אָנגעקומען צו אונדז. מיר וועלן דיך דאָ נישט לאָזן פאַרפאַלן ווערן. זאָל גאָט העלפן, עס זאָל ווערן אַ ביסל שטילער, דערנאָך וועלן מיר זען.

רחל האָט געמוזט צוגעבן, אַז די גוטע כייקע איז גערעכט און האָט זיך באַרעכנט:

— אַזויפיל יידן ווערן אַלע טאָג אַזוי אומגליקלעך, מסתמא בין איך נישט איין יידיש מיידל, וואָס איז אַזוי אומגליקלעך! וווהין און צו וועמען וועל איך זיך טאַקע באמת שלעפּן אַהיים? דאָס, וואָס איז געווען, וועט זיך שוין נישט אומקערן. וואָס קען איך נאָך דערוואַרטן? דער פאָטער איז טויט, מיין סאַלאמאַן איז נישטאָ מער; אפילו די טייערע באָבע איז אויך נישטאָ.

זי איז ווייטער געבליבן און זיך מער איבערגעגעבן כייקען. זי האָט אין איר געפונען איר גאַנצע טרייסט. הונדערט מאָל אין טאָג פלעגט זי דערמאנען סאַלאמאַנען, פריידען, איר פאָטער, און כייקע האָט זי אַלץ געטרייסט. געוויזן איר, אַז אַ מענטש דאַרף אַלץ איבער־טראָגן, ווארום גאָט הייסט אַזוי, אָן גאָט טוט זיך גאָרנישט אויף דער וועלט, און דעם, וואָס גאָט ברענגט אויף אים אַ סך צרות, דעם האָט ער ליב.

אַזוי איז דערווייל אַוועקגעגאַנגען ביי רחלען די ערשטע צייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

רחל האָט זיך אַזוי איינגעוווינט פאַר אַ היימישע ביי כייקען אין שטוב, אַז כייקע איז געווען פאַרזיכערט, זי מעג זי אָפּלאָזן גיין אפילו ווו זי וויל. נאָר רחל איז אין ערגעץ נישט געגאַנגען. זי האָט נאָר ליב געהאַט צו קוקן אויף די זומערדיקע נעכט אינדרויסן. קיין זאַך פלעגט אַזוי נישט דערמאנען אין איר פאַרגאַנגען לעבן, ווי די זומערדיקע נעכט. קוקנדיק אַזוי אויף דעם לויטערן הימל, אויף דעם ביימל, וואָס האָט זיך געוויזן אין די אויגן פונווייטנס, פלעגט זי זיך דערמאנען אירע סטעפּקיוקער ברייטע פעלדער, דאָס וועלדל, איר גאַנצע פלייסיקע ארבעט, און, פאַרשטייט זיך, באַלד האָט פאַר אירע

אויגן זיך באַוויזן איר פאָטער, און איר סאַלאַמאַנס ליב פּנים, זיין גאַנצע געשטאַלט, און זי האָט אָנגעהייבן קוקן אויף דעם הימל, דאָרט, וווּ אירע ליבע זענען איצט...

יעדן מענטש, אַפילו אַ האַרטהאַרציקן, רירט אַ זומערדיקער שיינער אָוונט, און נאָכמער ווערט גערירט אַ פעלדאַרבעטער, ווען ער איז אין זומער אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט.

קוקנדיק אַזוי אויפן הימל, האָט זי זיך דערמאָנט אָן איר גאַנץ לעבן. נאָר נאָכמער האָט זי זיך דערמאָנט אָן די אַלע טייערע מעשיות, וואָס די באָבע פריידע פלעגט איר אין די זומערדיקע נעכט דערציילן.

— זעסטו, רחל, — פלעגט איר די באָבע פריידע אָנווייזן, — אָט קוק דאָ גלייך אויף דעם הימל. זעסט, ווי עס שווימען אַרום שטיקלעך וואָלקן, וואָס האָבן אַ פּנים ווי שטיקלעך כמאַרע? דאָס זענען די נשמות פון מענטשן. אָט דאָרט אין דער זייט שווימען אַרום ווייסינקע וואָלקנדלעך; דאָס זענען ריינע נשמות פון קליינע קינדער, וואָס זענען יונג געשטאָרבן אָן שום זינד.

און רחל האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט אויף דעם הימל, נישט אָפּגעלאָזט קיין אויג פון די אַלערליי קליינע, גרויסע און מיטעלע שטיקלעך ווייסע וואָלקנס.

— אָ, דאָס קען זיין מיין מאַמעס נשמה,—האָט זי אָנגעוויזן מיט דעם פינגער אויף אַ מיטלשטיק ווייסן, ־ויטערן וואָלקן, וואָס האָט זיך אָפּגעווייסט אין דער פאַרב פון דער לבנה. — און דאָס גרויסע ווייסע שטיק קען זיין דעם זיידן שלומס נשמה...

— ווער קען וויסן, מיין קינד, וועמעס נשמות עס גייען אַרום דאָ? דאָס קען נאָר וויסן גאָט, — האָט איר געענטפערט די אַלטע פריידע.

אָט מיט דעם איז איצט רחל אויך געווען פאַרנומען, זיצנדיק אויף דער טויטער גאַס לעבן דער שענק „די ראָבע מורליטשקע”. זי האָט איצט אויך געזען פאַר זיך שטיקלעך לויטער-ווייסע וואָלקנדלעך אַרומשווימען איבער דעם לויטערן הימל, און געזען אין זיי די נשמות פון איר פאָטער און פון סאַלאַמאַנען. זי האָט אַפילו געזען זייערע פּנימער. איר האַרץ האָט שטאַרק געבענקט.

זי האָט דייטלעך געזען פאַר זיך סאַלאַמאַנען אין דעם שטיק ווייסן וואָלקן, און זי האָט זיך געפילט אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט געקוקט אויף איר. ער זעט אַוודאי, ווי איך זיץ דאָ און קוק און קען אַפילו אַ

וואָרט אים נישט זאָגן. אָט, ווען ער זאָל זיך אַזוי אַראָפּלאָזן אויף דער ערד... ער וואָלט מיך נישט אָפּגעלאָזט, מיר וואָלטןביידע דאָרט געפֿלויגן.

רחל האָט זיך פֿאַרטיפֿט און פֿאַרטראַכט אויף דער „נשמה", וואָס האָט פֿאַר אירע אויגן אַרומגעשפּאַצירט, אַז זי האָט גאָרנישט געפֿילט, צי זיצט זי אויף דער ערד. זי האָט אַפֿילו נישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. עס האָט זיך איר באמת אויסגעוויזן, אַז זי איז אינדערלופֿטן און ווי די „נשמה" ווערט אַלעמאָל נענטער צו איר. אָט, אָט וועט זי אים שוין זען. אָט, וועלן זיי שוין זיין אינאיינעם... נאָר אַ פּלוצלונג געדערעדעריי פֿון צוויי מענטשן האָט איר פֿאַנטאַזיע איבערגעשלאָגן און זי איז פּלוצלונג, ווי פֿון הימל אויף דער ערד אַראָפּגעפֿאַלן. נישט ווייט פֿון איר האָבן זיך פֿאַוואָליע געדרייט צוויי מיידלעך, ווי צוויי שאָטנס, איינע אַ דערוואַקסענע און איינע כמעט נאָך גאָר אַ קינד, מער נישט ווי דרייצן יאָר אַלט. זייערע קעפּ זענען אויך געווען פֿאַריסן צו דעם הימל.

— אָ, אָ, יאָ, אָט דאָס קען זיין דעם זיידן זלמנס נשמה, וואָס דו פֿלעגסט מיר דערציילן, אַז ער איז געווען אַזאַ גוטער און ער פֿלעגט אַלץ דיר קויפֿן.

דאָס האָט געזאָגט דאָס קלענערע מיידל, וואָס איז אַרומגעשפּרונגען אַרום דער עלטערער, אַלעמאָל זיך געטשעפּעט אַרום איר קליידל, זי זאָל איר מודה זיין, אַז דאָס גרויסע שטיק ווייסע איז דעם זיידנס נשמה.

— ווער ווייסט, אפשר יאָ און אפשר נישט. דער זיידע קען שוין איצט זיין אין גן־עדן.

— נו, וואָס־זשע איז, האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז די, וואָס זענען אין גן־עדן, די זיצן אויף דעם הימל אויך.

— יאָ, נאָר ווען דער זיידע זאָל דאָ זיין, וואָלט ער זיך אָן אונדז דערמאָנט, אַז אונדז איז אַזוי שלעכט אויף דער וועלט. מיר האָבן נישט וואָס צו עסן און זיך אָנצוטאָן. דער זיידע וואָלט אויסגעבעטן ביי גאָט, אַז מיר זאָלן שוין מער נישט אַרומגיין אין די הייזער בעטן אַ גראָשן מיט אַ שטיקל ברויט.

דאָס קלענערע מיידל, וואָס איז ביז־אַהער געווען זייער פֿריילעך פֿון דער גוטער האָפֿענונג, אַז שיינדל (דאָס עלטערע מיידל) וועט אויך זאָגן, אַז עס איז דער זיידע, איז איצט זייער טרויעריק געוואָרן.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז דעם גאַנצן לאַנגן זומערטאָג צו־זאַמען מיט שיינדעלען אָפּגעגאַנגען די פּיס איבער די הייזער און איינאָוונט געגעסן וועטשערע נאָר אַ שטיקל טרוקן שוואַרץ ברויט מיט וואַרעמען זומערדיקן וואַסער.

— שיינדל! און מיין מאַמע ווייסט אויך נישט, אַז מיר איז אַזוי שלעכט?

— לאָמיר, רייזעלע מער נישט רעדן פון מתים. מען טאָר נישט רעדן, בפרט נאָך ביינאַכט.

רייזעלע האָט זיך, ווי דערשראָקן און שטיל אָן ווערטער זיך צוגעטוליעט צו שיינדעלען און זיך האַלב איינגעוויקלט אין די פאַלדן פון איר קלייד.

רחל, וואָס האָט כמעט אַלץ געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט, איז נענטער צוגעגאַנגען צו זיי.

— אַ גוטן אָוונט, האָט שיינדל זיך פריער אָנגערופן נאָכדעם, ווי זי האָט זי אַ ביסל באַטראַכט. — איך האָב אייך, דאַכט זיך, געזען דאָ ביי כייקען אין שטוב.

— יאָ, איר וווינט דען דאָ נאָענט?

— יאָ, דאָ באַלד טאַקע הינטער דער שטוב.

— איך האָב עס נישט געוווּסט. איך זע אייך דאָס ערשטע מאָל. עס איז אַזוי אומעטיק צו זיצן אַליין אינדרויסן.

— איר האָט אונדז נישט געזען, ווייל מיר גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט איבער די הייזער.

רחל איז זייער פאַרווונדערט געוואָרן און האָט געפרעגט:

— וואָס הייסט, איר גייט אַרום אין די הייזער? וויאַזוי גייען אַרום אַזוינע מיידלעך אין די הייזער?

— גוט איז אייך, וואָס איר זענט אַ דינסטמויד און דינט ביי אַ באַלעבאָסטע, ווו איר האָט אַלץ גרייטס. מיר האָבן גאָרנישט. מיר זענען אָרעם, נאַקעט און באָרוועס, ווי איר זעט אונדז. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? וואָס מיינט איר, מיר זענען נאָר די איינציקע מיידלעך, וואָס גייען אַרום איבער די הייזער?

— נו, און אייערע עלטערן גייען אויך אַרום אין די הייזער?

— ניין, מיינע עלטערן זענען מיר יונג געשטאָרבן. איך בין געוועזן ביי מיינעם אַ זיידן. דער זיידע איז נישט אַרומגעגאַנגען אין די הייזער.

— מיין מאַמע איז מיר אויך אָפּגעשטאָרבן יונג. איך געדענק אויף דעם זיידן, האָט זיך רייזעלע אריינגעמישט אין שמועס.
— מיין זיידע פלעגט נאָך אַליין מיטהעלפן אַ סך אָרעמעלייט.
— ער איז געווען אַ גביר ? — האָט רחל געפרעגט מיט אַ זיפץ.
— ניין, ער איז אויך געווען אַן אָרעמאַן, נאָר זיין שטיקל ברויט האָט ער זיך פאַרדינט און אַ גאַנצן טאָג ביז שפעט אין דער נאַכט פלעגט ער אַרומגיין איבער די הייזער צונויפנעמען געלט פאַר אָרעמעלייטס וועגן. אים פלעגט יעדער געבן אַ נדבה. מען פלעגט אים געבן אפשר צו צען גראָשן אַ נדבה, און אַ גרויסער גביר אַמאָל אַ קערבל אויך. חוצדעם פלעגט מען אים אין יעדער שטוב געבן דער אַ גראָשן און דער צווייי. ער פלעגט מאַכן אַ סך געלט, נישט אַזויווי מיר, וואָס גייען אָפּ צען הייזער און צוואַנציק קלייטן ביז מען וואַרפט אונדז צו אַ גראָשן אָדער אַ שטיקל ברויט.
— און דאָס גאַנצע געלט פלעגט ער אַוועקגעבן פרעמדע אָרעמעלייט ?
— יאָ, איך געדענק אַליין, ווי ער פלעגט אַוועקגעבן. און אַז מיר האָבן אַמאָל נישט געהאַט אויף קיין אָנבייסן, כאָטש ער פלעגט האָבן געלט, פלעגט ער זאָגן, אַז פון „אָרעמעלייטס געלט טאָר מען נישט נעמען" און פלעגט הייסן דערווייל אין קלייטל באָרגן אויף אָנבייסן.
— ווו-זשע פלעגט איר נעמען אויף אָנבייסן ?
— וואָס הייסט ? ער האָט פאַרדינט. ער פלעגט לערנען פאַר אַ געשטאָרבענעם גביר משניות, קדיש זאָגן, אויך פלעגט ער מאַכן טאַבאַק, וואָס ער פלעגט נעמען פאַר יעדער פושקעלע אפשר פיר גראָשן און פון נאָך אַזוינע זאַכן האָט ער פאַרדינט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן מאַקע געלעבט, ווי אָרעמעלייט.
— נו, און ער איז שוין געשטאָרבן ?
— יאָ, שוין אַכט יאָר. די גאַנצע שטאָט איז געווען ביי זיין לויה. אויף מאָרגן האָב איך שוין נישט געהאַט אויף אָנבייסן, נאָר כמעט די גאַנצע שטאָט האָט רחמנות געהאַט אויף מיר. אַלע האָבן געקרעכצט אויף מיר קוקנדיק, וואָס איך בין אַזוי געבליבן עלנט און האָב אָנגעוואָרן אַזאַ טייערן זיידן, אַזאַ ערלעכן ייד. אַלע האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט, יעדער האָט מיר אריינגעשיקט אין שטוב, וואָס ער האָט געקענט: ברויט, פלייש, געלט, אַ קליידל. אַלע היגע אָרעמעלייט

האָבן מיר מקנא געווען, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ טײַערן ייִד פֿאַר אַ זיידן און מען האָט אויף מיר אַזוי ... נות און מען גיט מיר אַזויפֿיל נדבות. מען ברענגט מיר נאָך אַהיים. נאָר נישט לאַנג האָב איך געלעבט מיט דעם זיידנס צדקות, נישט לאַנג האָט זיך אַזוי געצויגן מײַן גליק. וואָס שפּעטער, האָט מען אויפֿגעהערט אויף מיר רחמנות האָבן. וואָס ווײַטער און ווײַטער האָט מען מער פֿאַרגעסן מײַן זיידן און אָן מיר אוודאי. עס איז געקומען דערצו, אַז מען פֿלעגט מיר אַהיים שוין גאָרנישט ברענגען. עסן האָב איך נישט געהאַט וואָס. ווי מען נעמט געלט האָב איך אויך נישט געוווּסט. איך האָב אַלץ געטראַכט, ביז איך בין שטאַרק הונגעריק געוואָרן, בין איך אַרײַנגע-גאַנגען אין אַ צווייטער שטוב מיט רייזעלען און געבעטן עפּעס עסן, מען האָט מיר געגעבן. אויף מאָרגן אויך אַזוי, נאָר אויף דעם דריטן טאָג האָט מען מיר אין דער צווייטער שטוב געזאָגט, אַז זיי זענען אויך אָרעמעלײַט. זיי גייען אויך אַרום אין די הײַזער. זיי קענען מיר שוין מער נישט געבן, איך זאָל בעסער אַרומגיין אין שטאָט. ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך שעם זיך, איך קען נישט בעטן, איך בין נישט געוווינט, האָבן זיך אייניקע אָרעמעלײַט פֿון מיר שטאַרק צעלאַכט און חוזק געמאַכט. דער האָט געזאָגט: אַז איך בין אַ „קבצנטע אַ גדלנטע״, און דערפֿון איז גאָר נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך אויף דער וועלט; דער האָט געזאָגט, אַז נאָר גנבענען איז אַ בזיון, אָבער אַ נדבה בעטן האָט מען זיך נישט וואָס צו שעמען. גאָט האָט ליב אָרעמעלײַט און דערפֿאַר האָבן מענטשן רחמנות. אַזוי האָבן זיי מיר אײַנגערעדט און געלאַכט פֿון מיר און געזאָגט, אַז אַ גדלן אַ קבצן האָט אַפֿילו גאָט פֿײַנט בפֿרט נאָך מענטשן.

פֿונדעסטוועגן בין איך נישט געגאַנגען אין שטאָט בעטן נדבות. נאָר איינמאָל, איך געדענק עס, ווי הײַנט, בין איך אַזוי שטאַרק הונגעריק געוואָרן, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך פֿאַל מיט דעם פּנים צו דער ערד, און רייזעלע האָט אָנגעהייבן אַזוי ווײַנען, אַז זי איז הונגעריק, אַז איך האָב געפֿילט, ווי דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער. אָן אַ שום בזיון, אַפֿילו זיך נישט פֿאַרטראַכט, האָב איך גענומען רייזעלען בײַ דער האַנט און בין אַוועק אין שטאָט אַרײַן אין דער ערשטער ייִדישער באַלעבאַטישער שטוב און געזאָגט: „גיט מיר אַ נדבה, גיט מיר עפּעס עסן״. די באַלעבאָסטע האָט מיך באַלד דערקענט, אַז איך בין ר׳ זלמנס אייניקל. זי האָט אונדז גע-

געבן אַ נדבה און אונדז געגעבן ברויט מיט אַ טעלער באָרשטש און מיר האָבן זיך אָנגעגעסן.

פון דעם טאָג אָן, ווען מיר פֿלעגן נאָר ווערן הונגעריק, פֿלעגן מיר אַוועקגיין אין שטאָט בעטן אַלעמאָל אין דער אָדער אין יענער שטוב.

אומעטום האָט מען מיך דערקענט, אַז איך בין ר׳ זלמנס אייניקל. אומעטום פֿלעגט מען מיר טראָגן אַקעגן די נדבה מיט עפּעס עסן. אַלע האָבן אויף מיר געקוקט, געצוויקעט און רחמנות געהאַט, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ טייערן זיידן און איך דאַרף אַרומגיין איבער די הייזער. די יידענע האָט געזאָגט: „אָך איז מיר!״ די — „ווײ איז מיר!״ די — „אַ שלאַק איז מיר, אויף וואָס ר׳ זלמנס אייניקל איז, נעבעך, איבערגעקומען!״ די — „אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, ר׳ זלמן זאָל אויפֿשטיין פון קבר און אַ קוק טאָן אויף זיין אייניקל, וואָלט ער נאָכאַמאָל געשטאָרבן״. — „זינדיקע יאָרן האָבן מיר דערלעבט אוודאי! אוודאי האָט דאָס ר׳ זלמן ביי גאָט פֿאַרדינט״ א. אז. וו.

בקיצור וועל איך אייך דערציילן, די גאַנצע שטאָט האָט ווייטער אויף מיר רחמנות געהאַט; אין יעדער שטוב, וווּ איך האָב געבעטן, האָט מען מיר נישט אָפּגעזאָגט. אַלע אָרעמעלייט האָבן מיר אָנגעהייבן ווייטער שטאַרק מקנא זיין און האָבן מיך געדעכנט פֿאַר אַ גליקלעכע. אַ סך פון זיי זענען מיר געוואָרן אומזיסטיקע שונאים, דערפֿאַר וואָס מיר גיט מען אין יעדער שטוב, אין יעדער קלייט און זיי גייען אָפּ זיבן שטובן מיט צען קלייטן ביז מען גיט זיי אַ נדבה; אַלע אָרעמע-לייט האָבן אָנגעהייבן וואָרטשען אַרום מיר, דער האָט געזאָגט: „טאָמער ווייסטו, פֿאַרוואָס זי איז אַזאַ מיוחסת? איר זיידע איז געווען אַן ערלעכער ייד, טאָ וואָס איז? אָבער זי איז דאָך אַזאַ קבצנטע און גייט איבער הייזער גלייך מיט אונדז, וואָס-זשע איז זי אַזוי מער מיוחסת פון אונדז? אונדזערע זיידעס זענען דען נישט געווען קיין ערלעכע יידן, זיי זענען דען געווען גנבים, חס ושלום?״

אָט אויף אַזאַ שטייגער האָבן זיך אַ סך אָרעמעלייט אויסגעדריקט וועגן מיר און איך האָב באַקומען אַ סך שונאים.

— נאָר אָבער אומזיסט זענען זיי מיר געוואָרן שונאים, אומזיסט האָבן זיי מיך מקנא געווען אויף מיין גליק. מיין גליק האָט איצט אויך נישט לאַנג געדויעדט; וואָס שפּעטער און שפּעטער האָט מען

מיר אָנגעהייבן ווייניקער צו געבן און ווייניקער צו אָכקען און רחמנות האָבן אויף מיר.

בקיצור איך וועל אייך קיין סך נישט דערציילן, עס איז געקומען דערצו, אַז ווען איך קום אַריין אין אַ שטוב בעטן אַ נדבה, קוקט מען זיך אפילו נישט אום אויף מיר. מען האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין ר׳ זלמנס אייניקל. מען לאָזט מיך שטיין און וואַרטן, ביז די באַלעבאָסטע דערמאנט זיך; אַמאָל גיט זי אַ גראָשן און אַמאָל זאָגט זי, אַז זי האָט נישט, אָפטמאָל זידלט זי נאָך מיך גוט אויס; „וואָס קריכט איר אַלע טאָג? עס איז דאָ גענוג אָרעמעלייט צו געבן", און טוט מיר נאָך אַ קלאַפּ מיט דער טיר. צען הייזער מיט צוואַנציק קלייטן גיי איך היינט אָפּ, איידער מען גיט מיר אַ גראָשן. אפילו די איבעריקע אָרעמעלייט מאַכן אַ סך מער פון מיר, וואָרים זיי קענען זיך שטופּן, פריער אויסכאַפּן, ווייל זיך אויך שטופּן, וועסטו געזידלט ווערן און וועסט טאָקע בלייבן פון הינטן. טאָקע נאָר מיט גרויסע נסים באַקום איך אַ נדבה, ווען גאָט העלפט, עס טרעפט זיך זייער אַ גוטער מענטש מיט אַ גוט האַרץ און האָט רחמנות.

— אַט היינטיקן טאָג, זענען מיר אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, קוים געמאַכט דריי גראָשן און געקויפט ברויט אויף וועטשערע.

רייזעלע האָט דערביי אַ זיפץ געטאָן און רחל, וואָס האָט די גאַנצע צייט אויסגעהערט, ווי שיינדל האָט דערציילט, איז זייער טרויעריק געוואָרן. זי האָט זיי נאָכמער באַטראַכט און געפרעגט:

— וואָס האָט איר זיך אַריינגעלאָזט אין בעטלעריי? בעסער וואָלט איר זיך געוועזן גענומען צו עפּעס אַן אַרבעט, וואָלט איר פאַרדינט.

שיינדל האָט זי שטאַרק פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי געהערט אַזאַ פראַגע.

— אַרבעט? — האָט זי געענטפערט, — וואָס הייסט אַרבעט? וואָס קען איך אַרבעטן? איך בין דען אַן אַרבעטערין איך זאָל קענען מיט מיין אַרבעט פאַרדינען געלט?

— מיך וווּנדערט נאָר אויף אייערע אַלע פריינט, וואָס ווען אייער זיידע איז געשטאָרבן, האָבן זיי רחמנות געהאַט אויף אייך, געקרעכצט אויף אייער אומגליק, אויף דעם, וואָס איר זענט עלנט געבליבן, און מיטגעהאָלפן אייך מיט נדבות. דערמיט האָט יעדער געוויס גערעכנט, אַז ער טוט אייך אַ טובה, טוט אַ גוטע זאַך. נאָך איך שווער אייך, ווען אייער זיידע זאָל איצט אויפשטיין און זען, וואָס זיינע פריינט

האָבן פון אייך געמאַכט, וואָלט ער זיי געוויס נישט געווען דאַנקבאַר. קיינעם פון זיינע פריינט און באַקאַנטע איז נישט איינגעפאַלן, אַז מען זאָל אייך געוויינען צו אַרבעט, איר זאָלט זיך אַליין פאַרדינען, דאָס איז שרעקלעך, ווי מענטשן פאַרשטייען נישט, ווי צו טאָן יענעם אַ טובה, אפילו ווען זיי ווילן; און מיט זייער הילף נישט נאָר ברענגען זיי יענעם נישט קיין נוצן, נאָר די גרעסטע רעה: זיי מאַכן אים פאַר אַן אייביקן אָרעמאַן.

שיינדל, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען רחלען ביי כייקען אין שטוב, האָט גערעכנט, אַז רחל זוכט אַ שטעלע גלייך ווי אַלע דינסמיידן, וואָס קומען צו כייקען דער מעקלערין נאָך אַ שטעלע.

— איך האָב אין ערגעץ נישט געדינט — איך בין אַליין געווען אַ באַלעבאָסטע.

— וואָס-זשע טוט איר איצט דאָ ביי כייקען?

— אונדז האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס צעראַבעוועט, איך בין דערוויי' געבליבן אַזוי'וי איך שטיי און גיי און וועל טאַקע בעטן כייקע די מעקלערין, זי זאָל מיר נאָרייען אַ שטעלע. דינען ביי יענעם און זיך פאַרהאָרעווען דאָס ברויט איז אויך נישט קיין בזיון.

שיינדל האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן פאַרשעמט דערמיט, וואָס זי איז אַ בעטלערין. זי האָט זיך צעוויינט.

— איך וואָלט אויך געוואָלט בעטן כייקען, זי זאָל פאַר מיר מיט רייזלען קריגן אַ שטעלע. רייזעלע וואָלט שוין אויך געקענט עפּעס טאָן שטובזאַכן. זי איז שוין צוועלף יאָר אַלט, נאָר איך שעם זיך בעטן כייקען.

— נו, איז דאָס נישט נאַריש, האָט זיך רחל אָנגערופן. בעטלען ברויט שעמסטו זיך נישט און בעטן אַ שטעלע שעמסטו זיך! איך וועל בעטן כייקען פאַר אייך, לאָז נאָר גאָט העלפן זי זאָל קריגן פאַר אונדז אַלע דריי שטעלעס.

— נאָר מיר גייען זייער אָפּגעריסן, ווער וועט אונדז צונעמען?

— וואָס האָט איר פריער אומזיסט צו זאָרגן, איידער עס איז נאָך דאָ ערטער? מיר וועלן נאָכדעם זען.

— נאָר איך קען זיך נישט צעשיידן מיט רייזעלען. איך דאַרף מיט איר זיין שטענדיק צוזאַמען, אָדער כאָטש אין איין שטאָט שטענ-דיק זיין.

— מיר וועלן אַלע דריי אין איין שטאָט דינען. איך וועל אַזוי

בעטן כייקען, — האָט זיי רחל געטרייסט, זיי זאָלן נישט אָנווענדן די גוטע האָפענונג צו באַקומען שטעלעס און פערדינען זיך אַליין דאָס ברויט.

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך אָפגערעדט און זיך צעגאַנגען זייער צעפרידן, און מיט גוטער האפענונג.

•

•

איך רעכן פאַר איבעריק אויספירלעך איבערצוגעבן אַלע קליינ־קייטן, וויאַזוי כייקע האָט זיי געגעבן שטעלעס. די אומשולדיקע קינדער, ווי מיט פאַרבונדענע אויגן, האָבן זיי זיך אַליין איבערגעגעבן אין אירע הענט.

און וויאַזוי האָבן זיך די אָרעמע דריי קינדער דערפרייט, ווען נאָך דעם, וואָס זיי האָבן לאַנג געוואַרט אויף דער שטעלע, וואָס כייקע האָט זיי צוגעזאָגט, האָט זי זיי ענדלעך אין אַ שיינעם פרימאָרגן גע־זאָגט, אַז זי האָט באַקומען אַ בריוו, אַז אין אַ גבירישן הויז איז דאָ פאַר זיי אַלע דריי שטעלעס.

און באמת איז טאַקע אַזוי געווען. אין עטלעכע טעג אַרום איז די גבירטע מיט אַ גרויסן האַלדז פּערל געקומען קיין ר... זי האָט געשיקט רופן כייקע די מעקלערין. כייקע איז מיט רחלען און מיט שיינדלען אָוועקגעגאַנגען צו דער גבירטע — די באַלעבאָסטע האָט די מיידלעך אויסגעפרעגט, וואָס זיי קענען טאָן אין שטוב א. אז. וו. בקיצור זיי זענען געפעלן דער באַלעבאָסטע, און זי האָט זיי צוגע־נומען, און אפילו צו עטלעכע רובל אַ דרויף זיי געגעבן און עס איז געבליבן, אַז נאָך שבת דאַרפן זיי איינטרעטן אין זייערע ערטער ביי דער נייער באַלעבאָסטע.

ווי גליקלעך זענען זיי געווען, ווען זיי זענען שוין אַרויסגעפאָרן פון דער „טויטער גאַס", רחל האָט זיך אין קאָפּ פאָרגעשטעלט אַ סך גאָלדענע פּלאַנען און שיינדלע האָט זיך נאָר געפרייט דערמיט, וואָס זי האָט אַ שטעלע און נאָכמער דערמיט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט

איינגעוויליקט, אַז די קליינע רייזל זאָל אויך זיין ביי איר אין שטוב.
„דאָס עסן וועט זי זיך ביי מיר פאַרדינען",—האָט די באַלעבאָסטע גע־זאָגט,—„און אַז זי וועט אַ ביסל אונטערוואַקסן, וועט זי רייזעלען אויך צאָלן פאַר איר אַרבעט."

ווען זיי זענען אַלע דריי אַוועקגעפאָרן פון דער „טויטער גאַס", האָט כייקע מיט זיי זיך זייער וואַרעם געזעגנט. זיי מיטגעגעבן אויף דעם וועג אַלץ, וואָס מען דאַרף. געווונטשן זיי אַלץ גוטעס און די מיידלעך האָבן איר אוודאי געדאַנקט.

צוויי קעכינס, וואָס האָבן געוואַרט ביי כייקען אין שטוב, זי זאָל זיי אויך געבן שטעלעס, האָבן איצטער מקנא געווען רחלען מיט שיינדלען, וואָס זיי האָבן ערטער, און געליובט זייער כייקען. וואָס וואָלטן די אָרעמע מיידלעך, נעבעך, געטאָן אָן חייקען?

V

וואַנדערבעטלער.

דאס זענען בעטלער, וועלכע וואַנדערן אום פון שטאָט צו שטאָט, פון איין עק לאַנד צום אַנדערן. זיי וואַנדערן געוויינלעך צו־פוס מיט שטאָק און טאָרבע, אָבער אַ סך פון זיי וואַנדערן מיט פערד און וואָגן, מיט זייער אייגענעם פערד און וואָגן.

דער בעטלער מיט דעם פערדל פאָרט גאָרנישט אָפּ מער ווי דער פּוסגייער גייט אָפּ מיט די פיס, נאָר פונקט פאַרקערט. גאַנץ אָפט קומט דער פוסגייער פריער אין שטאָט, ווי דער וואָס פאָרט, פשוט דערפאַר, ווייל דאָס אומגליקלעכע פערדל מיט דער עגלה ווערט אַלעמאָל פאַרזונקען אין בלאָטע, אַז מען מוז אַליין אַרויסשלעפּן.

אפילו גאָר אין דעם שענסטן וועטער בלייבט דאָס אויך אַמאָל שטיין, און כאָטש דערהרגע עס, וויל זיך דאָס נישט רירן פון אָרט. און מיינט נישט, חס־ושלום, פאַר שלעכטיקייט וויל עס נישט שלעפּן

דעם אָרעמאַן, צי פּאָר פּוילקייט, נאָר פּשוט דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש איז גאָרנישט גליקלעכער פון זיין באַלעבאָס און האָט, נעבעך, קיין כוח נישט צו שלעפּן זיינע אייגענע פעל אויף זיך, בפרט נאָך דעם וואָגן מיט זיין באַלעבאָס.

איר וועט אוודאי פרעגן, טאָ וואָס־זשע טויג גאָר דעם אומגליקלעכן אַזאַ עגלה? קען ער דען נישט גיין צופוס גלייך מיט אַלץ פוסגייער?

ניין, ער קען נישט, ווייל די פוסגייער האָבן נישט קיין ווייב און קינדער, און ער האָט יאָ און שלעפּט זיי מיט זיך פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין יריד אויף אַ צווייטן.

דאָרט אין ביידל געפינט זיך זיין ווייב מיט עטלעכע קינדער. איין קינד וויינט, אַ צווייט קינד שפּילט זיך און די מאמע איז דאָרט אַ באַלעבאָסטע.

און דער באַלעבאָס גייט שטענדיק טריט ביי טריט גלייך מיט דעם אומגליקלעכן פערדל און שלעפּט זיין גאַנץ פאַרמעגן.

ער וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ער וואָלט זיך שוין גאָרנישט געקלאָגט אויף זיין שלעכט מזל, ווען דאָס פערד זאָל שטענדיק גיין. עס גייט אָבער נישט. עס פאָרט אָפּ אַ האַלבן וויאָרסט און שטעלט זיך אָפּ. הייבט מען עס אָן טרייבן, בעטן מיט גוטן, עס העלפט אָבער נישט.

נעמט ער די בייטש העלפט אויך נישט.

הייסט ער דערווייל זיין ווייב און קינדער זיך אַרויסציען פון בויד אויף גאָטס ערד, טאָמער וועט עס רירן, דאָס פערד טוט זיך טאַקע דעמאָלט אַ ריר און ווערט לעבעדיק, נאָר וואָס־זשע? דאָס ווייב מיט די פּיצעלעך קינדערלעך קענען דאָך נישט גיין צופוס און ציען זיך ווייטער אַריין אין בויד. דאָס פערד שטייט ווייטער.

און עס שטייט אַזוי לאַנג, ביז מען מוז אָנקומען צום לעצטן מיטל, דאָס הייסט מען שלעפּט אַרויס דעם צעבראָכענעם דישל, וואָס מען האָט שטענדיק אָנגעגרייט אונטערן וואָגן און מען הייבט אָן ברעכן דעם פערד די ביינער.

זיין גאַנץ ביטער האַרץ לאָזט ער שוין אויס צו אים. דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש נעמט צונויף אַלע זיינע כוחות און רירט זיך פון אָרט. גאָט העלפט, עס הייבט אָן גיין באַרג אַראָפּ און דאָס

פערד באַוועגט זיך, פונקט ווי גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף דעם אָרעמאַן און זיין פערדל אַריינגעזעצט אַ נייע לעבעדיקע נשמה.

דער הויף פון שול, פון קלויז, פון בית-המדרש, זענען די סטאַנציעס פאַר די וואַנדערבעטלער. געפינט ער זיך נאָר אין הויף פון דער שול, איז ער ביי זיך אינדערהיים. ער הייבט אויף דעם דישעל. אינעווייניק, איןביידל, לייגט ער איבער זיינע זאַכן. דאָס ווייב רוימט דאָרט אויף. אין קלויז, ביי דער הרובע קאָכט זי אָנבייסן, פונקט ווי ביי זיך אינדערהיים.

אין דער שטאָט ר... איז צום הויף פון דער קלויז, ווו ר׳ זלמינע האָט מיט דרייצן יאָר צוריק געדאַוונט, צוגעפאָרן אַ יידישביידל, אַ קליינער וואָגן מיט פיר גרויסע רעדער. איין ראָד האָט געסקריפעט, דאָס צווייטע האָט געפייפט, דאָס דריטע זיך געשלעפט. ווי אַ שליטן און דאָס פערטע זיך געדרייט, ווי אַ ראָד.

דער ייד, וואָס איז געגאַנגען גלייך מיטן פערדל, האָט געעפנט דעם טויער, ווי אַ באַלעבאָס, וואָס קומט אין זיין אייגענער שטוב, און איז אריינגעפאָרן אין הויף.

אין דעם וואָגן מיט דעם פערד און אין דעם אָנטרייבן אַליין, האָבן אַלע דערקענט, אַז עס איז גאָט צו דאַנקען, אָנגעפאָרן אַן אָרעמאַן.

פון דעם וואָגן איז אַרויסגעקראָכן דעם אָרעמאַנס ווייב מיט עטלעכע קינדער. אַ פאָר קינדער זענען אַוועקגעלאָפן אין קלויז און איינציקע זענען געבליבן מיט דער מוטער לעבן וואָגן.

מיט דעם וואָגן איז אויך געקומען צופאָרן אַ פרעמדע יידענע, וואָס האָט זיך אין וועג אָנגעדונגען, נאַטירלעך, פאַר גראָשנס.

דער אָרעמאַן האָט אַפילו נישט געוואָלט אַרויפנעמען קיין פרעמדע פאַרשוינען אויף זיין וואָגן. דאָס פערד שלעפט אַזוי אויך קוים, נאָר זיין ווייב האָט רחמנות געהאַט אויף דער פרעמדער יידענע, וואָס האָט זיך געבעטן, מען זאָל זי צופירן קיין ר...

— אָבער ווו זאָל איך זי נעמען? — האָט איר דער מאַן גע-פרעגט. — זעסט דאָך, אַז דאָס פערד שלעפט זיך קוים!

— נו, וואָס-זשע אַרט דיך, וועט ער שלעפן נאָך אַ פרעמדע יידענע אויך. ווער דען וועט אויף איר רחמנות האָבן, אַז נישט מיר? אפשר וועט אונדז גאָט אין דעם זכות ברענגען בשלום אין שטאָט.

דאָס ווייב האָט איבערגערעדט דעם מאַן און מען האָט מיט-

גענומען די יידענע אויפן וואָגן. כאָטש זי איז געגאַנגען מיט דער עגלה מער צופוס, ווי געפאָרן, נאָר פונדעסטוועגן איז זי געווען זייער צופרידן, פאַרשטייט זיך נישט מיט דער עגלה, נאָר מיט דעם אָרעמאַנס ווייב. זיי זענען זיך ביידע עפּעס געפעלן און האָבן געקענט אַ ביסל אויס-רעדן צווישן זיך זייערע שווערע הערצער.

נאָר ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין שטאָט, האָבן זיי אויפגע-הערט צו רעדן.

דעם אָרעמאַנס ווייב האָט זיך גענומען אַרומקוקן אויף אירע קלומקעס און אויף די קינדער. און די פרעמדע יידענע האָט אַריינ-געשטאָכן אירע אויגן אין שטאָט, פונקט ווי יעדעס הויז, יעדעס געסל איז איר געווען גוט באַקאַנט. זי האָט שטיל געזיפצט, גע-קרעכצט און געוויינט, אַז דעם אָרעמאַנס ווייב זאָל נישט באַמערקן.

בריינע, דעם אָרעמאַנס ווייב, האָט אָבער פאָרט באַמערקט און זיך אָנגערופן:

— נישטאָ וואָס צו וויינען, ליבע לאה, אויף אונדזער וויסט מזל, מסתמא הייסט גאָט אַזוי...

— איך האָב שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג נישט געוויינט אויף מיין פינסטער מזל. איך בין שוין לאַנג דערצו געוווינט געוואָרן, נאָר ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין שטאָט און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די הייזער און גאַסן, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן, איך זאָל זיך נישט צעוויינען...

בריינע האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, און יענע האָט דערוויילד דערציילט:

— איך בין אין דער שטאָט געבוירן, ליבע בריינע. די שטאָט ר... איז מיין שטאָט. איך געדענק נאָך ביז היינט, ווי איך בין אויף די גאַסן אַרומגעלאָפן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע. נישט אַזוי פאַרוויסט און פאַרפינסטערט, ווי איצט. איך בין דעמאָלט געווען אָפּגעוואַשן, אויסגעצוואָגן און שיין אָנגעטאָן: אך! נישט ווי איצט פאַרלאָזט און פאַראָרעמט, אַז מען מיינט, אַז איך בין שוין איבער זעכציק יאָר.

— אַזוי, זענט איר דאָ געבוירן געוואָרן? — האָט בריינע פאַר-וואונדערט געפרעגט. — האָט איר דאָ פריינט, באַקאַנטע?

— וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, צי איך האָב דאָ יאָ פריינט און באַקאַנטע, צי נישט, איך בין צו זיי נישט געקומען. נישט איך

אזא פינסטערן שטאַנד, אין וועלכן איך געפין זיך איצט, איז גוט צו קומען צו פריינט און באַקאַנטע... און ווער, ווער וועט מיך דען דער־קענען? גיין, זיבע ברײנע, איך בין צו זיי נישט געקומען...

— שוין לאַנג, אַז איר זענט דערוויַיטערט פון אייער שטאָט?

— אָ! שוין גאַנץ לאַנג. איך געדענק שוין אַליין נישט, נאָר דאַכט זיך דרייצן יאָר. דרייצן שלעכטע ביטערע יאָרן! איר ווייסט, ווי לאַנג עס זענען דרייצן שלעכטע יאָרן? — מען קען דערקענען אין מיין פנים, וואָס די דרייצן יאָר זענען געווען. איך בין איצט מער נישט אַלט, ווי צוויי, דרייאונדרייסיק יאָר...

— אוי גאָט, שלעכטע יאָרן עלטערן אַ מענטשן, און איך האָב אייך געדעכנט אין די אייגענע יאָרן, וואָס איך... מיר גייט שוין דאָס פינפאונפינפציקסטע יאָר.

— האָט איר דאָ איבערגעלאָזט עלטערן, ווען איר זענט אַוועק־געפאָרן? — האָט ברײנע ווייטער געפרעגט.

— יאָ... גאָט ווייסט, צי זיי לעבן נאָך. איך האָב זיי איבערגע־לאָזט אויך אין אַ סך צרות...

לאה האָט ווייטער געוואָלט עפּעס רעדן, נאָר זי האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט.

— איך בין נישט געקומען צו מיינע עלטערן, ליבע ברײנע... אויב זיי לעבן נאָך, האַלטן זיי מיך שוין אוודאי לאַנג פאַר געשטאָרבן...

— נאָר איך פאַרשטיי נישט, וויאַזוי באַהאַלט מען זיך אַזוי פאַר פריינט, באַקאַנטע און אייגענע עלטערן?

— פרעגט מיך איצט נישט, ליבע ברײנע... איך בין צופיל אומ־גליקלעך, איך זאָל אייך קענען אַזוי גיך, זיצנדיק אויפן וואָגן פון אַלץ דערציילן... איך בעט אייך קיינעם דאָ נישט דערמאנען, אַז איך בין אַ היגע... שפּעטער וועל איך אייך פון אַלץ דערציילן.

דאָס זענען געווען זייערע לעצטע רייד, ווען זיי זענען אַריינ־געפאָרן אין הויף פון קלויז.

נאָכדעם, ווי לאה האָט זיך אַ ביסל אירע צעבראָכענע ביינער אָפּגערוט פון וועג, האָט זי איר קלומעקל איבערגעגעבן ברײנען און איז אַרויסגעגאַנגען פון הויף. אָבער נישט לאַנג איז זי ווייטער געגאַנגען. זי האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט, אַ פאַרטראַכטע.

נאָך אַזויפיל צרות און לייד האָט זי דאָך גאָט געבראַכט אין דער שטאָט, ווו זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

נאָר וווהין זאָל זי פריער גיין? אויף דער „טויטער גאַס"? גיין. זי וועט זיך פריער זען מיט ר' זלמינען. ער וועט איר אָפּגעבן איר טאָכטער. ער וועט איר ווייזן איר טאָכטער. ער וועט זי ברענגען צו זיין אייניקל שיינדעלען, וואָס האָט אַזויפיל געטאָן פאַר דעם אומגליקלעכן קינד.

און זי האָט באַשלאָסן:

— איך וועל גיין פריער צו דער קלויז, ווו ר' זלמן דאַוונט שטענדיק... איך וועל דאָרט אויפוואַרטן, ביז ער וועט אַרויסגיין. איך וועל אים באַלד דערקענען, ער אָבער מיך נישט; און ווי איז דאָס מעגלעך? ער קען מיך פאַר אַ יונג שיין מיידל, ריין, שיין אָנגעטאָן מיט אַ לויטער פּנים, און איצט וועט ער פאַר זיך זען אַן אָרעמע אַלטע יידענע, שוואַרץ פון צרות, איינגעטרוקנט פון טרוקענעם אויסגעבעטן ברויט, אין צעריסענע קליידער, אין אַלערליי אַלטע שמאַטעס! אָך, ער וועט זיך גאָרנישט גלייבן, אַז איך בין די לאה, וואָס האָב אים אומזיסט אַזויפיל יסורים אָנגעטאָן און אַפילו נישט באַדאַנקט... איך וועל אים הונדערט מאָל איבערבעטן! ער וועט מיר מוחל זיין. ער איז אַ גוטער. ער וועט מיר אָנווייזן מיין טאָכטער, ער וועט איר דערציילן, אַז איך בין איר מוטער!...

און לאה איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון קלויז און האָט געוואַרט, טאָמער וועט אַרויסגיין ר' זלמינע; אַלערליי יידן און יונגעלייט זענען מיט זייער תפילין-זאַק אונטערן אָרעם אַרויסגעגאַנגען פון קלויז, נאָר ר' זלמינע האָט זי נישט געזען. מאַנכע האָבן געזען שטיין אַן אָרעמע יידענע, האָבן זיי איר געגעבן אַ נדבה און לאה האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צוגענומען, ווארים זי איז שוין לאַנג דערצו געוווינט געוואָרן, בפרט, אַז ביי איר אין קעשענע האָט זי גאָרנישט געהאַט.

זי האָט שוין מער קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן און איז צוגעגאַנגען צו אַ ייִנגל, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון קלויז, און האָט אים געפרעגט, צי ר' זלמן דאַוונט נאָך.

— איך קען נישט קיין שום ר' זלמינע — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט. — פרעגט דעם שמש, טאָמער ווייסט ער.

און מיט די רייד איז ער ווייטער אַריינגעלאָפן אין קלויז און האָט אַרויסגעשיקט דעם שמש, כאָטש זי האָט אים נישט געבעטן.

דער שמש האָט דערזען אַן אָרעמע יידענע, האָט ער געמאַכט אַ קרום פּנים.

— וואָס פאַר אַ ר׳ זלמן דאַרפט איר?

— דעם אַלטן ר׳ זלמינע, וואָס וווינט אויף דער „טויטער גאַס", ווער קען אים דען נישט?

— כאַ, כאַ! — האָט זיך דער שמש צעלאַכט. — זי האָט זיך דערמאָנט, ווען די באָבע איז נאָך אַ מויד געווען. דאַכט זיך, אַלע קבצנים ווייסן, אַז ר׳ זלמינע איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט, און איר האָט זיך קוים אויסגעקראַצט... אפנים, אַז איר קומט פון יענער וועלט, נו, האָט איר אים דאָרט נישט באַגעגנט?..

מיט די ווערטער איז דער שמש אַריין אין קלויז. לאהן איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן. זי האָט געפילט, ווי די פיס האַקן זיך איר אונטער.

— ר׳ זלמינע איז געשטאָרבן... האָט זי געשעפּטשעט.

און זי האָט זיך שטיל צעכליפּעט.

אַ צווייטע אָרעמע יידענע, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר און האָט געוואַרט, טאָמער וועלן די, וואָס גייען פון דאַווענען איר געבן עפּעס אַ נדבה, האָט געהערט, ווי זי האָט גערעדט מיט דעם שמש און ווי זי איז פון די רייד שטאַרק צעמישט געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער.

— איך האָב, דאַכט זיך, געהערט, ווי איר פרעגט אויף ר׳ זלמינען?

ווי לאה האָט דערהערט דעם נאָמען, איז זי אַ ביסל געקומען צו זיך.

— יאָ, אויף ר׳ זלמינען... ער איז געשטאָרבן?...

— יאָ, שוין באַלד צוועלף יאָר... איך גערדענק נישט אַקוראַט. נישטאָ מער אַזוינע יידן, ווי ער... אין דער גרעסטער צרה פלעגט ער אונדז שטענדיק העלפן...

— האָט ער איבערגעלאָזט עפּעס קינדער?

— יאָ, צוויי אייניקלעך, זיי גייען אויף אַרום אין די הייזער, נאָר איך האָב זיי שוין לאַנג נישט געזען... זיי זענען אפשר קראַנק...

— ווי רופט מען זיי?

— די עלטערע שיינדל און די קלענערע רייזל.

לאה האָט זיך פון דעם נייעם דערפרייט, אָבער גלייכצייטיק האָט איר עפּעס פאַרדריקט דאָס האַרץ.

— זיי גייען אויך ארום אין די הייזער? זיי ווייסן אויך דעם ווינסטן טעם פון דעם אויסגעבעטלטן שטיקל ברויט. אזוי, גאָט! ר' זלמינעס אייניקלעך דאַרפן ארומגיין איבער פרעמדע טירן און איך קען זיי מיט גאַרנישט העלפן. איך וועל קומען צו זיי, קען זיין, אז איך זאָל נאָך זייער אויסגעבעטן שטיקל ברויט אויפעסן... ווו און צו וואָס בין איך געקומען אהער? האָב איך דען נישט געקענט אַרומגיין אין די הייזער דאָרט, ווו איך בין געווען? נישט זיך און יענעם אויפרייסן די אַלטע ווונדן?...

זי האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, ווי עפּעס זיך דערמאַנט אָן אַ סך שרעקלעכע זאַכן, אָבער באַלד זיך אויפגעכאַפּט און אַוועקגעגאַנגען פון דער קלויז.

— געלויבט ביזטו, גאָט! איך בין גליקלעך. זיי לעבן... מיין טאָכטער לעבט! זי טראָגט אויף זיך אַן אָרנטלעכן נאָמען „ר' זלמינעס אייניקל"! זי גייט מיט שיינדעלעך אַרום איבער די הייזער, זיך אויסבעטלען אַ שטיקל ברויט. אָ, וואָס קען נאָך זיין בעסער פאַר אָרעמע עלנטע יונגע מיידלעך? זיך באַגניגן מיט אויסגעבעטלטן ברויט, מיט אַן אויסגעבעטלטן מלבוש... גוט, עס קען בעסער נישט זיין! איך בין גליקלעך!

VI

דעם פּאָדראַטשיקס זון.

די לעזער געדענקען אויך געוויס, ווי אין דער שרעקלעכער צייט ביי ר' זלמינען אין שטיבל, האָט לאה מיט גרויס פּאַרדראָס און כּעס דערציילט פון אירע עלטערן, ווי שלעכט זיי האָבן זי דערצויגן, ווי נאַריש זיי האָבן געטאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן זי, אַ וועלטלעך מיידל, געוואָלט נייטן צו ווערן אַ כּלה פאַר אַ פּוסטן קלויז-ייִנגל.

זי האָט אָבער נישט דערציילט מיט נאָכמער כּעס פון נאָך איינעם.

דאָס איז געווען אין דער אייגענער צייט, ווען לאה איז געווען ביי אירע עלטערן, געזעסן אין קלייט און געווען אַ בריה.

אין דער אייגענער צייט האָט זיך באַוויזן אין ר... אַ יונגער־מאַן, בלוט און מילך, שיין און געזונט. שטענדיק אויסגעצוואָגן און אויסגעפּוצט ווי אַ טאָק, געקליידט נאָך דער נייעסטער מאָדע, ווי אין דער גרויסער וועלט. שטענדיק לעבעדיק און פריילעך.

געקענט האָט מען דעם יונגנמאַן אונטער דעם נאָמען „דעם פּאָדראַ־טשיקס זון", און אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן, ווייל זיין פּאָטער ר' זיינוול דובאָווסקי, וואָס האָט שטענדיק געוווינט אין אָדעס, האָט נישט לאַנג אָנגענומען די קאַזיאָנע פּאָדראַטן אין ר—ער אויעזד; פריער איז ער אַליין געווען אַ קליינע צייט אין ר... און דערנאָך האָט ער אַראָפּגעשיקט זיין זונדעלע פיאָדער איוואַנאָוויטש דובאָווסקי.

דעם פּאָדראַטשיקס זון אָבער האָט איבערגעגעבן די אָנגעשטעלטע, אַז זיי זאָלן צושטעקן דעם פּאָדראַט, און אַליין האָט ער אָנגעהייבן אויסקוקן די ר—ער שיינע מיידלעך און האָט געפונען, אַז שמואל בערס מיידל לאה, וואָס געפינט זיך שטענדיק אין קלייט, איז די שענסטע פון אַלע.

לאַנג נישט געטראַכט, און ער האָט אָנגעהייבן אָפטער אריינקו־מען אין קלייט, געגעבן אָפּט צו לייזן. איבערגעגעבן קליינע באַשטעלונ־גען פאַר דעם פּאָדראַט איר פּאָטער.

אירע עלטערן האָבן קיינמאָל נישט געשטערט דעם פּאָדראַטשיקס זון צו רעדן מיט לאהן, ווארים ער איז דאָך אַ קונה, און נאָך אַ גו־טער קונה, וועלכער גיט נאָך די מעגלעכקייט צו כאַפּן עפּעס אַ פאַר־דינסטל לעבן דעם פּאָדראַט אויך.

לאה פלעגט הערן איר פּאָטער שטענדיק לויבן דעם פּאָדראַ־טשיקס זון.

— כאָטש ער איז נישט קיין פרומער ייד, ווי אַן אמתער ייד דאַרף זיין, — פלעגט ר' שמואל בער זאָגן. — פונדעסטוועגן איז ער זייער אַ וווילער מענטש. אַ ייד קען ביי אים פאַרדינען אַ קערבל... כאָטש ער איז פון די דייטשן, נאָר צווישן די לייט, די געגאָלטע בערד, געפינען זיך אויך אַמאָל גוטע מענטשן... און ווער ווייסט? עס שטייט בפירוש, אַז „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", און

טאַקע דערפּאַר, וואָס די לייט זענען נישט אַזוי קאַרג אויף דעם גראָשן און גיבן אַ יידן צו לייזן אַ קערבל, וועלן זיי טאַקע האָבן עולם הבא...

מער פון צוויי חדשים האָט זיך דעם פּאָדראַטשיקס זון געדרייט ביי ר' שמואל בער אין קלייט. אַלץ האָט ער געטאָן, ער זאָל ווערן אַ היימישער. קיינער האָט אים נישט געשטערט אין דעם, וואָס ער האָט פאַרגענומען.

מיט אירע עלטערן האָט ער זיך געפירט זייער פּראָסט, נישט געבלאָזן פון זיך ווי אַ פּריץ, נאָר טאַקע ווי אַ פּראָסטער ייד, גערעדט שטענדיק מיט זיי אויף פּראָסט יידיש, געקומען צו זיי אַלע שבת עסן פיש און קוגל, זייער לויבן די שבתדיקע עסנס און געזאָגט, אַז אַזוינע טייערע מאכלים, ווי פיש מיט קוגל און פּיטשיי האָט ער ערגעץ נישט געזען.

אויך פלעגט ער אָפט זאָגן ר' שמואל בערן:

— איר זאָלט נישט מיינען, אַז דאָס, וואָס איך גיי אָן פּיאות, קורץ געקליידט און אַ ביסל אונטערגעגאָלט, בין איך שוין קיין ייד נישט... איך בין אויך אַ פּראָסטער ייד גלייך מיט אייך, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? מען וווינט דאָך צווישן גויִים, מוז מען זיך פירן ווי זיי. וואָס טוט מען דען נישט צוליב פּרנסה?

ר' שמואל בער פלעגט גאָר אָנקוועלן פון דעם יידישן געגאָלטן יונגנמאַנטשיק, פון דעם דייטשל.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט געשפּילט זיין ראָלע זייער גוט, ביז ער האָט זיך איינגעקויפט ביי ר' שמואלן אין שטוב פאַר אַ היימישן. מען האָט אים אין קיין זאַך נישט געשטערט.

נאָר עס זענען אַוועק צוויי חדשים, און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט נאָך גאָרנישט געפּועלט, כאָטש ער פלעגט דעם גאַנצן טאָג איבערזיצן אין קלייט, רעדן מיט לאהן, אויפקלערן איר, אַז זי זאָל נישט מיינען, אַז די שטאָט ר... מיט די חסידים זענען די גאַנצע וועלט. עס איז נאָך דאָ אַ גאַנצע וועלט, וווּ מען ווייסט פון אַן אַנדער לעבן.

לאה פלעגט אים שטענדיק נאָכגעבן און זיך אָפט קלאָגן פאַר אים: ווי שלעכט עס איז צו זיין אַ חסידישע טאָכטער און וווינען אין אַ קליינער שטאָט, ווי ר... און לעבן אַזוי נאַריש, ווי זיי ווילן...

— איך בין נישט קיין חסידה, — האָט זי אים געזאָגט, — כאָטש איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל, דערצויגן געוואָרן ביי חסידישע עלטערן, און גאָרנישט געלערנט... פונדעסטוועגן ווייס איך, ווי מען לעבט ביי אייך אין די גרויסע שטעט... דאָ מוז איך זיך פירן, ווי מיינע פאַנאַטישע עלטערן ווילן, וואָס זאָל איך טאָן? אָט רעדן זיי מיר שידוכים — אַזוינע חתנים, וואָס איך קען זיי נישט און ווייס זיי נישט. איך האָב נאָר געהערט, אַז זיי זענען פּוסטע קלויז-יינגלעך. און וואָס קען איך טאָן? איך וועל נאָך מוזן זיך לאָזן פאַרשלייערן...

דעם פאָדראַטשיקס זון האָט גאָר אָנגעקוואָלן, וואָס לאה איז נישט קיין פאַנאַטיש מיידל און ווערט אַלעמאָל אויפגעקלערטער. און ער האָט זי ווייטער אויפגעקלערט אויף אַזויפיל, אַז זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט באַין אופן נישט וועלן ווערן אַ כלה פאַר די חתנים, וואָס דער פאָטער הייסט איר.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אָבער גאַנצע צוויי חדשים מיט „פּוסטע לידער" נישט געקענט באַגניגן: אין דער גרויסער שטאָט אָדעס, וווּ ער האָט שטענדיק געוווינט, פלעגט ער הערן דערציילן, אַז מיט פּראָווינציעלע חסידישע מיידלעך דאַרף מען גאָר קיין פּאָ-ליטיק נישט פירן.

זיי דערזעען נאָר אַ פּאָר לאַנגע הויזן, אַ געפּרעסטן קאָלנער, לויפן זיי אַליין נאָך טוצנוויַיז. פּאָליטיק פירן אויף יאָרנלאַנג דאַרף מען נאָר מיט די גרויסשטעטישע, וואָס שפּילן פּיאַנאָ און רעדן פראַנ-צויזיש.

אָבער אָט שלעפּט ער זיך שוין אַרום מיט אַ חסידיש מיידל גאַנצע צוויי חדשים, און גאָרנישט... אפילו קיין איין קוש נישט גע-כאַפּט!... וואָס טויג עס אים?

— עך! — האָט זיך פיאָדאָר איוואַנאָוויטש פאַרטראַכט. — אפנים, איך קען נישט... איך האָב זיך מיט איר אויפגעפירט שלעכט. צוואָס האָב איך גאָר באַדאַרפט אָנהייבן מאַכן מיט איר צערעמאָניעס און פירן פּאָליטיקעס גאַנצע צוויי חדשים? איך וואָלט באַדאַרפט דעם ערשטן טאָג גלייך צוטרעטן... מיט די לייט דאַרף מען זיך נאָר אַזוי באַגיין. נאָר וואָס האָב איך צו רעדן, וואָס עס וואָלט געווען? עס איז שוין פאַרפאַלן... מען מוז אָבער ווייטער אַרבעטן! אין אָדעס

האָב איך נישט געזען אַזאַ שיין מיידל! מען דאַרף שוין זיין קלוגער — אָן שום צערעמאָניעס. מען דאַרף גלייך צוטרעטן.

אין אַ שיינעם שבתדיקן טאָג, ווען מען האָט אָפּגעגעסן און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אָפּגעלויבט דעם קוגל, ווי ר' שמואל בער און זיין ווייב זענען אוועקגעגאַנגען שלאָפן לכבוד דעם שבתדיקן בייטאָג, האָט לאה אָפּגערוימט פון טיש און גערעכנט, ווי תמיד, זיך אַנידערזעצן מיט פיאָדאָרן רעדן פון אויפגעקלערטע זאַכן, דאָס הייסט טאַקע ווייטער ווי מענטשן לעבן אין די גרויסע שטעט און ווי אין די קליינע שטעטלעך לעבן חסידים פאַנאַטיש און ווילן זייערע טעכטער נאָר חתונה מאַכן פאַר קלויז-בחורים.

נאָר פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, אַנשטאָט לאַנג צו רעדן, האָט שטיל, אָן ווערטער, גוט אַרומגענומען לאהן, עטוואָס זי אַוועקגעפירט אינדער־זייט, ווי מען וויל איינעם זאָגן אַ סוד, דאָרט האָט ער זי צוגעקוועטשט אין זיינע אָרעמס און איר אַ קלינגענדיקן קוש געגעבן... דערנאָך האָט נאָך עפּעס שטאַרק אַ קלונג געטאָן. עס איז פאָרגעקומען עפּעס שרעק־לעכעס... ער האָט, נעבעך, אַליין נישט געוווּסט, וואָס דערנאָך איז פאָרגעקומען... דערפאַר האָט זי געוווּסט, וואָס זי האָט געטאָן...

אומגליקלעכער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש! ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער אין אָנהייב גאָרנישט געוווּסט, ווו ער געפינט זיך — ער איז געלעגן אונטערן טיש און זי האָט אים געשלעפּט פון דאָרטן און געבעטן הונדערט מאָל, ער זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי האָט אים געגעבן אַזאַ שטויס און אַזאַ פּאַטש, אַז ער איז גלייך גע־פלויגן אונטערן טיש...

האַלב טויט האָט זיך פיאָדאָר איוואַנאָוויטש אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן בענקל:

— איך האָב מיך עס פון אייך נישט גערעכט, לאה, — האָט ער אָנגעהייבן מיט אַ ציטערדיקער שטימע. — אַזאַ כבוד קען מען נאָר באַקומען פון אַ חסידישער מויד, וואָס האָט קיין שום דערציִונג נישט באַקומען, וואָס ווייסט נישט, וואָס בילדונג איז... וואָס וווינט אין אַזאַ פאַרשיוון זשידאָווסקן שטעטל, ווי ד... איז...

— הער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, איך האָב פון אייך אויך נישט דערוואַרט, איר זאָלט פּלוצלונג טאָן אַזאַ זאַך און אפילו מיך נישט אָנפרעגן, צי עס איז מיר גאָר אנגענעם צו האָבן אַזוינע געשעפטן...

איר זענט אויף מיר עפּעס אָנגעפּאַלן, ווי אַ וואָלף, אומגעריכט, איך זאָל נישט באַמערקן... דערמיט האָט איר מיך זייער באַליידיקט.

— אָבער איר וואָלט געקענט זאָגן, אַז איר ווילט דאָס נישט ליידן, וואָלט איך אייך נישט געוועז אָנגערירט, אָבער...

— גלייבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק... עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך האָב אייך אַזאַ שטויס געגעבן, אייער אומגעריכטער קוש האָט אַרויסגערופן מיין אומגעריכטן פּאַטש... איך בעט אייך הונ-דערט טויזנט מאָל, איר זאָלט מיר מוחל זיין, איך בין נישט שולדיק, איר... איר זענט אין דעם אַלעמען אַליין שולדיק.

— ניין, ניין איך קען נישט פאַרצייען, נאָר...

ער איז פּלוצלונג שטיל געוואָרן, ער האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער איז שטיל געבליבן און וואָס ער האָט גערעדט. שווייגנדיק, האָט ער געדרייט אין מויל מיט דער צונג, געזוכט ווי אַרויסצודרייען זיך פון דער אומאנגענעמער לאַגע.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן איז מיר דאָס פּאַרגעקו-מען... — האָט ער ווייטער אָנגעהייבן, נאָכדעם ווי ער האָט מיט דער צונג עטלעכע מינוט געזוכט אַ וועג. — אַזוינס קען זיך מיר טרעפן ביי אייך אין וויסטן ר... ביי אונדז אין אדעס זענען אויך דאָ מיידלעך, פיינע און געבילדעטע. זיי וואָלטן זיך אַזוי נישט באַגאַנגען. ביי זיי וואָלט געווען אַ כבוד, ווען איך זאָל זיי אַ קוש טאָן. ווארים, ווו טרעפט זיך נישט, ווו האָט מען נישט געהערט, אַז אַ יונגערמאַן זאָל אַ קוש טאָן אַ מיידל? טאַ וואָס-זשע איז? וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אומגליק? איך האָב שוין נישט אַזויפיל האָר אין קאָפּ, וויפל מיידלעך איך האָב געקושט אין מיין לעבן, די לייטישסטע, די שענסטע, די געבילדעטסטע, פון די רייכסטע הייזער... און פאַרקערט, זיי האָט די גרעסטע הנאה געטאָן... פאַרוואָס נישט? אַזוי פירט זיך היינט אין דער גאַנצער וועלט, צווישן די גרעסטע געבילדעטע...

גאָט ווייס ביז וואַנען פיאָדאָר איוואַנאָוויטש וואָלט געווען גע-רעדט, כדי זיך געפינען אַ וועג, ווען לאה זאָל זיך פּלוצלונג נישט געווען צעוויינען.

מיט ביידע הענט האָט זי פאַרדעקט אירע פאַרוויינטע אויגן, געכליפּעט, געוויינט און זיך געפּרוּווט אָנהייבן רעדן:

— איך האָב שוין לאַנג ליב אַן אַנדערן... איך בין נישט שולדיק,

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש!—האָט זי קוים אַרויסגעלאָזט די ווערטער אין טרערן.

ווי איינער, וואָס זיצט ביי זיך אין אַ פאַרמאַכטן צימער און זעט גאָרנישט, ווי אינדרויסן קלייבן זיך כמאַרעס, און פּלוצלונג טוט אַ זעץ דער ערשטער שטאַרקער דונער, אַז אַלע טאַפּלעס פון צימער הייבן אָן צו קלינגען און צו הילכן, אַזאַ שטאַרקער הילך האָט געטאָן אין זיינע אויערן, ווען ער האָט פון דער חסידישער פוילישער שיי-נער מיידל דערהערט די ווערטער: „איך האָב ליב אַן אַנדערן!”

פאַר פאַרטומלטקייט האָט ער מער נישט געקענט אַרויסזאָגן ווי נאָר די ווערטער:

— ליב!???... איר האָט ליב?

נישט אומזיסט, האָט ער זיך אַזוי פאַרוווּנדערט דערויף. ער האָט ביי זיינע עלטערן געהאַט אַ היימישע רייכע דערציונג און האָט גע-לייענט אַ סך ראָמאַנען.

פון זיי האָט ער געוווּסט, אַז עס איז דאָ ליבע אויף דער וועלט, מען פאַרליבט זיך, מען האָט ליב און מען הערט אויף צו ליבן.

נאָר ווי-זשע אָבער קען דאָס געשען? זי מוז זיצן אין זאַל, שפּילן פּיאַנאָ און ער מוז שטיין אָנגעשפּאַרט לעבן איר, מיט אַראָפּ-געלאָזטע אויגן. פריער רעדן פון בילדונג, אָדער פון דעם געטלעכן שטיק, וואָס מען האָט געשפּילט אין טעאַטער. — אָדער זי דאַרף אַליין שפּאַצירן ביי זיך אין גאָרטן, די לבנה דאַרף שיינען, לעבן גאָרטן דאַרף לויפן אַ טייכל פון ריינעם וואַסער, און עס זאָל שפּיגלען אין דעם שיין פון דער לבנה...

די ביימער דאַרפן שמעקן, די זומערפייגל דאַרפן זינגען און זי זאָל אַלץ אַזוי באַטראַכטן, טרויעריק קוקן אויף דער גאַנצער וועלט. זי דאַרף אויפהייבן די אויגן צום הימל, און אירע לאַנגע שיינע שוואַרצע האָר דאַרפן צעפּאַלן ווערן איבער איר ווייסן האַלדז, און זי באַדאַרף זאָגן:

— אך, ווי שיין די נאַטור איז, און ווי טרויעריק איז אַליין צו זיין אָן אים...

אין דער מינוט דאַרף ער זיך פּלוצלונג באַווייזן פון הינטער די ביימער און זי דאַרף מיט פרייד אַ געשריי טאָן:

— „אך!...”

און ער אויך מיט פרייד:

— „אך!...“

פון דיזעלבע ראָמאַנען האָט פיאָדאָר געוווּסט פון די ראָמאַנען אַז ביים פאָלק פאַרליבט מען זיך אויך. זי פּאַשעט שאָף אין פעלד און ער אַקערט ערד.

די זון פאַרגייט שיין, ער זינגט איר אָוונטלידער, אַז ער האָט זי ליב און זי וואַרפט זיך אין זיינע אָרעמס.

אָבער יידישע מיידלעך, וואָס וויסן מער נישט ווי דעם פּריפּעטשוק, די קאָטשערע, די קלייט, די שטיקנדיקע לופט פון די אומריינע יידישע שטעטלעך און געסלעך זאָלן אויך וויסן פון ליבע — דאָס איז אים קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען אויפן רעיון.

— איר האָט ליב? — האָט ער זיך ווייטער אָנגערופן צו לאַהן. — איך האָב עס נישט דערוואַרט...

— פאַרוואָס האָט איר עס נישט דערוואַרט? — האָט לאה געפרעגט.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט איר געזאָגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי איבעראַשט.

— אמת'שט האָט איר אַזאַ מיינונג וועגן קליינשטעטלדיקע יידישע מיידלעך, — האָט לאה געזאָגט. — אָבער עס וווּנדערט מיך גאָרנישט אויף אייך. איר זענט נישט דער איינציקער, וואָס מיינט אַזוי. אַ סך מענטשן האָבן פון אונדז אַזאַ מיינונג. איך פלעג אויך אַזוי מיינען. ווארים ווי איך האָב נאָר געגומען אַ יידיש ביכל, האָב איך געלעזן, ווי געבילדעטע מיידלעך פאַרליבן זיך. נאָר... נאָר ווען איך האָב אַליין אָנגעהייבן ליבן...

לאה האָט מער נישט געקענט רעדן. פּונקט ווי עמעצער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד.

— וואָס-זשע איז געווען, ווען איר האָט אָנגעהייבן צו ליבן?

— עס איז גאָרנישט געווען... איך האָב נאָר געזען, אַז איר אַלע און נאָכמער די שרייבער, וואָס שרייבן יידישע ראָמאַנען, זענען גרויסע ליגנער... זיי האָבן אַ שלעכטע מיינונג איבער אונדז און אין זייערע ראָמאַנען שטעלן זיי נאָר פאָר, אַז דער, וואָס האָט ליב, מוז זיין אַ דאָקטאָר און זי מוז רעדן פראַנצויזיש און האָבן פּאַנאַטישע, נאָר רייכע עלטערן, און אונדזערע פּראָסטע יידישע מיידלעך שטעלן זיי פאָר עפּעס ווי נאַראָנים, וואָס קענען קיין צוויי ווערטער נישט רעדן, פּונקט ווי מיר פאַרשטייען גאָרנישט... ווי מיר האָבן קיין נשמה

נישט... און דעריבער וווּנדער איך זיך גאָרנישט, וואָס איר זענט זיך אַזוי גראָב מיט מיר באַגאַנגען...

לאה האָט ביי אים אין די אויגן איצט אויסגעזען אַזוי שטאָלץ און צוזאַמען אַזוי שיין, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך מיט אַ יידיש קליינשטעטלדיק מיידל. ער האָט גלייך אָנגעהייבן הונדערט מאָל בעטן, זי זאָל אים מוחל זיין.

ער האָט איבערגעביטן זיין טאָן און האָט איר דערוויזן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שלעכטע מיינונג וועגן איר.

זי איז אין זיינע אויגן קיינמאָל נישט געווען נידעריקער פון די אַלע רייכע, געבילדעטע און שיינע מיידלעך פון דער גרויסער וועלט, וואָס ער איז מיט זיי אַזוי גוט באַקאַנט.

זיינע רייד האָבן אויף איר גוט געווירקט. לאה איז אים אויף ווייטער געבליבן דער בעסטער גוטער פריינט און אויך, ווי פריער, אין אים געפונען אַלע טאָג נייע מעלות.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו טאַקע פיאָדאָר איוואַנאָוויטש.

פון דער צייט אָן, האָט ער גאָר אַנדערש זיך באַגאַנגען מיט איר. אויף יעדן שריט האָט ער איר געגעבן צו וויסן, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין איר — אַז ער איז אין איר פאַרליבט. וואָס זי האָט נאָר געזאָגט, האָט ער איר נאָכגעגעבן, שטענדיק גע־שטעלט זי העכער פון אַלע, אַפילו פון די געבילדעטע, זיינע אַ סך באַקאַנטע מיידלעך, ערגעץ פון דער גרויסער וועלט.

מיט די אַלע מיטלען האָט ער בלויז געפירט דערצו, אַז לאה זאָל צו אים נישט זיין גלייכגילטיק.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געווען זייער צעפרידן, ווען ער האָט געזען, אַז זיין מי איז נישט אומזיסט.

זי האָט אים אויסגעזאָגט, אין ווענען זי איז פאַרליבט. ער פלעגט אָפט זיין דערביי, ווען זי פלעגט רעדן מיט איר געליבטן, און זיי ביידע פלעגן זיך עפּטער פאַרטרויען פאַר פיאָדאָר איוואַ־נאָוויטשן.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט געשפּילט זיין ראָלע אַלס זייער פריינט מיט אַלע פיטשעווקעס און מיט טאַקט, אַזוי, אַז ביי זיי ביידע האָט ער זיך באמת פאַרדינט ליבשאַפט און פריינטשאַפט.

נאָכמער האָט ליב באַקומען פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן אהרקע, לאהס געליבטער.

אהרקע, ר' שבתי כמעלניקערס ייגגל, ווי מען פלעגט אים רופן אין שטאָט, איז געווען כמעט אין איינע יאָרן מיט לאהן. מיט אַ ווייסן איידעלן אויסגעדאַרטן פּנימל, מיט גוטע, נישט קיין נאַרישע אויגן, מיט אַ פּאָר פּיאות שטענדיק פאַרקעמט און מיט אַ ריין קאַפּאָטקעלע, איז ער געווען זייער אַ פּאָעטיש ייִנגל.

ווען לאה האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעוויזן פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן, אין ווען זי איז פאַרליבט, האָט ער אין אָנהייב ביי זיך אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות, ווי איינער זאָגט: אומשטיינס געזאָגט, ווער עס איז מיין קאָנקורענט, אין ווען מען פאַרליבט זיך דאָ. מער נישט ווי הויט און ביינער און אַ פּאָר אויגן, וואָס בלישטשען.

לאה האָט דאָס פאַרשטאַנען אין פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן און האָט באַמערקט דערויף:

— אַזוי ווייזט ער טאַקע אויס ווי אַ גאָרנישט, נאָר פרוּווט רעדן מיט אים, איז פּשוט אַ פאַרגעניגן. שטענדיק איז ער אַזוי גוט, אַ מענטש אָן אַ גאַל... ער האָט ליב די גאַנצע וועלט. יעדע זאַך באַמערקט ער, איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אים רעדן אַ נאַריש וואָרט. שטענדיק רעדט ער עפּעס אַזוי, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו הערן און ער איז אויך שיין...

— פון וואָס רעדט ער אַזוינס?—האָט זיך פיאָדאָר איוואַנאָוויטש אינטערעסירט צו פרעגן. — מער ווי דעם חדר, די קלויז ווייסט ער נישט. איך קען זיך פאָרשטעלן, וואָס אַ ר—ער ייִנגל איז...

— ער האָט נאָר אַ פּנים, ווי אַלע ר—ער ייִנגלעך, אָבער ווייטער איז ער נישט ווי זיי... ער פאַרשטייט אויך, אַז מען דאַרף עפּעס אַנדערש לערנען... וואָס קען ער אָבער טאָן, אַז זיינע עלטערן שטערן אים? פונדעסטוועגן לערנט ער, אַז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

דאָס ערשטע מאָל האָט אהרקע געמאַכט אויף פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן זייער אַ שלעכטן איינדרוק. זיי האָבן כמעט מער געשוויגן, ווי גערעדט.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך געמאַכט, ווי ער באַמערקט דאָס נישט, ווארים אומשטיינס געזאָגט, וואָס האָט מען צו רעדן מיט אַ קליינשטעטלדיקן ייִנגל.

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען מיט אהרקען, איז ער געווען פריילעך און לעבעדיק, און אהרקע פונקט פאַרקערט: ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי טרויעריק ווי איצט.

לאה איז פון זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט געווען זייער נישט צופרידן. זי איז פראָסט רויט געוואָרן:

זי האָט געטראַכט:

„וואָס וועט איצט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש זאָגן, וואָס פאַר אַ מיינונג וועט ער פון אהרקען האָבן? וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר, אַז זי האָט זיך געקענט אין אַזוינעם פאַרליבן?"

ערשט איצט האָט זי געזען אויג אויף אויג דעם חילוק פון אהרקען ביז פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן. זיי זענען כמעט אויךביידע אין איינע יאָרן, נאָר דער איז פיין, געזונט און לעבעדיק, האַלט זיך, גלייך, ווי אַ סאָסנע, שטענדיק פריילעך, און דער...

דאָס ערשטע מאָל, ווען לאה האָט געטראַכט וועגן דעם, האָט זי זייער אַ טיפן זיפץ געטאָן.

גאָר אַן אַנדער מין איינדרוק האָט די נייע באַקאַנטשאַפט געמאַכט אויף אהרקען. פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט.

ער האָט פון פריער געקענט דעם פאָדראַטשיקס זון, נאָך באַלד ווען ער איז געקומען קיין ר... פאַרנדיק מיט אַ שיין פערד און אַ נײַ וועגעלע. די גאַנצע שטאָט האָט אָנגעהייבן רעדן פון דעם פאָדראַטשיקס זון, וואָס איז אַראָפּגעקומען, און נאָכמער האָבן דערפון גערעדט יונגעלייט, וואָס האָבן ווייניקער וואָס צו טאָן.

אהרקע פלעגט שטענדיק מקנא זיין פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן: פיאָדאָר איז אויך אַ יידיש יינגל, פונדעסטוועגן לעבט ער אַזוי אַנדערש. ער איז אַזוי געזונט און שיין, לעבט פריי, רעדט און פאַרשטייט אַזוי גוט רוסיש. געוויס קען ער אויך אַ סך שפּראַכן און פאַרשטייט אַלע ביכער, און ער, אהרקע, וואָס איז אויך אַ יידיש יינגל, ווייסט מער נישט ווי פון דער קלויז מיט דער גמרא.

ער קען נישט אַ וואָרט רוסיש רעדן. און אַז ער לייענט אַ רוסיש ביכל פאַרבאָרגענערהייט, כדי ער זאָל ווייסן, וואָס עס טוט זיך

אויף דער וועלט, ווייסט ער דאָרט נישט אַ וואָרט, און האָט נישט אַפילו וועמען צו פרעגן.

ער האָט זיך נישט ביי וועמען צו לערנען; ער איז גאָר קיין מענטש נישט. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז פון אַדעס. ער איז שוין אוודאי אויסגעווען די גאַנצע וועלט און ווייסט פון אַ וועלט צו זאָגן, און ער, אהרקע, גאָרנישט...

ווען ער פלעגט זען פיאָדאָרן, פלעגט ער שטאַרק באַדויערן, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַזוינע עלטערן, ווי ר׳ שבתי כמעלניקער, אין דער שטאָט ר...

ביז זיין באַקאַנטשאַפט מיט פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן האָט ער גאָר אַזאַ גרויסע השגה נישט געהאַט.

ווען לאה האָט זיי באַקאַנט געמאַכט, האָט אהרקע גערעכנט, ער זאָל פון אַ סך זאַכן רעדן מיט פיאָדאָרן. נאָר ער האָט זיך עפּעס פאַרשעמט, נישט געשמועסט, געקקערט, וויאַזוי ער זאָל רעדן מיט אים. נאָר ווען ער האָט געזען, ווי פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך מיט אים אַזוי פריינטלעך און פּראָסט געזעגנט און געבעטן זיך אָפּט באַגעגענען, איז ער לעבעדיקער געוואָרן.

און, באמת, ביים צווייטן מאָל זענען זיי געוואָרן נענטער און וואָס ווייטער — אַלץ בעסערע פריינט.

כדי זייער זען זיך זאָל קיינער נישט שטערן, פלעגט אים פיאָדאָר איוואַנאָוויטש בעטן צו זיך אויף זיין קוואַרטיר, און דאָרט האָט זיך אהרקע געפילט זייער היימיש. ער פלעגט זיך פילן אינ־גאַנצן אויפגעבונדן פון דער ענגשאַפט פון אַ פּראָווינץ־שטעטל.

אהרקע איז אויך געפעלן געוואָרן פיאָדאָרן פאַר זיין פּראָסט־קייט, גוטסקייט און אומשולדיקייט, און נאָכמער דערפאַר, וואָס צוליב אהרקען פלעגט אויך קומען צו אים לאה. דען ווי האָט לאה געהאַט אַ זיכערן אָרט זיך צו זען און רעדן און שטיפן און לאַכן מיט אהרקען, ווי ביי פיאָדאָרן אין שטוב.

איינמאָל, צו פיאָדאָרס גרויסן וווּנדער, איז אהרקע צוגעטרעטן צו אים מיט אַזוינע ווערטער:

— פיאָדאָר איוואַנאָוויטש! איך האָב זיך שוין לאַנג געוואָלט אויסרעדן פאַר דיר (זיי האָבן שוין גערעדט אויף דו...), נאָר עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט, עס איז נישט אויסגעקומען...

פיאָדאָר האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— איך האָב עלטערן חסידים, מיך האָט מען קיינמאָל נישט געלערנט. איך ווייס און קען גאָרנישט. פון דער גמרא וועט מיר גאָרנישט אַרויסקומען אויף דער וועלט... איך קען נישט און וויל נישט אַזוי ווייטער לעבן, ווי מיינע עלטערן ווילן. איך האָב זיך ערנסט באַשלאָסן... איך זאָל אָנהייבן עפּעס לערנען, וואָס וועט זיין פון מיר, וואָס איך גיי ווייטער אין קלויז און ווידער אין קלויז? איך בין נאָך יונג, איך וועל נאָך אַלץ דערגרייכן און דערנאָך וועל איך שוין קענען זיך פירן אַליין, ווי איך וויל.

— דו האָסט דאָך מיר דערציילט, אַז דו ביזט שוין לאַנג אַ חתן.

— יאָ, איך בין שוין אַ חתן. די עלטערן האָבן מיט מיר אַ שידוך געטאָן... אַ חתן, לאָז זיין אַ חתן — איר ווילט נישט אַנדערש, איך זאָל האָבן חתונה, לאָז זיין אַ חתונה. מיינע עלטערן קען איך קיין דעות נישט זאָגן. וואָס דען האָב איך געקענט טאָן, כּל זמן איך האָב נאָך אַליין גאָרנישט אויפגעטאָן? ווען איך וואָלט געקענט געפינען אַן אַנדער וועג, פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט שוין געוווסט, וואָס צו טאָן.

— אָבער איך פאַרשטיי נישט, וועגן לאהן דערמאָנסטו גאָרנישט... האָסט דאָך זי ליב...

— יאָ, איך האָב זי ליב, ווי אַ יונגער מענטש קען נאָר ליב האָבן... איך טאָר אָבער נישט און קען נישט טראַכטן פון דער ליבע, ווי, למשל, דו, צי נאָך אַזוינע, ווען איר פאַרליבט זיך... ווען איר ווילט נאָר, קענט איר שטענדיק חתונה האָבן מיט דער, וועלכער איר האָט ליב, אָבער מיר — איך? כאָטש איך פיל און ווייס, אַז ליבע איז שטאַרקער פון אַלץ, ווייס איך אָבער אויך, אַז דער פאַנאַטיזם פון מיינע עלטערן און אירע עלטערן איז נאָך שטאַרקער פון אַלע ליבעס... נישט איר פאָטער וועט איר וועלן געבן דעם מאַן, וואָס זי וויל, און נישט מיינע עלטערן וועלן אָפּלאָזן אַ שידוך און מיר געבן אַ כּלה, וועלכע איך וויל. מען מעג אַפילו איינבייגן דעם הימל צו דער ערד, וועט נישט העלפן.

— וואָס-זשע טראַכסטו צו טאָן?

— איך טראַכט... איך טראַכט צו לערנען... איך ווייס אַליין נישט וואָס צו טראַכטן: איך טראַכט נאָר, ווי אַ וועג זיך דורכצושלאָגן, איך זאָל אויפהערן זיין צוגעבונדן צו מיין פאָטער, נישט דאַרפן וואַרטן, ביז ער וועט מיך חתונה מאַכן, ביז ער וועט מיר

מיין נדן אָפּגעבן, ביז איך וועל ביי מיין שווער די קעסט אָפּעסן, ביז איך וועל דער שוויגערס משוגעת איבערלעבן... איך וויל נישט, איך וויל נישט דאָס אַלץ! איך וויל לעבן גלייך מיט אַלע מענטשן, און חתונה האָבן פאַר דער, וואָס איך האָב ליב...

— פאַרוואָס מיינסטו עפּעס גראַדע לערנען? מען קען עפּעס אַנדערש אויסטראַכטן.

— וואָס קען מען פאַר מיר אויסטראַכטן עפּעס אַנדערש? צו-וואָס טויג איך? איך מוז פריער לערנען... איך וויל טאַקע לערנען... איך ווייס גאָרנישט און קען גאָרנישט...

— וואָס קען איך דערצו טאָן?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך לערנען. דיך האָבן די עלטערן געלערנט אַ סך, דו האָסט געוווינט אין אַ גרויסער שטאָט. ביי קיין לערער קען איך נישט לערנען, אַלע וועלן דערפון וויסן, און ווידער האָב איך קיין געלט נישט צו צאָלן. דערנאָך, ווען איך וועל שוין עפּעס אויסלערנען, וועל איך אַליין לערנען. שפּעטער וועל איך אַוועק-פאָרן ערגעץ, ביז איך וועל זיך צו עפּעס צושלאָגן: איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס קען זיין שפּעטער, דערווייל וויל איך, דו זאָלסט מיך לערנען...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט באַשטימט צוויי שעה אין טאָג אויף צו לערנען מיט אים רוסיש.

אהרקע האָט מער נישט געקענט, ווי שלעכט לייענען רוסיש. האָט ער זיך איצט געלערנט לייענען, איבערזעצן דאָס געלערנטע אויף יידיש און שרייבן. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע לערנען. לאה איז אָפט געווען ביים לערנען.

אין דער צייט, ווען דער תלמיד פלעגט פרעגן ביים לערער, פלעגט לאה זיך טראַכטן וועגן דעם חילוק פון דעם שילער (דעם, וואָס זי האָט ליב) אין דעם לערער.

און וואָס אַ טאָג, איז זי אַלץ מער און מער געקומען צו דעם געדאַנק, אַז צווישן זיי איז אַ גרויסער חילוק: אהרקע איז נאָך גאָר אַ יינגל און פיאָדאָר איז אַ פולער מענטש.

קוקנדיק, ווי אהרקע פרעגט אויס יעדעס וואָרט פון בוך ביים לערער און פיאָדאָר ענטפערט אַזוי דייטלעך, פלעגט זי זיך אַליין פרעגן: ווי קומט עס, זי זאָל זיך פאַרליבן אין אַזאַ יינגל, ווי אהרקע?

דידאָזיקע פראַגע האָט זי זיך אָבער אַליין פאַרענטפערט:

— עס איז קיין וווּנדער נישט, איך האָב ביז אַהער קיין בעסערן נישט געזען, ווי אהרקע, און איצט... איצט, זינט פּיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז אָנגעקומען, האָב איך דערזען, אַז עס איז דאָ בעסערס... און, ווידער, איך בין פריער געווען נאָך גאָר אַ קינד, כמעט אָן שכל, און האָב נישט געוווּסט קיין חילוק פון גוטס ביז שלעכטס, פון מיאוס ביז שיין, איצט... איצט איז גאָר אַנדערש.

ביסלעכווייז איז לאה גלייכגילטיק געוואָרן צו אהרקען, און צו פּיאָדאָרן האָט זי שטאַרק געצויגן.

אהרקע האָט דאָס באַלד באַמערקט.

און איינמאָל האָט זי זיך פּשוט אָנגערופן:

— איך קען דיך נישט אָפּנאַרן און מוז דיר אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת... איך קען דיך מער נישט ליב האָבן... פאַרשטייסט, אהרקע, איך קען נישט...

אהרקע איז בלאַס געוואָרן און האָט אַ ציטער געטאָן מיט ביידע קני.

ער האָט געשטאַמלט:

— שוין אויס?... אויס? וואָס איז געשען?

אָבער זי האָט מער נישט געענטפערט.

• •
•

דער אומגליקלעכער אהרקע וואָלט דאָס אַלץ אַזוי גרינג נישט איבערגעטראָגן. ער וואָלט, נעבעך, איבערגעהאַט די אַלערליי מאָזלען און פּאָקן. וואָס אַלע פאַרליבטע האָבן, ווען זייערע מלאכים הערן זיי אויף צו ליבן.

נאָר צו זיין וווּנדער האָט ער באַלד באַמערקט די סיבה, פאַר וואָס זיין לאה האָט זיך אַזוי געענדערט — ער האָט דערזען אין דעם פּאַדראַטשיקס זון זיין שטאַרקן קאָנקורענט, און ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך, אַז ער זאָל דאָ קענען בייקומען זיין קעגנער.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז אויך כמעט אין איינע יאָרן מיט אים, אָבער שענער, געזונטער, רייכער, געלערנטער פאַר אים.

דערווייל איז זיין פאָטער ר׳ שבתי כמעלניקער געקומען איינמאָל פון יריד און האָט אים געבראַכט אַ גאָלדן קייטל מיט אַ זייגערל און געזאָגט „מזל-טוב״, מען פאָרט צו דער חתונה.

ווי די גוטע שעפעלעך, וואָס אַפילו ווען מען בינדט זיי צו דער שחיטה, שווייגן זיי, אַזוי האָט אהרקע שווייגנדיק חתונה געהאַט מיט דער כלה, וואָס זיין פאָטער האָט אים אויסגעקליבן.

די ערשטע ליבע איז געטלעך, די צווייטע — שעדלעך.

די געליבטע איז מילך,
די כלה — פוטער,
דאָס ווייב—קעז.

(בערנע).

מען זאָגט, אַז די „צווייטע ליבע איז שטאַרקער פון דער ערשטער, נאָר פיל שעדלעכער.״ אַזוי איז אויך געווען מיט לאהן. זי האָט פיאָדאָרן באַקומען ליב, ווי אַ מיידל אין אירע יאָרן איז נאָר בכוח ליב צו האָבן.

פיאָדאָר איוואנאוויטש האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען ער האָט באַמערקט, אַז לאה האָט אָנגעהייבן זיין צו אים נישט גלייכגילטיק, וואָרים פון דעם שיינעם שבתדיקן בייטאָג, ווען ער האָט באַקומען, דעם מיאוסן פאַטש האָט ער לאהן אויפגעהערט צו האַלטן פאַר אַזאַ קליינשטעטלדיקער מיידל, ווי פריער.

ער האָט אַן אַנדער מיינונג באַקומען פון איר און זיך מער אָנגעהייבן צוקוקן צו איר.

— מען דאַרף זיין אַ שטיק האָלץ, מען זאָל זיך אין דעם מיידל נישט פאַרליבן, — פלעגט ער זיך אָפט זאָגן. — נאָר וויאַזוי פאַרליבט מען זיך אין איר? עס איז פראָסט אַ בזיון פאַר זיך אַליין—ווער איז

זי און ווער בין איך? איך בין אַ יונגערמאַן פון דער גרויסער וועלט מיין פאָטער איז רייך. איך ווייס פון אַ וועלט צו זאָגן, און פּלוצלונג זיך פאַרליבן אין אַ קליינשטעטלדיק חסידיש מיידל! וואָס וועלן זאָגן מיינע באַקאַנטע? זיי וועלן פראָסט לאַכן אָדער מיך האַלטן פאַר אַ גרויסן נאר. צו אַ וואָסער כלה וואָלט איך דען נישט געקענט צוקומען, איך זאָל נאָר וועלן אַ פּיפּס טאָן, אַז איך וויל חתונה האָבן? און דאָ נאַט אייך, פּלוצלונג גאָר אַ ר׳ שמואל בערס אַ מיידל! ניין, דאָס וועט נישט זיין... אָבער מען מעג זי סתם נעמען... דאָס יאָ...

אַזוי האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש באַשלאָסן, נאָר אָבער צו זיין בזיון האָט די נאטור געטאָן אירס.

ער האָט נישט געקענט ביישטיין אַקעגן אַזוינע צוויי לעבעדיקע, רעדנדיקע, שפּרינגנדיקע שוואַרצע אויגן, אַקעגן אַזוינע שיינע לאַנגע האָר, אַקעגן אַזאַ ליכטיק פריילעך געזיכט, אַקעגן אַזאַ אויסגעגאָסענער טאַליע פון אַן אַכצניאָריק מיידל.

ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז פיאדאר איוואַנאָוויטש, אַז ער איז רייך, אַז ער קען חתונה האָבן פאַר אַ בת-מלכה (ער זאָל נאָר וועלן). אַז פאַר אים שטייט אַ קליינשטעטלדיק פויליש מיידל, וואָס מען דאַרף מיט איר קיין צערעמאָניעס נישט מאַכן און אַפילו קיין פּאָליטיק נישט פירן.

אָן אַלץ און אַלעם, האָט ער פאַרגעסן. און ווי אַ שטאַרקער בוים, ווען מען האַקט אים אונטער, אַזוי איז ער געפאַלן פאַר לאהן און געזאָגט:

— לאה, איך האָב דיך ליב! נישט ווי אַמאָל, נישט ווי פריער, נאָר איך האָב דיך ליב, ווי מיין גאַנץ לעבן, דו ביזט מיר טייערער ווי אַלץ... קיינמאָל וועלן מיר זיך נישט צעשיידן...

די ווערטער, וואָס מען זאָגט מיטן גאַנצן האַרצן, דאַרף מען קיינמאָל נישט איבערחזרן, יענער גלייבט אַזוי אויך.

זי האָט אויף אַ מינוט נישט געצווייפלט אין זיינע ווערטער און זי האָט זיך אים איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן...

* *
*

אין איינזיקע טעג אַרום, האָט זי זיך צעוויינט פאַר פיאָדאָרן.

— איך האָב נאָך אויף איין מינוט נישט פאַרגעסן, וואָס עס איז געשען, און קען נישט אויפהערן צו וויינען...

— אומזיסט מאַכסטו זיך נאָר קאַליע די אויגן. און וואָס האָסטו דאָ צו וויינען? מיר זענען גליקלעך און וועלן לעבן גליקלעך...

— נאָר מיר האָבן דאָך נאָכנישט חתונה געהאַט...

— פאַרשטיי אַליין, אַז חתונה האָבן קען מען נישט אַזוי. איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט דיר חתונה האָבן. נו וועט מיט גאָטס הילף זיין מיט מזל. דערוויילע שטערט אונדז קיינער נישט. און ווען מען וועט אונדז שטערן, וועלן מיר חתונה האָבן. צי דיינע עלטערן אָדער מיינע עלטערן וועלן נישט וועלן, וועלן מיר שוין וויסן, וואָס דעמאָלט צו טאָן, אַז זיי זאָלן יאָ וועלן. מיינע עלטערן וועלן מיר געוויס נישט זאָגן קיין דעות, פאַר וועמען איך זאָל חתונה האָבן.

לאה האָט שטענדיק געהערט, אַז ביי די דייטשן זאָגן די עלטערן קיין דעות נישט זייערע קינדער ביי אַזעלכע זאַכן, און האָט זיך געפילט גליקלעך.

זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט מיט פיאָדאָרן אַוועקפאָרן צו זיינע עלטערן און זיי וועלן דאָרט חתונה האָבן.

אַזוי זענען ביי זיי אַוועקגעגאַנגען טעג, נעכט, וואָכן און חדשים און זיי האָבן געלעבט גליקלעך.

לאה איז געווען גליקלעך דערמיט, וואָס פיאדאר איוואַנאָוויטש וועט זיין איר מאַן און פיאדאר איוואנאוויטש דערמיט, וואס אַזאַ שיין מיידל איז אויף שטענדיק זיינע.

די גאַנצע צייט איז דאס ווארט „חתונה" אויף איין מינוט נישט אַרויסגעקראָכן פון איר קאָפּ. דערפאַר אָבער איז דאס ווארט ביי פיאדארן אין קאָפּ קיינמאָל נישט אַריינגעקראָכן. און פון וואס האט מען דא גאר צו טראַכטן? ווער שטערט דען דערצו, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן, דערווייל לעבן זיי ביידע גליקלעך!

נאר איינמאָל איז לאה צו אים שטאַרק צוגעטראָטן און זיך זייער ביטער צעוויינט.

נאכדעם האט זי אים פאַרטרויט אַ סוד.

— נאָך אין עטלעכע חדשים אַרום וועל איך ווערן אַן אומגליקלעכע מוטער!...

כאטש די זון האט דעמאלט געשיינט אינדרויסן גלייך ווי אַלע טאָג, נאר פיאדאר איוואַנאוויטש האט זי איצט נישט געזען. זיינע אויגן האָבן נאר געזען שוואַרצע כמאַרעס. ער איז בלאַס געווארן און שטיל נאכגעזאגט אירע ווערטער: „אַ מוטער, אַן אומגליקלעכע מוטער?"

נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האט ער זי געטרייסט און באַרויִקט, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן ווי צום בעסטן.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען און ער איז געבליבן אַליין מיט די פיר ווענט, האט ער זיך גענומען שטאַרק אַריינטראַכטן אין דער זאַך.

— וואס טוט מען? וואס טוט מען? האָט ער זיך אַלעמאָל געפרעגט.

— חתונה האבן פאַר איר? — האט ער פיינלעך געטראַכט, נאכדעם, ווי ער האט עטלעכע מאל איבערגעשפּאַנט איבער דער שטוב אהין און אַהער. — ס'איז אַ ביטער געשעפט. גיי טענה מיט די עלטערן, ביז זיי וועלן באַשטיין. נאר לאז זיין, איך וועל ביי מיינע עלטערן פועלן. לוינט זיך עס פאַר מיר? אַן נדן, אַן בילדונג, זי קען אפילו קיין פּיאַנא נישט שפּילן... כ'לעבן, שיין וועט דאס זיין פאַר מיר, אַז איך וועל זיין אַ באַלעבאס און מיין מאַדאַם דובאַווסקי, יועט אַפילו קיין פּיאַנא נישט קענען!... עס וועלן קומען געסט און זי וועט זיי אַפילו נישט קענען צונעמען, פאַרברענגען מיט זיי די צייט, ווי עס פירט זיך אין דער גרויסער וועלט. איך האב אין איר קיין מאַניערן נישט געזען, ווי מיין פרוי וואלט באַדאַרפט האָבן. וויאַזוי וועל איך זיך גאר ווייזן מיט איר אין טעאַטער אדער אויף אַ באַל? ווו האט זי גאר די אַלע מאַניערן דערצו? ווו האט זי נאר דערציונג דערצו? אפילו זומער קיין אויסלאַנד' וועל איך מיט

איר נישט קענען פאָרן. מער ווי יידיש און צעבראָכן רוסיש קען זי נישט... מיט איין וואָרט, איך וועל זיך מוזן באַהאַלטן מיט איר פון מענטשן... איז דאָס אַ לעבן, אַז איך זאָל דאַרפן רויט ווערן איבער איר — איבער מיין אייגן ווייב, אויף יעדן שריט?

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און זיך מוטיקער געזאָגט:

— ניין, פיאָדאָר איוואַנאָוויטשעס פרוי דאַרף קענען זינגען און שפּילן, זי דאַרף האָבן אַלע גרויסוועלטלעכע מאַניערן, אַז אַפילו אין די גרויסע סאַלאָנען זאָל זי זיך רעכענען פאַר דעם האַרץ פון דער געזעלשאַפט. מאַכט מען ערגעץ אַ ליבהאָבער-ספּעקטאַקל וועגן אַ וווילטעטיקער זאַך, דאַרף מיין פרוי זיין די ערשטע אַקטריסע, אַלע זאָלן דערנאָך זאָגן און שרייבן אין גאַזעטן: ווען די יונגע מאַדאַם דובאָוווסקי זאָל זיך אָפּטער ווייזן אויף דער סצענע, וואָלט זיך אין איר אַנט-וויקלט איר גרויסער טאַלאַנט. מיין פרוי דאַרף מען געבן צו דער חתונה אַ גרויסאַרטיקע גאַרדעראָבע און כאָטש צוואַנציק טויזנט רובל נדן.

און דאָ, וואָס וועל איך האָבן? פוילע פיש און פאַרשטונקענע הערינג! ניין, דאָס קען נישט זיין! ווי ערלעך איך זאָל זי באַהאַנדלען, נאָר דאָס קען נישט זיין. עס וווּנדערט מיך נאָר, וואָס מיר איז אַזאַ נאַרישקייט איינגעפאַלן!... איך וועל איר זאָגן, אַז זי זאָל גאָרנישט דענקען וועגן דעם. געלט וועל איך איר געבן, וויפל זי וועט באַ-דאַרפן. אַפילו איר גאַנץ לעבן וועל איך זי מיט דעם קינד אויס-האַלטן. זי וועט טאַקע קענען וווינען אין דער שטאָט, ווו איך, און איך וועל זי טאַקע ליב האָבן. זי איז פאָרט זייער שיין. איך קען זי אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן פון זיך. און, דאַכט זיך, אַז זי וועט זיין זייער צופרידן, ווען איך וועל זי אויסהאַלטן גלייך מיט מיין ווייב. וואָס נאָך קען איך טאָן? דאַכט זיך, יוצא. אַן אַנדערער וואָלט זי גאָר געהערט, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. נאָר איך קען נישט. איך פיל, אַז איך קען זיך איצט נישט אָפּזאָגן פון איר... זי איז פאָרט זייער שיין און איך האָב זי ליב. ניין, איך וועל זי שטענדיק אויס-האַלטן נישט ערגער, ווי מיין אייגן ווייב; קיין אַנדערער, דער איידלסטער מענטש, וואָלט זיך ערלעכער נישט באַגאַנגען מיר איר, ווי איך.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיין אייגענעם געוויסן אַזוי גוט אָפּגע-רייניקט, זיין האַרץ אַזוי באַרוּיקט, איז ער נאָכאַמאָל זיך איבערגע

גאַנגען איבער דער שטוב. דערנאָך גאַנץ ברייט זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, און האָט נאָכאַמאָל באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט בלייבן און ער וועט עס איר אַזוי זאָגן.

ליגנדיק אַזוי ברייט אויף דער סאָפע אויסגעצויגן, ווי ער איז לאַנג. האָבן זיינע געדאַנקען אָנגעהייבן פליען:

פּרעקראַסנאָ! אַזוי וועט עס זיין! — האָט ער געזאָגט אויף רוסיש.

און באמת קען עס גאָר שענער נישט זיין, אָט ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

אינגיכן וועט ער חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וואָס שפּילט, זינגט און איז שיין; אַ גאַרדעראָבע וועט זי האָבן, אַז גאַנץ אדעס וועט מיט איר קלינגען. צוואַנציק טויזנט רובל וועט ער נעמען ביי איר נדן. זיין פאָטער וועט אים אויך געבן עטלעכע טויזנט רובל, חוץ אַ הויז, פערד, אַ קאַרעטע; מתנות פון אירע עלטערן וועלן אויך זיין. קרעדיט וועט ער זיך מאַכן אַ גרויסן. באַלד וועט ער מאַכן אַ גרויס געשעפט און עפענען אַ גרויסע קאַנטאָר. די קאַנטאָר וועט זיין אויף דער פרייַלעכסטער גאַס אין אדעס, אויף דער רישעליע-גאַס. זיין פרוי וועט וווינען אויף דער שענסטער גאַס: אויף דער בולוואַר-גאַס. לאהן מיט איר קינד וועט ער דינגען אַ שיינע וווינונג אין עק שטאָט, אויף דער „קאַנאַטנע". ביי יעדן הויז געפינט זיך דאָרט אַ גאָרטן. דעם גאַנצן טאָג וועט ער אַרומלויפן מיט די צוויי ריסאַקעס. אַ זייגער ניין אינדערפרי וועט ער שוין האָבן אָפּגעטרונקען קאַווע און טאַראַראַך מיט דער קאַרעטע פון דער בולוואַר-גאַס איבער די אדעסער האַרטע שטיינער גלייך צו דער קאַנטאָר: פונקט זייגער צוועלף: ווייטער טאַראַראַך אויף דער „קאַנאַטנע" און דאָרט וועט ער זיך צולייגן אויפן דיוואַן און די גאָלדענע שיינע לאה לעבן אים. זי וועט אַוודאי בעטן אַלעמאָל אַ נייע בראָשעל, אַ נייע קייט, און ער וועט פאַר איר נישט זשאַלעווען. ער וועט שטענדיק שוין האָבן אָנגעגרייט אין קעשענע און וועט איר תמיד פאַרוואַרפן מיט מתנות. און לאה וועט זיין אַזוי פריילעך און וועט אים אַרומנעמען און זאָגן:

— מיין טייערער פיאָדאָר! דו ביזט גאָרנישט קיין מענטש, נאָר אַ גאָלד.

אזוי וועט ער ביי לאהן פֿאַרברענגען ביז אָוונטברויט און ווייטער טאַרראַראַך פֿון „קאָנאַטנע" ביז בולוואַר-גאַס אַהיים עסן. דאָס ווייב וועט זיך אַביסל אָנבלאָזן (עס וועט איר אַזוי שיין פּאַסן!) און וועט אים אַרומנעמען און זאָגן אויף פראַנצויזיש:

— מיין טייערער פּיאַדאָר, קיינמאָל זע איך דיך נישט אין שטוב און אפילו צום אָוונטברויט פאַרשפּעטיקסטו. מיר וואַרטן מיטן טיש אַלע אויף דיר. אַכט אַ זייגער הייבט מען שוין אָן צו שפּילן אין דעם גרויסן טעאַטער. און איך בין נאָך אפילו נישט אָנגעטאָן. איבער דיר קומען מיר שטענדיק אָן צו דעם צווייטן אַקט.

— נאַר, מיין ליבע, — וועט ער זי קושן און האַלדזן. — די גע־שעפטן! וואָס קען איך טאָן, איך האָב אפילו קיין צייט נישט אַ גלאָז וואַסער אויסצוטרינקען. באַלד נאָך פרישטיק האָב איך געמוזט זיין אין באַנק, האָב איך פּלוצלונג געהערט, אַז אויף דער בערזע טוט זיך איצט חושך. די היינטיקע בערלינער טעלעגראַמע האט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט. איך האָב באַוויזן זיך אָפּצופאַרטיקן מיט בילעטן פון דעם נייעם „וואָסטאָטשני זאַיאָם", בין איך גלייך אַוועק אויף דער בערזע. דאָרטן האָבן מיך אַלע אַרומגערינגלט...

— נו, נו, איך ווייס, אַז דו וואַלסט געזעסן אינדערהיים, נאָר האָסט קיין צייט נישט. לאָמיר דערווייל עסן אָוונטברויט... — וועט דאָס ווייב זאָגן און מען וועט זיך זעצן צום טיש.

ביים טיש וועט ער ווייטער אָנהייבן:

— ניין, מיין ליבע, איך מוז דיר ענדיקן, דער קאָפּ גייט מיר נאָך כאַדאַראַם פון דעם גרויסן טומל. אַלע האָבן מיך אַרומגערינגלט: דובאָווסקי, דובאָווסקי! לאָז זיין שטיל, כאַפּט איך אַלע דער רוח מיט דער טעלעגראַמע! איך האָב שוין געהערט, האָב איך זיך אָנגעהייבן אָפּטשעפּען פון זיי. ניין, האָבן זיי ווייטער אָנגעהייבן, נאַט לייענט! און גיבן מיר אַ פּאַק טעלעגראַמעס, איך נעם לייענען: עסטרייכישער ווייץ 34—43 מיט 1/4 שילינג. דאָס רוסישע קערבל איז געפאַלן. אויף פּוילישן ווייץ איז גאָר קיין קונים נישטאָ. קאַסע-געלט איז זייער וויי־ניק. מען וואַרט, אַז דער פּרייז וועט נאָך פאַלן. היינט פון לאָנדאָן, פּאַריז, מאַרסעל און די אַלע אַנדערע שטעט האָב איך דיר שוין גאָר־נישט צו דערציילן. איך בין אויסער זיך. ערשט פריער מיט עטלעכע שעה, איידער איך בין געווען אין באַנק, האָב איך פאַר עסטרייך גע־קויפט עטלעכע טויזנט פּערטל און דאָ כאַטש צערייס זיך. אַ גליק,

וואָס עס איז אָנגעקומען אַ נייע דעפּעשע מיט גוטע האָפענונגען, און איך בין קוים אַנטלאָפן כאָטש צום אָונטבּרויט.

נאָכן אָוונטבּרויט: טאַרראַראַך מיט דער פרוי אין טעאַטער. דעם ערשטן און דעם צווייטן אַקט וועט ער זיצן מיט זיין פרוי אין איי־נער פון די ערשטע לאָזשעס און וועט קוקן מיט דעם בינאָקל אַרויף אין אַ לאָזשע פון דער דריטער ריי, ווו עס זיצט אַ זעלטענע שיינע דאַמע.

אַלע בינאָקלען זענען אָנגעשטעלט אויף איר. און ווי וועלן אים מקנא זיין זיינע באַקאַנטע און אַלע, אַז זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז די זעלטענע דאַמע איז זיין לאַה! צום דריטן אַקט וועט ער זיך אַריינ־כאַפּן צו איר אין דער לאָזשע, אַז זיין פרוי זאָל נישט באַמערקן, און וועט מיט איר אַזוי, אָן צערעמאָניעס, רעדן. אַלע בינאָקלען וועלן דערקענען, אַז די זעלטענע שיינע דאַמע איז זיינע און וועלן אים מקנא זיין! ווארים איז דען צווישן מאַנסביילן דאָ אַ גרעסערע קנאה, ווי אויף אַ שיינער פרוי?

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונדזער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש און איז אַזוי פריילעך געוואָרן, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון סאָפע און געכאַפּט אַליין אַ טענצל אַהין און צוריק איבער דער שטוב און צו־געזונגען מיט אַ מעלאָדיע פון דער „שיינער העלענע".

— פּרעקראַסנאָ. אַזוי בלייבט עס, אַזוי וועט זיין, — האָט ער זיך נאָכאַמאָל געזאָגט.

גראָד האָט זיך געעפנט די טיר און לאה איז אַריינגעקומען.

— איך בין דורכגעגאַנגען, בין איך נאָכאַמאָל אַריינגעגאַנגען, — האָט זי געזאָגט.

ביי זיין פריילעכן צושטאַנד איז ער זייער צופרידן געווען, וואָס זי איז געקומען.

— האָסט זייער גלייך געטאָן, וואָס דו ביזט ווידער אַריינגעקו־מען, — האָט ער זי זייער פריינטלעך אָנגענומען ביי ביידע הענט און זי געזעצט לעבן זיך.

— איך האָב שוין אינגאַנצן באַשלאָסן ווי עס וועט זיין... אַלץ וועט זיין גוט... אייביק, אייביק וועלן מיר זיין גליקלעך... אייביק וועלן מיר זיין צוזאַמען און זיך נישט שיידן... — האָט זי געשעפּטשעט.

לאה האָט אים אַזוי געוואָלט אַרויסווייזן איר דאַנקבאַרקייט פאַר זיין גוטסקייט און אָרענטלעכקייט, אַז זי האָט אַליין נישט געוווסט ווי

אָנצוהייבן; ווי אַ צעמישטע האָט זי אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און האָט געוויינט פאַר פרייד.

— איך בין גליקלעך, איך בין גליקלעך, מיין טייערער פּיאָדאָר! לאָז מיך אָט אַזוי אַ ביסל אָפּרוען פון מיין גרויס פרייד, פון מיין גליק.

עטלעכע מינוט האָט זי שטיל, אָן ווערטער, זיך אָפּגערוט אין זיינע אָרעמס און דערנאָך האָט ער איר אָנגעהייבן דערציילן, ווי ער האָט באַשלאָסן. ער וועט זי נעמען קיין אָדעס, ער וועט איר דינגען אַ שיינע וווינונג און וועט זי איר גאַנץ לעבן אויסהאַלטן מיט אַלע פאַרגעניגנס.

— נו, און חתונה האָבן ווען?

אויף דער פראַגע האָט ער גאַנץ דייטלעך איר דערקלערט, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. ער דאַרף האָבן אַן אַנדער פרוי, צוואַנציק טויזנט רובל, קאַרעטעס א. אז. וו. ווארים ווען אַנדערש, וועט ער נישט האָבן, מיט וואָס זי אויסצוהאַלטן און ער אַליין וועט נישט האָבן פונוואַנען צו לעבן.

בקיצור, ער האָט דייטלעך דערקלערט, אַז אַנדערש קען עס נישט זיין; און ווען ער האָט דערזען, אַז איר געזיכט בייט זיך עפּעס, האָט ער איר אָנגעהייבן איינצורעדן, אַז ער באַגייט זיך מיט איר אָרענטלעך.

אַנדערע מיידלעך וואָלטן דאָס גערעכנט פאַר זיך פאַר אַ גרויס גליק און זי איז נישט איינע אַזוינע. עס זענען דאָ אַזוינע אַ סך, וואָס לעבן זייער גליקלעך פיל בעסער פון די ווייבער, וואָס האָבן מאַנען לפנים פאַר דער וועלט...

ער האָט ווייטער איר געוואָלט דערקלערן, נאָר זי איז שוין לאַנג געווען ווייט פון אים אויף עטלעכע שפּאַן.

— און עפּעס קיין בעסערס האָסטו נישט אויסגעטראַכט? — האָט זי אים געפרעגט מיט אַזאַ קול, אַז ער האָט נישט דערקענט, צי עס איז איר קול. בכלל האָט ער זיך פאַר איר געזיכט דערשראָקן, אַזוי האָט זיך אַלע מאָל איר פּנים געביטן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, לאָה, וואָס דו האָסט זיך אַזוי איבערגעביטן און דערשראָקן. און צוואָס פרעגסטו מיך, צי קיין בעסערס האָב איך נישט אויסגעטראַכט? דאַכט זיך, אַז קיין בעסערס קען גאָרנישט זיין.

זאָגנדיק דידאָזיקע ווערטער, איז ער צוגעגאַנגען נענטער צו איר, נאָר זי איז ווייטער אָפּגעטרעטן און נאָכאַמאָל געפרעגט:

— איך פרעג דיך ווידער: און חתונה האָבן זאָגסטו מיר קיינמאָל נישט צו?

— ניין! — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט, — דו וועסט אַזוי אויך זיין גליקלעך. ווען דו זאָלסט פאַרשטיין, ווי מען לעבט אויף דער וועלט, ווי איך, וואָלסטו פאַרשטאַנען, אַז בעסערס פאַר דיר קען נישט זיין, און איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דאַרפסטו אַזוי נייטיק די פּוס-טע צערעמאָניע. דאָס פינגערל דיר אָנטאָן? איבער דעם פּוסטן פינגערל, וואָס איך וועל דיר אָנטאָן און צוויי יידן וועלן זיין דערביי, זאָל אונדז ביידן אַזויפיל מי און געלט קאָסטן! פאַר וועמען דען וויל איך זיין גליקלעך, אַז נישט פון דיינעטוועגן, איך זאָל דיר קענען העלפן?...

ער האָט נאָך נישט געענדיקט די ווערטער, און זי האָט נישט מיט איר קול אויסגעשריען:

— איך דאַרף נישט דיין הילף, פּיאָדאָר! אָט עד — גאָט, וועט מיר העלפן!.. איך האָב נאָך צוויי הענט. זיי זענען געזונט, זיי קע-נען האָרעווען און פאַרדינען ברויט פאַר מיר און פאַר מיין אומ-גליקלעך קינד. דאָס זענען מיינע לעצטע ווערטער מיט דיר!

און לאה האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר ער האָט זי אָפּגעהאַלטן:

— לאה!

— לאָז מיך די מינוט אָפּ, פּאָדליעץ! — האָט זי זיך אויסגע-ריסן פון זיינע הענט, אָנגעשפּיגן אים אין פּנים און איז אַוועקגעגאַנגען...

פּיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפונען, ווי איינער אין אַ גרויסן טשאַד, די שלייפן האָבן אים געהאַקט און דער קאָפּ האָט געדרוישט.

ער האָט באַין אופן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן.

VIII

אין וועג.

חיי לאה האָט איבערגעלעבט די צייט, ביז זי איז אַ מוטער געוואָרן, די עטלעכע טעג, וואָס זי האָט נאָכדעם פאַרבראַכט אויף דער „טויטער גאַס" ביי ר' זלמינען אין שטוב מיט שיינדעלען און כייקען און צולעצט, ווי זי האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד און אַליין אַוועק, — דאָס אַלץ איז שוין באַקאַנט די לעזער.

נישט גרינג איז איר געווען זיך צו באַשליסן איבערצולאָזן דאס קינד און אַליין אַוועקפאָרן; זי האט אפילו נישט געוואָלט דאס קינד אַוועקגעבן צו אַן אַם.

„מיין קינד וויל איך נישט אַוועקגעבן צו אַ פרעמדער מוטער". — האט זי זיך געזאגט, ווען מען האט איר דאס ערשטע מאל דערלאַנגט דאס אפגעוואשענע קינד, ווען זי האט עס דאס ערשטע מאל גע־דריקט צום האַרצן.

אין דער מינוט האט זי פאַרגעסן אין אַלע אירע צרות, וואס זי האט ביז איצט איבערגעליטן און די שרעקלעכע צרות, וואס דער־וואַרטן זי אין דער צוקונפט פון איר לעבן.

— דאס קינד וועט זיין מיין טרייסט, צוליב דעם קינד וועל איך לעבן, — האט זי זיך געזאגט.

אבער נישט לאַנג איז זי געווען אַזוי גליקלעך. עס זענען נאָר אַוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג, האט זי זיך אַליין אנגעהייבן פרעגן: וואס טוט מען? וואס טוט מען ווייטער?

אייגנטלעך, וואס צו טאן ווייטער, האט זי שוין לאַנג באַשלאסן, איידער זי איז אַ מוטער געווארן.

— איך וועל איבערקומען די שווערע צייט, האָט זי זיך גע־טראַכט, וועל איך אָנהייבן לעבן מיט אַ ניי לעבן. איך וועל אַוועק־פאָרן, ווו מען קען מיך נישט. איך בין נאָך יונג און געזונט, איך וועל האָרעווען מיט מיינע אַלע כוחות, צו דערנערן מיין קינד און זיך.

אָבער שפעטער האָט זי געטראַכט:

— נאָר וואָס טוט מען מיט דעם קינד? ווו זאָל איך פאָרן? ווו

זאָל איך גיין מיט דעם קינד? איז דען מעגלעך צוזאַמען מיט דעם קינד ערגעץ מיין ברויט געפונען? אין וועלכער שטוב וועט מען מיך גאָר אַריינלאָזן, ווען איך וועל קומען מיט מיין שענדלעכן פּאַספּאָרט?

הונדערט מאָל האָט זי זיך איבערגעפרעגט:

„וואָס טוט מען מיט דעם קינד?"

און מיט אַ צעבראָכענער האַרץ האָט זי באַשלאָסן איבערצו־לאָזן דאָס קינד און אַליין אַוועקגעפאָרן.

זי איז געווען זיכער, אַז אויף אַן עלנט קינד וועט ר' זלמן רחמנות האָבן. זי איז געווען זיכער אין שיינדלען, אַז זי וועט דאָס קינד זיין אַ צווייטע מוטער, כאָטש זי האָט אַליין זיך קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן, פאַרוואָס זי איז אַזוי זיכער, נאָר דאָס האַרץ האָט איר עפּעס געזאָגט, אַז זי לאָזט איבער דאָס קינד אין זיכערע פריינטלעכע הענט.

מיט די גליקלעכע געדאַנקען איז זי שטיל אַז קיינער זאָל נישט וויסן, אַוועקגעפאָרן פון ר... דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן איז זי אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, ווו זי האָט איר גאַנץ לעבן געוווינט, דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערזען פאַר זיך אומבאַקאַנטע פעלדער און וועלדער.

— מיין גאַנץ לעבן מיט מיינע אַלע כוחות וועל איך אַוועק־געבן פאַר מיין קינדס וועגן. וואָס איך וועל פאַרדינען, וועל איך אַוועקשיקן ר' זלמינען פאַר דעם קינד.

וווהין זי איז געפאָרן, האָט זי נאָך אַליין נישט געוווסט. זי האָט זיך געזעצט אויף דער ערשטער פור, וואָס זי האָט באַגעגנט. זי האָט זיך נאָך אַליין נישט פאָרגעשטעלט, ווו און וויאַזוי זי וועט פאַרדינען. זי האָט נאָר געלעבט איצט מיט דער גוטער האָפענונג. זי האָט געגלייבט און איז געווען זיכער, אַז ווען מען וויל באמת אַר־בעטן, געפינט מען שטענדיק אַרבעט.

— איך קען נייען און גאָר אין אַ שלעכטן פאַל קען איך דינען אין אַ שטוב. ביי אונדז אין שטוב האָט דאָך אויך געדינט אַ מיידל און האָט זיך פאַרדינט אויף אַלעם: ברויט, אַ קלייד און אַ גראָשן. וואָס נאָך דאַרף אַ מענטש?

כאָטש לאה האָט אין איר לעבן קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין אָרעם לעבן, בפרט נאָך פון נויט, פונדעסטוועגן האָט זי זיך

אַלץ פֿאַרגעשטעלט און אַלץ פֿאַר ליב אָנגענומען, וואָס עס וועט נאָר מיט איר געשען, אַבי נאָר ערלעך פֿאַרדינען פֿאַר איר קינד.

אָן פּיאָדאָר איוואַנאָוויטשן האָט זי כמעט ווי גאָר פֿאַרגעסן.

אין אָנהייב האָט זי נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אים. פֿון איר אַמאָליקער ליבע איז געוואָרן אַ גרויסע שנאה. זי האָט זיין נאָמען נישט געקענט הערן, אַז איר בלוט זאָל זיך איר עטלעכע מאָל נישט איבערקאָכן.

— איך וועל נישט לעבן, — פֿלעגט זי דעמאָלט זיך זאָגן. — איך קען נישט לעבן, אַז אַזאַ מענטש לעבט, און קיינער זאָגט אים אַפֿילו נישט אַ שלעכט וואָרט. ער וועט לעבן און קיינעם וועט אַפֿילו נישט איינפֿאַלן אים צו זאָגן: שלעכטער מענטש! וואָס האָסטו אומגליקלעך געמאַכט צוויי נפשות? ניין, איך קען נישט לעבן, עס צוזען און צו-הערן. אויף מיר וועט די גאַנצע וועלט קוקן מיט שלעכטע אויגן. יעדער וועט זיך פֿון מיר אָוועקקערן, און ער...

זי וואָלט זיך געוויס גענומען דאָס לעבן, ווייל דאָס האָט זי געפֿונען פֿאַר דעם בעסטן אויסגאַנג פֿון איר שלעכטער לאַגע. נאָר שפּעטער האָט זי זיך אַליין אָנגעהייבן שולדיק צו מאַכן אין איר אומגליק.

— איך האָב זיך אַליין געלאָזט פֿאַרפֿירן, דאַרום דאַרף איך אַליין ליידן.

זי האָט פֿאַר זיך מער נישט געטראַכט. יאָ לעבן, צי נישט, איז באמת ביי איר געוואָרן אַלצאיינס. נאָר ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז נישט אַליין, האָט זי מיט שרעק אָנגעהייבן שטיל רעדן:

— ניין, איך קען נישט און טאָר נישט זיין דער מערדער פֿון אַן אומשולדיק קינד. איך דאַרף לעבן און מוז לעבן!

וואָס עס איז נענטער געקומען צו דער צייט, האָט זי זיך מער אומגליקלעך געפֿילט. פֿון פֿיל צרות האָט זי גאָר פֿאַרגעסן ווער עס איז שולדיק: צי ער, צי זי.

ווען אין דער לעצטער צייט פֿלעגט זי יאָ אַמאָל אָן אים זיך דערמאָנען, פֿלעגט זי זאָגן: „געבליבט איז נאָט, וואָס איך האָב אָן אים פֿאַרגעסן. איך פֿלעג אַלץ וועלן אָן אים עפּעס אַ נקמה האָבן, נאָר איצט איז ביי מיר אַלצאיינס. איך וויל נישט וויסן, צי עס איז אים גוט, צי שלעכט. לאָז אים גאָט צאָלן און מיר לאָז גאָט העלפֿן".

אזוי איז שטענדיק מיט דעם שוואַכערן. ווען ער קריגט זיך מיט דעם שטאַרקערן, דער שוואַכער ראַנגלט זיך ווי ווייט ער קען, ער איז גרייט זיינע לעצטע כּוחות אָנווערן, אַבי יענעם בייקומען, יענעם שוואַכער צו מאַכן, נאָר ווען ער זעט, אַז די לעצטע כּוחות לאָזן זיך אים אויס און יענער ווערט נאָך שטאַרקער, דעמאָלט לאָזן זיך אָפּ די הענט און פּיס ביי דעם אומגליקלעכן. ביי אים ווערט שוין אַלצאיינס; לאָז יענער ווערן שטאַרקער, אַבי אים זאָל מען לאָזן צורו.

איצט, אין וועג, האָט זי אויך נישט איינמאָל זיך דערמאָנט אָן פּיאַדאָרן. נאָר ווי איינער, וואָס שטויסט עפּעס אַוועק פון זיך, אַזוי האָט זי אויך אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווען זי האָט זיך נאָר דערמאַנט אָן זיין נאָמען.

שטיל, ווי אַ טויב, איז זי דעם גאַנצן וועג געזעסן אויף דעם וואָגן, קיין האַלב וואָרט האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט. זי האָט עפּעס נישט געוואַגט צו רעדן מיט די פּאַרשוינען, פּונקט, ווי ביי איר אויף דעם שטערן איז געווען אויפגעשריבן איר גרויסע זינד, פּונקט די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז זי אַנטלויפט איצט פון איר געבורט-שטאָט, פון איר עלטערנס הויז.

און באמת, כאָטש זי האָט מיט קיינעם קיין האַלב וואָרט נישט גערעדט, נאָר ווער עס האָט זיך נאָר אַ ביסל מער צוגעקוקט, דער האָט דערזען אין איר אַן עלנט מיידל, וואָס טראָגט עפּעס איבער אַ סך שלעכטס, אַ סך צרות.

דאָס אַלץ האָט אין איר באַמערקט אַ פּאַרשוין, אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק, וואָס איז צוזאַמען מיט איר געפאָרן און האָט כּמעט דעם גאַנצן וועג קיין אויג פון איר נישט אַראָפּגענומען.

קוקנדיק אויף דעם שיינעם יונגן מיידל, אויף די זעלטענע קלוגע אויגן, שיינע האָר, און אויף איר טרויעריק געזיכט, האָט ער נישט איינמאָל איבערגעטראַכט ביי זיך:

— זי דאַרף זיין זייער אומגליקלעך. און פאַרוואָס האָבן גאָר אַזוינע שיינע באַשעפענישן צו זיין אומגליקלעך? עס איז, דאַכט זיך, פּראָסט אַ גליק צו זיין אַזוי שיין. איז דען דאָ נאָך עפּעס שענערס אויף דער וועלט, ווי אַזוינע צוויי אויגן פון אַזאַ יונגן געזיכט? ניין! זי איז נישט נאָר שענער פון אַ רויז, איך וואָלט אַוועקגעגעבן די גאַנצע וועלט מיט רויזן נאָר פאַר אַזאַ פּאָר אויגן. נאָר וואָס איז זי

— זוי טרויעריק? וואָס בייסט זי אַלעמאָל אירע רויטע הימלישע ליפּן? וווהין פאָרט זי? וואָס איז מיט איר? פאַרוואָס ליידט זי אַזוי?

דער פאַרשוין, כאָטש ער איז שוין געווען גרוי און אַלט, איינגעבויגן און הינקענדיק, אַ ביסל צוגעהוסט און צוגעפּירכעט, כאָטש ער האָט אַליין געוווּסט פון דעם אלעמען און אויך דאָס, אַז ער איז נישט קיין יונגערמאַן, פונדעסטוועגן פלעגט ער באַגייסטערט ווערן פון יונגע פרויען נאָכמער, ווי די יונגעלייט.

— אָ! — פלעגט ער אָפט טראַכטן. — ווען אַלע יונגע פרויען און פריילינס זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ פּאָעטיש האַרץ ביי מיר איז דאָ, ווען זיי זאָלן וויסן, ווי איך ווייס צו שעצן זייערע צאַרטע ליפּן, זייערע בריליאַנטענע אויגן, זייער געטלעכן שמייכל, אַך, ווען זיי זאָלן וויסן, וואָלטן זיי נישט געקוקט אויף מיינע גרויע האָר, אויף מיין אַלטקייט...

נאָר די יונגע פרויען און פריילינס האָבן פון זיין פּאָעטישן האַרץ נישט געוואָלט וויסן. ער אָבער, האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פון זייער נישט וויסן, און פלעגט שטענדיק אַרומטאַנצן אַרום זיי ביי יעדער געלעגנהייט. אויף דער עלטער זענען אים נאָך פאַרבליבן פון דער יוגנט אַלע מאַנירן, זיסע ווערטלעך, אויסגעגאָסענע רייד — אַלץ, אַלץ וואָס מען דאַרף נאָר האָבן צום אַרומטאַנצן אַרום יונגע פרויען.

ווי תמיד ביי אַזאַ צופאַל, האָט ער אויך איצט צוערשט אָנגעהייבן צו רעדן מיט לאהן און געפרעגט, ווו זי פאָרט.

— ווו איך פאָר? — האָט לאה איבערגעפרעגט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

זי האָט אָנגעהייבן רויט ווערן. איר געזיכט האָט זיך אָנגעהייבן בייטן. דער פאַרשוין האָט באַמערקט, ווי מיט זיין פראַגע האָט ער איר עפּעס זייער שלעכטס געטאָן, האָט ער מער נישט געפרעגט און זיך געמאַכט, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט.

לאה אָבער, האָט זיך אויף דער פראַגע שטאַרק פאַרטראַכט.

— ווו פאָר איך באמת? — האָט זי זיך אַמאָל צען אַליין איבערגעפרעגט. — עס וווּנדערט מיך אַליין, וויאַזוי האָב איך זיך פריער נישט באַטראַכט ווו איך פאָר? נאָר וואָס האָב איך זיך צו וווּנדערן, ווען אַ מענטש טרעפט אַן אומגליק און ער אַנטלויפט, טראַכט ער דען ווו ער לויפט?

— איר פרעגט מיך, ווו איך פאָר? האָט זי פּלוצלונג געפרעגט דעם פּאַרשוין.

— יאָ, איך האָב אייך שוין איינמאָל געפרעגט.

— זאָג איך אייך דעם אמת, אַז איך ווייס אַליין נישט, ווו איך פאָר. מיינע עלטערן זענען זייער אָרעם... איך זוך עפּעס אַ שטעלע... איך זוך אַרבעט...

— נו, און ביי אייך אין שטאָט קענט איר נישט פאַרדינען?

— ניין, ביי אונדז איז אַ קליין שטעטל. עס איז נישטאָ קיין אַרבעט... ביי אונדז שעם איך זיך צו פאַרנעמען מיט אַזוינע אַרבעטן, וואָס מיר פּאַסטן זיי נישט... אין אַ פרעמדער שטאָט איז גאָרנישט. דאָרט קען מיך קיינער נישט.

וווהין-זשע רעכנט איר צו פאָרן?

— איך ווייס? איך ווייס אַליין נישט. דער בעל-עגלה פאָרט קיין ט... רעכן איך זיך אפשר דאָרט אָפּשטעלן.

— ס'איז נישט קיין גרעסערע שטאָט ווי אייערע. און ווער ווייסט צי וועט איר אין אַזאַ קליינער שטאָט געפינען אַרבעט... נאָר... וואָס איז אייער אַרבעט?

— מיין אַרבעט?... איך קען נייען, איך קען זיין אַ גוטע פּאַר-קויפערין אין אַ קלייט, איך קען גוט קאָכן, איך קען וואַשן גרעט. מען זאָגט, אַז אין די גרויסע שטעט זענען דאָ אַזוינע שולן, ווו מען נעמט צו מיידלעך צו לערנען זיי אַ מלאכה; ווען מען זאָל מיך וועלן צונעמען, וואָלט איך אַריין אין שולע.

דער פּאַרשוין האָט אַ שמייכל געטאָן אויף די אַלע מלאכות, וואָס זי האָט אויסגערעכנט. ער האָט מיט זיין ווייכן האַרץ אויף איר זייער רחמנות באַקומען. אין אירע מלאכות, וואָס זי קען, האָט ער געזען, אַז זי איז פון די זייער אומגליקלעכע, וואָס וואָלטן זיך אויף אַלץ געוואָרפן, אַבי עס זאָל זיך כאָטש אַ ביסל לעבן.

— איך וואָלט אייך, ליבע פריילין, געראָטן, איר זאָלט אייך איין מלאכה אויסקלייבן, נישט זיך וואַרפן אויף אַלץ. פון אַ סך מלאכות קומט קיינמאָל גאָרנישט אַרויס.

— וואָס-זשע זאָל איך טאָן? איך ווייס אַליין נישט וואָס איך וויל. מיר איז שלעכט, וואַרף איך זיך אויף אַלץ, אַבי איך זאָל זיך צו עפּעס צושלאָגן.

— יאָ, נאָר קודם דאַרפט איר זען זיך אָפּשטעלן אין אַזאַ שטאָט,

ווי איר זאָלט קענען קרוגן אַרבעט. אין אַ קליין שטעטל איז שווער עפּעס צו געפינען.

לאה איז געווען דערפון צעפרידן, וואָס דער אַלטער ייד רעדט מיט איר אַזוי פריינטלעך. איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז זי איז אַזוי אומגליקלעך, אַזוי עלנט, אַזוי פאַרזינדיקט, אַז יעדער וועט זי פון זיך אַוועקשטויסן. ווער וועט גאָר מיט איר רעדן אַ פריינטלעך וואָרט?

— וווהין־זשע זאָל איך פאָרן?

— איך וואָלט אייך געראַטן פאָרן קיין אדעס: איך בין דאָרט אָפט. איך האָב דאָרט אַ סך באַקאַנטע, איך וועל אייך קענען רעקאָמענדירן אַ שטעלע.

— קיין אדעס?... דאָרט קען איך נישט זיין, איך האָב דאָרט באַקאַנטע. איך שעם זיך פאַר זיי.

— אדעס איז אַ גרויסע שטאָט, איר וועט דאָרט וווינען צען יאָר און וועט נישט באַגעגענען אייערע באַקאַנטע.

עטלעכע מינוט נאָך די רייד האָט זיך לאה באַשלאָסן צו פאָרן קיין אדעס. זי האָט געזען אין דעם פאַרשוין, ווי ער פילט מיט איר שלעכטע לאַגע און ער וויל איר מיט אַלץ מיטהעלפן, און דעם צופאַל האָט זי גערעכנט פאַר אַ גליק, וואָס גאָט האָט איר באַשערט אַזאַ גוטן מענטשן.

און זי איז מיט דעם ה׳ לאָרבערבלאַט — ווי דער פאַרשוין האָט זיך אָפּגערופן — צוזאַמען געפאָרן קיין אדעס.

IX

עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך.

ה׳ לאָרבערבלאַט האָט געקענט אדעס, ווי זיינע צען פינגער. צוליב זיינע געשעפטן האָט ער זיך אַלע זיינע יאָרן דאָ מער גע־

פונען, ווי ביי זיך אינדערהיים — אין דעם פוילישן שטעטל, ווו זיין פאמיליע האט געוווינט. און ער פלעגט זיך אפרייסן פון זיינע געשעפטן אהיים נאר עטלעכע מאל אין יאר.

לאה איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין אדעס, און ווען זי האט דאס ערשטע מאל דערזען דאס גרויסע שיינע, פריילעכע, פליענדיקע אדעס, האט זי געטראכט:

„רבונו-של-עולם, ווי גליקלעך בין איך, וואס גאט האט מיר באשערט אזא גוטן מענטשן! וואס וואלט איך געטאן אן אים? איך וואלט אפילו נישט געוווסט, ווו זיך א וווינונג צו געפינען.”

זי האט טאקע געמעגט לויבן גאט דערפאר, ווייל ה׳ לארבער-בלאט האט באמת פאר איר געזארגט. ער האט איר באלד געדונגען א באזונדער צימער און ביים אוועקגיין האט ער איר געזאגט, אז זי זאל זיך גארנישט זארגן. ער וועט פאר איר זען געפונען א שטעלע. טאמער האט זי ווינציק געלט, וועט ער איר אויסלייען. זי וועט אים דערנאך אפגעבן. מארגן, ווען ער וועט זיך אפפארטיקן פון זיינע געשעפטן, וועט ער קומען צו איר געוווּיר ווערן, עס זאל איר דערווייל נישט זיין לאנגווייליק!

לאה האט אליין נישט געוווסט, ווי אים אפצודאנקען. זי האט אליין נישט פארשטאנען, מיט וואס האט זי אזויפיל פארדינט ביי דעם אלטן יידן, וואס טוט פון אירעטוועגן אזויפיל.

נאכדעם ווי זי האט זיך פון דעם וועג גוט אויסגערוט, אויס-געשלאפן, האט זי זיך אנגעהייבן ארומקוקן, ווו זי איז, און האט געזען, ווי איר צימער איז זייער פיין, ליכטיק, ריין, ווי אלץ, וואס זי וויל. זי דארף נאר א קלונג טאן און דער דינער ברענגט אלץ אריין. זי האט זיך אנגעהייבן צו אינטערעסירן, וואס איז דא פאר א מין ארט. זי האט א קלונג געטאן און עס איז אריינגעקומען דער דיגער, אנגעטאן, ווי געוויינלעך איינער, וואס באדינט אין די האטעלן.

— צו וועמען געהערט דאס הויז? און ווער איז דער באלעבאס? — האט זי געפרעגט.

דער קעלנער האט זי אין אנהייב אנגעקוקט און דערנאך האט ער געענטפערט:

— דאס הויז, צו וועמען עס געהערט, ווייס איך נישט. געוויס צו א גרויסן גביר. נאר דער האטעל געהערט צו מיין באלעבאס. ווער

ווייסט נישט, אַז דער האָטעל „נייאַדעס" געהערט צו מיין באַלעבאָס שוין פון צוואַנציק יאָר? איך דין שוין דאָ מער ווי צען יאָר.

— איר קענט ה׳ לאַרבערבלאַט, וואָס איז געקומען מיט מיר?

— נאָך וויאַזוי! ער וווינט שטענדיק אין אונדזערע נומערן. איצט האָט ער גענומען דאָס צימער צוואַנציק.

— אַזוי? אויך אין דעם האָטעל? — האָט זי פאַרווּנדערט גע-פרעגט.

זי האָט אים אויך געפרעגט, ווער דער לאַרבערבלאַט איז, פונ-וואַנען איז ער און וואָס טוט ער דאָ.

דער דינער האָט פאַרווּנדערט אויף אַלץ געענטפערט און דער-ציילט, אַז לאַרבערבלאַט האָט גרויסע קאָמיסיעס אין אָדעס. ער פאָרט עטלעכע מאָל אין יאָר אַוועק און קומט ווייטער צו פאָרן. ער איז, דאַכט זיך, אַן ערלעכער מאַן.

— מיר האָבן אים אַלע דאָ ליב. ער באַהאַנדלט יעדן ערלעך. ער גיט מיר אָפט „נאַ טשאַי" און ווייטער ווייס איך נישט.

ווען דער דינער איז פון איר נומער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער צו זיך אַליין געשמייכלט:

„אַז מען זאָגט אָדעס, זאָל מען גלייבן, אַז עס איז אָדעס, איז עס נישט קיין געלעכטער? זי קומט מיט אים צופאָרן און פרעגט מיך, ווער ער איז. נאָר ווייסט זיי דער גוטער יאָר... זאָל עס מיך אָנהייבן צו אַרן. — גיי, דערקלער, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן גאַסט, וועט מיר קיין צייט נישט בלייבן, אָפצוהיטן יעדן, ער זאָל מיר אָפּגעבן מיין „נאַ טשאַי". אויף דערויף איז עס דאָך אָדעס, ווי מען זאָגט, „געלעבט אין אָדעס!" דאָ טרעפט זיך אַלץ. אָ, מיך וועט מען אין אָדעס נישט אָפּנאַרן..."

ווען לאה איז ווידער געבליבן אַליין, האָט זי פּלוצלונג אָנגע-הייבן זיך צו באַטראַכטן און זיך אַליין איבערפרעגן: וואָס איז דאָס? ווו געפינט זי זיך? וואָס האָט דער אַלטער גראַדע צו איר באַקומען אַזאַ גוט האַרץ. געדונגען נאָך פאַר איר אַ באַזונדער נומער? דאָס קאָסט אוודאי אַ סך געלט. פאַר די צען אָדער פופצן רובל, וואָס עס קאָסט דאָס צימער, וואָלט זי באַלד געהאַט צו לעבן מיט דעם קינד.

— ער וווינט אויך דאָ אין דעם האָטעל, אין נומער צוואַנציק! — איז איר צפעס אויפגעקומען אויף די געדאַנקען. נאָר וואָס אַ שטייגער. האָט זי אַליין נישט געוווּסט, ניין, דאָס קען נישט זיין, האָט זי זיך

ווייטער געטראַכט. ער איז אַן אַלטער, אַ קראַנקער, אַן ערלעכער, אַ גוטער, זאָגט דער משרת פון האָטעל, און וואָס ער טוט אַזויפיל פון מיינעטוועגן, נו, וואָס-זשע איז? זענען שוין די גאַנצע וועלט מענטשן שלעכט? פעלן דען גוטע מענטשן אויף דער וועלט? ער איז אַ גוטער, האָט ער אויף מיר, עלנטער און אומגליקלעכער, רחמנות; ער וועט מיר געפינען אַ שטעלע און מיר מיט מיין קינד וועט זיין גוט. מיר וועלן טאַקע אייביק דעם גוטן מענטשן נישט פאַרגעסן.

זי האָט זיך דערמאַנט, ווי ערשט נישט לאַנג איז זי געווען אַזוי אומגליקלעך און עלנט, אַז עס איז איר גאָר אויסגעקומען זיך צו וואַרפן אין וואַסער מיט איר קינד. און איצט — איצט האָט זי כמעט אַ נייעם פאָטער, וואָס זאָרגט פאַר איר.

זי איז זייער פריילעך געוואָרן.

אַ צוויי שעה פאַרנאַכט איז צו איר אַריינגעקומען ה' לאָרבער־בלאַט, אויך זייער פריילעך.

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך קוים אָפגעפּטורט פו די געשעפטן. איצט האָב איך שוין צייט דעם גאַנצן אָוונט. מיר וועלן קענען אַ ביסל רעדן און אייך כאָטש ווייזן אָדעס.

לאה האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער איר עפּעס איבערגעבן, צי האָט ער געזוכט פון אירעטוועגן אַ שטעלע. אפשר האָט מען אים צו־געזאָגט אויף שפּעטער? נאָר ער האָט דערפון אַ האַלב וואָרט נישט דערמאַנט, ווי גלייך מען האָט פון דעם גאָרנישט גערעדט.

— און איך וואַרט שוין אַזוי לאַנג, — האָט זי אָנגעהייבן.

— זייער גוט, מיין קינד, וואָס איר וואַרט אויף מיר, — האָט ער ווייך באַמערקט.

— איך האָב גערעכנט, אַז איר האָט שוין עפּעס געזען פון מיינעטוועגן.

— אי, מיין קינד, איר זענט נאָך אַ יונג קינד, וואָס ווייסט נישט, וויאַזוי מען הייבט אפילו אָן צו לעבן אויף דער וועלט. איר מיינט, אַז יעדע זאַך טוט זיך אַזוי גיך, ווי עס רעדט זיך... ניין, מיין קינד, פרעגט ביי מיר — ביי אַן אַלטן פּראַקטישן סוחר, וואָס האָט שוין אויף דער וועלט איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס... יעדע זאַך טוט זיך נישט אַזוי גיך, מען מוז האָבן אַ סך געדולט, מען מוז וואַרטן, איידער מען קומט צו עפּעס. איידער עס מאַכט זיך אַ צופאַל.

— קען איך דען ווארטן? האב איך דען מיט וואס צו ווארטן? איך בין אן אָרעמע, איך דאַרף שוין אַרבעטן, איך זאָל זיך פאַרדינען צום לעבן.

— איר זענט, מיין קינד, אַוודאי גערעכט, נאָר גאָט פרעגט נישט ביי אייך, צי האָט איר מיט וואָס צו ווארטן, צי ניין. זאָרגט נישט, מסתמא וועט גאָט אייך נישט פאַרלאָזן, ווי אַלע מענטשן, וואָס זוכן זיך שטעלעס. איר זענט ביי אים נישט קיין בת־יחידה.

לאה האָט איינגעזען, ווי ער רעדט באמת מיט שכל, ווי אַ פּראַקטישער מענטש. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האָט געטאָן אַ גרויס נאַרישקייט דערמיט, וואָס זי האָט אַזוי גיך מיט אים אָנגע־הייבן צו רעדן פון דער שטעלע.

— איר פאַרגעסט דערווייל אין דער שטעלע, — האָט ער זיך ווייטער אָנגערופן. — רוט זיך פריער אָפּ עטלעכע טעג פון דעם וועג, קוקט אָן אדעס, באַקענט זיך מיט דעם היגן לעבן און דערנאָך וועלן מיר קענען זוכן פאַר אייך אַ שטעלע.

נאָכן טיי זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, אָנצוקוקן אדעס.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, זענען זיי שוין געווען אויף דעם בולוואַר.

לאה איז זייער איבערראַשט געוואָרן פון די שיינע ברייטע פרייקע־כע, לעבעדיקע אדעסער גאַסן, פון די הויכע טויערן, פון די ליכטיקע מאַגאַ־זינען מיט זייער גאַזבאַלייכטונג, וואָס איז אַזוי ליכטיק ווי בייטאָג.

נאָכמער האָט זי איבערראַשט דער בולוואַר מיט די טויזנטער מענטשן, וואָס שפּאַצירן דאָרט. דער שוואַרצער ים אין דעם טונקעלבלויען אָוונט, דער אויסגעשטערנטער, אויסגעשלייערטער אדעסער הימל, די לייכטע אויסלענדישע און רוסישע דאַמפּער, די בולוואַר־מוזיק, — דאָס אַלץ האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז זי האָט זיך געפונען ווי אין זיבעטן הימל.

— אָך, איך האָב נאָך גאָרנישט געלעבט! — האָט זי זיך שטיל געזאָגט. — און איך בין נאָך אַזוי יונג! דאָס לעבן ציט מיך אַזוי צו זיך... נאָר, אוי, ווי גוט איז איצט: ווי שיין איז איצט!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די שיינע בילדער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט אַרום און אַרום. זי האָט זיך געפילט אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט אָן אַלץ פאַרגעסן, אפילו אָן איר קינד און אָן ר' זלמינען, וואָס זי האָט אים אומזיסט און אומנישט אָנגעהאַנגען אַ פרעמד קינד.

פון דער גרויסער איבערראַשונג, ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זיך, אויף אירע קליידער, און האָט אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס האָט איר צו זיפצן, אַז אַרום אונדז איז אַלץ אַזוי שיין און גוט? האָט לאָרבערבלאַט זיך אָנגערופן.

— יאָ, עס איז שיין, עס איז זייער גוט, איך פיל עס מיט מיין גאַנץ לעבן. נאָר זעט, וואָס פאַר אַ פנים קען איך האָבן אַקעגן דער גאַנצער שיינקייט! זעט, ווי אַלע גייען אַזוי שיין, רייך אָנגעטאָן, און זעט, אין וואָס פאַר אַ קליידער איך גיי. פאַסט זיך דען פאַר מיר דאָ צו זיין? איך גיי געקליידט ווי אין ר... אָבער נישט ווי אין אדעס.

— שיינע קליידער מאַכן גאָרנישט שיין, מיין קינד. דער, וואָס איז יונג — דער איז שיין. ווען דו זאָלסט איצט קענען אַ קוק טאָן אויף זיך — נישט אויף די קליידער, נאָר אויף זיך אַליין, וואָלסטו געזען, אַז דו ביזט שענער פון אַלץ, וואָס דו זעסט דאָ. דו וואָלסט געזען, ווי דיינע אויגן לייכטן ליכטיקער, ווי די שטערן אין הימל. דיינע האָר זענען שענער, ווי די אַלע גרינע ביימער, וואָס דו זעסט דאָ, דיינע...

— ניין!... האָט זי אים איבערגעשלאָגן און איז רויט געוואָרן.— ווען דאָס זאָל מיר זאָגן אַ יונגערמאַן, וואָלט איך זיך געפינען באַליידיקט פון אַזוינע קאָמפּלימענטן, וואָס פּאַסטן נישט צו מיר, נאָר איר זענט אַן אַלטער ייד, רעכן איך, אַז איר האָט ליב צו זאָגן ווערטלעך, חוזק מאַכן, בין איך אייך מוחל.

— ניין, מיין קינד, — האָט לאָרבערבלאַט אָנגעהייבן רעדן מיט פייער. — דאָס איז מיין אומגליק, וואָס איר האָט אין מיר אַלע אַ טעות. ווען איר זאָלט וויסן, ווי אייער קוק, אייער שמייכל, אייער קרעכץ, אייער זיפץ, אייער יעדער ריר טרעפט מיר גלייך אין האַרצן. ווען איר זאָלט וויסן, ווי מיין האַרץ איז גוט צו אייך... איך וואָלט, דאַכט זיך, אַלץ, אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר אייער זיסן שמייכל, פאַר אייער איין וואָרט, נאָר איין אמת וואָרט צו מיר... מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך אַוועקגעגעבן, נאָר... נאָר זיי ווילן מיך נישט פאַרשטיין, אַלץ דערפאַר, וואָס איך בין אַלט... קוקט זיך איצט אַרום: זעט, ווי אַלץ איז אַזוי שיין... איר זאָגט, אַז איר זעט און פילט די גאַנצע שיינקייט פון דעם זיסן לעבן — עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט.

איר זענט יונג, גלויבט-זשע מיר, אַז איצט, גייענדיק מיט אייך, איז מיר דאָס לעבן שענער — ווי ביי די אַלע אויסגעפּוצטע יונגעלייט, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אַזוי לעבעדיק... אָ, איך בין לעבעדיקער פון זיי.

לאה האָט פון די אַלע ווערטער, וואָס דער אַלטער האָט גערעדט, גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען.

— מילא, וואָס אַ מענטש רעדט, — האָט זי געטראַכט, — ווען ער צערעדט זיך מיט פייער! איך האָב דען נישט אַ סך נאַרישקייטן גערעדט, וואָס איך וואָלט נישט באַדאַרפט רעדן? נאָר דאָס אַלץ האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב שוין אַפילו פאַרגעסן אָן מיין אומגליקלעך קינד, אָן מיין אומגליקלעכער לאַגע. איך האָב זיך שוין גאָר אָנגעהייבן צו קלאָגן, וואָס איך גיי נישט אין קיין שיינע קליידער. אָ! ווי אַ מענטש קען זיך אַמאָל פאַרגעסן!..

פון דעם אָוונט זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג. אין דער צייט האָט לאָרבערבלאַט איר אויסגעוויזן כמעט גאַנץ אדעס.

ער פלעגט זי טאָג און נאַכט באַשיטן מיט קאָמפּלימענטן. זי האָט אַלע ווערטער אָנגענומען פאַר זיין גוטסקייט, נאָר וועגן אַ שטעלע האָט ער איר די גאַנצע צייט אַ האַלב וואָרט נישט דערמאַנט.

איינמאל, אינאָוונט, ווען ער איז זיך אַ ביסל שפּעטלעך פאַרזעסן ביי איר, איז זי צו אים צוגעטרעטן:

— הער לאָרבערבלאַט, יעדע זאַך מוז האבן אַ סוף, איך בין שוין אַזאַ צייט אין אדעס און האב נאך גארנישט געטאָן. איך בין אַן ארעם מיידל, איך דאַרף פאַר זיך עפּעס טראַכטן. וואס וועט זיין אַזוי דער סוף? איך ברענג אייך נאר אויס אומזיסט געלט...

— וואס אַרט אייך? וואס האט איר צו שפּארן מיין געלט?

— איך שפּאר נישט, נאר וואס איז דער תכלית דערפון? אייביק קענט איר דאך מיך נישט האַלטן אַזוי.

— פאַרוואס נישט אייביק? אַפילו אייביק, מיט דעם בעסטן פאַרגעניגן... איר וועט מיך נאָך דערמיט פיל גליקלעך מאַכן.

זי האט ענדלעך אנגעהייבן צו פאַרשטיין זיינע ווערטער און איז זייער טרויעריק געווארן. ער האט דאס באַלד באַמערקט.

— ווידער טרויעריק, וואס איז שוין ווידער?

— איך קען פריילעך נישט זיין, כל זמן איך וועל נישט האבן עפּעס אַ שטעלע, עפּעס אַרבעט, איך זאל וויסן, אַז דערפון לעב איך.

זאגט מיר, אויב איר האט פאר מיר גארנישט געפונען, וועל איך אליין אנהייבן זוכן.

— איך האב אפילו נישט אנגעהייבן צו זוכן פאר אייך ארבעט... א וועשערין ווילט איר זיין, א נייטארין, א קעכין? האט ער זי שטיל געמומען פאר ביידע הענטלעך.

— זעט, קוקט אן גוט די גאלדענע ווייסע הענטלעך, קען מען מיט זיי ארבעטן? ס'איז נאר אן עבירה פאר גאט, זיי אויסצעשמירן פאר פופצן אדער צוואנציק קארבאוואניצעס א חודש!..

— הער לארבערבלאט, מארגן וועל איך שוין אליין זוכן ארבעט. איך וועל שוין אייך מער נישט דערקוטשען.

— און פון מיר וועט איר אוועקגיין?

— יא, מארגנדיקן טאג. איך וועל אייך פיל דאנקען פאר אייער פריינטשאפט און גוטסקייט. אז איר וועט וועלן, וועל איך אין א פרייער צייט קומען צו אייך א ביסל פארברענגען די צייט...

— לאה! — האט דער אלטער כמעט אויסגעשריען און איז מיט זיין גרויסן קאפ געפאלן פאר אירע פיס, — איר ווילט מיך אוועקווארפן? א! דאס וועט איר נישט טאן. ווייסט, אז איך קען אן אייך א מינוט נישט לעבן. איך האב אייך ליב מיר קענען זיך נישט שיידן... קוקט נישט אויף מיין גרויסן קאפ, קוקט אויף מיין הארץ...

לאה האט זיך דערשראקן און אים די מינוט אויפגעהייבן פון דער ערד.

* * *

די גאנצע נאכט האט לאה קיין אויג נישט געקענט צומאכן.

— ער האט מיך ליב... ער איז אין מיר פארליבט... — האט זי אלץ געטראכט. אט דער גרויער אלטער איז פארליבט! און איך בין אזוי יונג!...

נאך פיל טראכטן האט זי ענדלעך באשלאסן, אז ווען אזא זעלטענער מענטש מיט אזא גוט הארץ האט ליב, קען מען מיט אים

האָבן אַ גליקלעכע וועלט, כאָטש מען איז יונג. זי וועט אים אַלץ דערציילן, וויאַזוי זי איז פאַרפירט געוואָרן, אַז זי האָט אַ קינד, ווי זי האָט דאָס קינד ליב, און ווי ער וועט זיין מיט איר גליקלעך, כאָטש ער איז אַלט און קראַנק, און זי יונג און געזונט.

ווען איינער זאָל איר געוועזן נעכטן זאָגן, אַז זי וועט חתונה האָבן פאַר אַזאַ אַלטן מאַן, וואָלט זי נישט געגלייבט. נאָר איין געדאַנק ברענגט דעם צווייטן, ביז זי האָט זיך אַנטשלאָסן.

— ער האָט מיר אַזוי אמת ליב... ווי וועל איך מיט מיין קינד זיין ביי אים גליקלעך!

אויף דעם צווייטן אָוונט, ביי אַ גוטע גלאָז קאַווע, האָט זי פאַר אים אויסגערעדט זיך דאָס גאַנצע האַרץ, דערציילט, וויאַזוי זי איז פון איינעם פאַרפירט געוואָרן, ווי זי האָט ליב איר קינד, און דער אַלטער האָט די גאַנצע צייט פון איר רעדן גאָר געקוואָלן פאַר שמחה.

— ענדלעך, ענדלעך, — האָט ער זיך געטראַכט, — געפינט זיך נאָך אויף דער וועלט אַזוינע, וואָס דערקענט מיין האַרץ.

— נו, און אַזוי מיין קינד, בלייבן מיר אויף אייביק גליקלעך, האָט דער אַלטער געזאָגט און זי אַרומגענומען.

— יאָ, איך האָב זיך באַשלאָסן מיט אייך חתונה צו האָבן, און גלייבט מיר, אַז כאָטש איר זענט אַלט און איך יונג, פונדעסטוועגן וועט איר אין מיר געפונען אַ געטרייע פרוי, וואָס וועט אייך זיין איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לעבן. נאָר פאַר אייער ערלעכקייט אַליין, פאַר אייער גוט האַרץ בין איך גרייט אייך שטענדיק צו שעצן פאַר העכער פון אַלץ אין דער וועלט.

— וואָס הייסט חתונה האָבן? — האָט לאַרבערבלאַט פלוצלונג געפרעגט און אָפּגעלאָזט איר דינע טאַליע.

— וואָס הייסט חתונה האָבן? — האָט לאה אויף פאַרוווּנדערט געפרעגט און אָנהייב נישט געקענט צעקייען זיין פראַגע. — חתונה האָבן, ווי אַלע יידן האָבן חתונה. מען שטעלט אַ חופה, עס שפּילן קלעזמער, מען פאַרבעט מחותנים... האָט זי פשוט געזאָגט.

דער אַלטער האָט אָבער פלוצלונג געזאָגט:

— איר האָט, קענטיק, ליב חוזק צו מאַכן פון אַן אַלטן... נישט נאָר ביי מיר אַ חופה, נאָר מיינע קינדער האָב איך שוין געפירט צו דער חופה און וועל באַלד זוכה זיין ביי דעם, וואָס לעבט אייביק,

מיט מיין אַלטיטשקער, זאָל לעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, צו־זאַמען פירן מיינע אייניקלעך צו דער חופּה...

זינט זי לעבט האָט לאה זיך נישט געפילט אַזוי באַליידיקט, ווי איצט; מיט פיל מי האָט זי קוים איר כּעס איינגעהאַלטן; רעדן האָט זי מער נישט געקענט.

— נאָר איר זאָלט נישט זאָרגן, — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט. — איינס מיט דעם צווייטן קער זיך נישט אָן, אויף דערויף לעבן מיר אין גאָטס אדעס. מיין אַלטיטשקע מיט די קינדער מעגן זיך לעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר און מיר ביידע קענען האָבן די אמתע ליכטיקע וועלט נאָך מער ווי הונדערט און צוואנציק יאָר. פאַר אייך, מיין לעבן, וועל איך גאָרנישט שפּאָרן. מיין קאַסע איז פאַר אייך אָפן, איך בין בלויז אַלט, אָבער פאַרדינען פאַרדין איך זייער גוט. פאַרוואָס-זשע זאָלט איר, אַזאַ גאָלד, אַזאַ יונג קינד, ווי איר, נישט לעבן?

ער האָט באַמערקט, ווי איר געזיכט בייט זיך שרעקלעך.

— און וואָס שרעקט איר זיך אַזוי? אין אדעס לעבט מען אַזוי צווישן די פיינסטע, אויף יעדן שריט...

ער האָט ווייטער גערעדט אויף דער אייגענער טעמע, נאָר זי איז אָן ווערטער, מיט אַ ווילדן געשריי און מיט ביידע הענט פאַר־דעקט דאָס פּנים, אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ער איז אין אָנהייב געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, ווי איינ־געגראָבן און האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן: נאָכלויפן? שרייען? אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צו זיך און איז אַראָפּגע־לאָפן פון די טרעפּ.

— האָסטו נישט געזען די פרוי פון נומער 16? — האָט ער גע־פרעגט דעם שווייצאַר פון האָטעל.

— איך האָב זי שוין לאַנג אַרויסגעלאָזט פון דער טיר. איך האָב נישט באַמערקט, אין וועלכער זייט זי איז אוועקגעגאַנגען.

לאָרבערבלאַט האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זיין נומער.

— פאַרפאַלן! ווי אין וואַסער אריין! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין מיט גרויס פאַרדרוס.

— אוי, דו אַלטער הונט! האָט ער אָנגעהייבן זיך שלאָגן אין האַרצן. וואָלט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, ווען איך זאָל זיין אַ יונגער־מאַן? אוי, מיינע גרויע האָר, זיי קוילענען מיך! וויפל געלט

מיט צייט די מיידלעך קאַסטן מיך, און עס לאָזט זיך אויס תמיד אַ טייך.

— איך האָב דען נישט גוט געשפּילט מיין ראָלע? קען איך דען נישט רעדן מיט זיי, מאַכן קאָמפּלימענטן און פֿאָטיזירן, אַז דאָס האַרץ צעגייט זיך, ווי ביי אַ יונגנמאַן? וואָלט איך זי אַזאַ בריליאַנט, אַזאַ גאָלד נישט ליב געהאַט, ווי אַ יונגערמאַן? נאָר קיינער וויל מיין האַרץ נישט קענען, קיינער וויל מיין האַרץ נישט זען. איך וואָלט פֿאַר אַזאַ שיינער בלום גאָרנישט געזשאַלעוועט, נאָר, אוי, מיינע גרויע האָר, זיי לייגן מיך שטענדיק אין דער ערד אַריין. געלט און צייט האָט זי מיך געקאָסט! געהאַפּט און וואָס? פֿון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך...

טאַקע אין דעם אָוונט האָט ער זיך געהייסן אַריינשיקן דעם פּאַרוואַלטער פֿון האָטעל און אים געזאָגט, אַז די באַקאַנטע פֿרוי, וואָס איז מיט אים צוזאַמען געקומען און האָט געוווינט אין נומער זעכצן, איז היינט אָוונט אַרויסגעפֿאָרן, זאָל ער אים ברענגען אַ חשבון.

X

אוי, מענער, מענער!

אינדרויסן איז שוין געווען גוט נאַכט, אייניקע קראָמען פֿון דער „פּאָטשטאָווע גאַס", ווו עס געפֿינט זיך דער האָטעל „ניי־אדעס", האָבן זיך שוין אָנגעהייבן צומאַכן. דער גערויש פֿון קאַרעטעס און דראָזשקעס האָט נישט אויפֿגעהערט, פּונקט ווי ביי טאָג, נאָר די טראָ־טואַרן האָבן זיך געענדערט.

אויף דעם אָרט, ווו עס לויפֿן אַ גאַנצן טאָג אַרום ווייץ־מעקלערס, בערזע־לייט, סוחרים פֿריקאַזטשיקעס, אַרבעטער, מאַרק־הענדלער, הענדלער פֿון אַלערליי וואַלוועלע סחורות — לויפֿן איצט אַרום יונגע־לייט און עלטערע, וואָס לאָזן זיך כאַפּן גליק. אויך דרייען זיך איצט

אַרום אַלערליי פאַרבאַרגענע באַהאַלטענע קליידלעך און דאַמענהיט. זיי ווילן אויך אויפכאַפּן גליק.

חוצדעם, קען מען נאָך דאָ באַגעגענען אייניקע, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט אין טעאַטער.

צו דעם אַלעמען דרייען זיך אַרום לעבן די ברענענדיקע לאַמ־טערנס, ווי די שאָטנס, פּאָליציייליט, און ביי יעדן טויער שטייט אַ סטרוזש אין זיין שטענדיקן וועג־פעלץ, עס מעג זיין אינדרויסן ווארעם, ווי זומער.

ווען לאה איז אַרויסגעלאָפן פון האָטעל, האָט זי קיין צייט נישט געהאַט איבערצוגיין איין לאַמטערנע, ווי זי האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט צוויי יונגעלייט, וואָס זוכן שוין פון אַ שעה גליק און האָבן באַמערקט, ווי זי איז אַרויסגעלאָפן פון האָטעל.

— אָט איז אונדזער גליק! — האָט איינער געזאָגט. — זעט נאָר, וואָס פאַר אַ אויגן!

און האָט דערווייל זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט; נאָר לאה האָט זיך נישט מיט איר כוח אויסגעריסן פון זיינע הענט און איז ווייטער געלאָפן.

— אָ, זי בייזערט זיך, — האָט געזאָגט דער צווייטער, — איז זיך דאָך אַוודאי אונדזער גליק. גיב גאָט פיס!.. זי איז אַרויס נאָר וואָס פון האָטעל, איז זי אַ מיוחסת. נו, זי מעג זיך אַוודאי איבערנעמען, נאָר מיר מעגן דערווייל מאַכן גרעסערע טריט, זי וועט זיך איבערבעטן...

אוןביידע יונגעלייט האָבן אָנגעהייבן מיט גרעסערע טריט שפּאַנען נאָך איר. זי האָט זיך אָן ווערטער דאָס צווייטע מאָל אויס־געריסן פון זייערע הענט.

דער ערשטער פּאָליציאַנט האָט ביידע מאָל באַמערקט, ווי זיי לויפן נאָך אומזיסט, און האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן אויפהערן צו מאַכן סקאַנדאַלן.

— און וואָס פאַר אַ רוח טראָגט דיך נאָך די ווייבער, — האָט איינער דעם אַנדערן אָפּגעשטעלט. — האָסט קאַרג? אָט האָסטו אַ לאַנגע גאַס פון עטלעכע ווערסט, מיט עטלעכע הונדערט לאַמטערנעס— זיי זענען מער דאָ, ווי לאַמטערנעס.

און די ביידע יונגעלייט האָבן זיך געלאָזט ווייטער גלייך איבער דער פּאָסט־גאַס.

ביים ערשטן עק גאַס האָט זיך לאה גענומען אין דער זייט צום

בולוואַר מיט דער רעשיליעווסקי גאַס. דאָס איז די גרעסטע הויפּט-גאַס; מענטשן האָבן זיך דאָ געדרייט, ווי אינמיטן העלן טאָג.
לאה האָט זיך דאָ געפילט היימלעכער און אָנגעהייבן גיין לאַנגזאַמער.
אויפן בולוואַר האָבן זיך נאָך אויך געדרייט אַ סך מענטשן.
די מוזיק האָט שוין געשפּילט דעם לעצטן נומער פון דעם פּראָגראַם.
זי האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקל מיטן פּנים צום ים. זי האָט ערשט איצט דערפילט אין די פיס, ווי מיד זי איז. דאָס האַרץ האָט איר זייער געקלאַפּט. איר געזיכט איז געווען ווייסער פון די ווייסע ראַקעטן, וואָס מען האָט אַלע פינף מינוט געלאָזט פון די שיפן. ערשט דאָ, זיצנדיק אויף דעם בענקל, צווישן די טענער פון דער מוזיק, צווישן דער פריילעכקייט פון דעם גרויסן עולם, האָט זי זיך פאַר דער גאַנצער צייט באַרויִקט און דאָס ערשטע מאָל געקומען צו זיך.
צום ערשטן האָט זי דערזען די קליינע כוואַליעס פון ים און האָט פון זיי די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, פונקט ווי זיי וואָלטן זי פאַרבעטן צו זיך מיט גרויס ליבשאַפט, פונקט ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז זי איז אומגליקלעך און וויקן אַראָפּנעמען פון איר אַלע זאָרג.
זי אַליין האָט זיך עפּעס פאָרגעשטעלט פאַר אַ גרויס פאַרגעניגן, ווען זי זאָל אַזוי פון בענקל גלייך מיט די לאַנגע פאַסן פון די ראַקעטן צוזאַמען זיך אַראָפּלאָזן אַראָפּ — באַרג אַראָפּ איבער די עטלעכע הונדערט מאַרמאָרנע טרעפּ, גלייך, גלייך, זיך איינוויקלען אין די שטיל רעדנדיקע כוואַליעס, אָ! מיט גרויס פאַרגעניגן וואָלט זי איבער-געלאָזט די שיינע וועלט מיט אירע אַלע שלעכטע און אפילו גוטע מענטשן.
נאָר די ראַקעטן האָבן זיך אַלעמאָל אַליין אָן איר אַראָפּגעלאָזט אין ים און זי האָט זיך אפילו נישט געקענט אויפהייבן פון בענקל.
עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זי זיך מיט די לעצטע כוחות אויפגעהייבן און געוואָלט גיין, נאָר באַלד האָט זי זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער אייגענעם אָרט.
— ניין, איך קען נישט און טאָר נישט... מיין קינד לעבט, איך טאָר נישט שטאַרבן. איך האָב שוין אַזוי אויך פיל געזינדיקט, וואָס איך האָב אַזאַ צייט אָן דעם קינד פאַרגעסן.
זי האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר די כוואַליעס פון ים און

האָט זיך איבערגעזעצט אויף דער אַנדער זייט מיטן רוקן צו די כוואַליעס.

די מוזיק האָט שוין לאַנג געענדיקט דעם לעצטן נומער. דער עולם האָט אָנגעהייבן ווערן אַלעמאָל שיטערער און שיטערער. מען האָט שוין עפּעטער העכער געהערט דאָס פּייפן פון די נאָענטע פאַבריקן, פון די דאַמפּער און מאַשינען.

עס וואָלט שוין גאָר שטיל געווען אויף דעם בולוואַר, ווען נישט די קאַרעטעס, וואָס האָבן זיך ערשט איצט אָנגעהייבן צו ווייזן אויפן בולוואַר — אויף דער איינציקער לאַנגער גאַס, וואָס איז אויסגעגאָסן ווי איין שטיק מיט צעמענט.

אויף דערדאָזיקער גאַס פאָרן נישט קיין געשעפטסלײַט. דאָ פאָרן נאָר אַזוינע, וואָס פוילן זיך צו שפּאַצירן מיט די פּיס.

אפילו גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט שפּאַצירט מען דאָ זיצנדיק אין קאַרעטעס, דאָס רוב די, וואָס פאָרן שוין פון טעאַטער, פון דער ענגער לופט, וווּ מען האָט פאַרבראַכט עטלעכע שעה, מען פאָרט צום בולוואַר שעפּן פרישע לופט.

אין איינער פון די קאַרעטעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אַהער און אַהין, איז געזעסן צעלייגט, צעוואָרפן אַ יונגערמאַן און לעבן אים אַ פרײַלין.

דערדאָזיקער יונגערמאַן איז אונדזער באַקאַנטער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש. באַלד ווי לאה אין ר. האָט אויפגעהערט צו ווען אים קענען, האָט ער אַ קליינע צייט איבערגעחזרט אויף רוסיש:

— טשאָרט פאָבערי, זי איז פאָרט טשערטאָוווסקא שיין! עס טוט מיר זייער לייד, טשאָרט פאָבערי, כאָטש מיינע חברים זאָלן זי געווען זען און וויסן, ווער עס האָט מיך ליב געהאַט, אָט וואָלטן זיי מיך מקנא געווען.

אַזוי האָט, נעבעך, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש געטרויערט נאָך לאהן אַ קליינע צייט, ביז זיין פאָטער האָט זיך דערוווּסט, אַז די פאָדראַדן אין ר—ער אויעזד קענען זיך פירן אָן אים און ער מאַכט גאָר אומזיסט אָן גרויסע הוצאות, און האָט אים אָפּגערופן קיין אדעס. אגב, האָט ער געוואָלט טאָן מיט אים אַ גרויסן שידוך.

און באַלד ווי ער איז געקומען, איז ער טאַקע געוואָרן אַ חתן פאַר אַ כלה מיט אַ סך טויזנטער, מיט פערד, מיט קאַרעטעס, מיט מתנות, מיט אַלעם גוטן.

זי האָט אויך נישט שלעכט געשפּילט פּיאַנאָ. מיט איין וואָרט, אַלץ אויפן בעסטן אופן, נאָר די כּלה איז געווען זייער נישט שיין, כאָטש מען זאָגט, אַז צוריק מיט אַ יאָר פּונקט איז זי געווען נישט מיאוס.

נאָר ווייל אירע עלטערן זענען זייער רייך געווען, האָט זי געזוכט דעם בן מלך פאַר אַ חתן. דער בן מלך האָט אָבער גענומען ביי דער ענגלישער מלכּה אַ טאָכטער. אַזוי האָט זי געקליבן ביז זי איז געוואָרן איבער דרייסיק יאָר.

און ווען זי האָט שוין געזען גרינע קישעלעך אונטער די אויגן, ווען אַלע אָדערן האָבן זיך אָנגעהייבן אַרויסזען און פון די אויגן האָט אָנגעהייבן אַ ביסל רינען. און פון דעם פּנים האָבן אָנגעהייבן אַלעמאָל אָפּפאַלן שטיקערווייז שטוקאַטור, האָט זי זיך מיט אירע טויזנטער באַשלאָסן צו נעמען עפּעס ווינציקער פון אַ בן מלך, און איז אַ כּלה געוואָרן פאַר פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן. אַלע, אַפילו זיינע אייגענע עלטערן, האָבן זיך געוווּנדערט, וויאַזוי איז זי אים געפעלן געוואָרן.

אָבער ער האָט געזאָגט, אַז זי געפעלט אים. ער האָט געזאָגט, אַז אין פּרויען געפעלן אים קיינמאָל נישט די אויגן מיט דער נאָז. ער שעצט אין די פּרויען נאָר זייער געמיט, זייער גוטסקייט, זייער גלייכן בליק אויף אַלע זאַכן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און דאָס אַלץ און נאָך האָט ער געפונען אין זיין כּלה.

און כּדי ער זאָל זיך פאַר זיך אַליין נישט שעמען מיט אַזאַ געפעלעניש, האָט ער שוין לאַנג געזאָגט:

„באַ, באַ, פאַר געלט קריגט מען אַלץ. שוואַרצע גרויסע אויגן, דינע טאַליעס, זיידענע ליפּן, ראָזע בעקעלעך, גאָלדענע האָר, קליינע געשיקטע שיכעלעך און געטאָקטע הענטלעך... געפינט מען זיי נישט ביי לאהן, געפינט מען זיי ביי זשעניען, מאַניען".

איצט איז ער געזעסן אין עקיפּאַזשל מיט זיין כּלה. זי איז געקומען אַהער צו גאַסט. באַלד דאַרף זיין די חתונה.

די גאַנצע פאַמיליע דובאָווסקי איז היינטיקן אָוונט געפאָרן אין רוסישן טעאַטער; די עלטערן זענען גלייך פון טעאַטער געפאָרן אַהיים, און די כּלה האָט געזאָגט, אַז עס דושעט זי פון דער שווערער לופט אין דער לאָזשע; זי וויל כאַפּן פרישע לופט. און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט דעם קוטשער: „צום בולוואַר"!

זיי האָבן איצט געהאַלטן אינמיטן שמועס. זי האָט דערציילט פון אידע יונגע יאָרן און ער פון זיינע.

— און דו זאָגסט, אַז דו ביזט קיינמאָל נישט געווען פאַרליבט? — האָט זי אים נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— ניין, אין אדעס האָב איך נישט באַגעגנט אַזוינע, וואָס איך זאָל קענען אין זיי זיך פאַרליבן.

— דו האָסט אויך אויסגערייזט כמעט די גאַנצע פּראָווינץ, — נו, האָסטו קיינמאָל נישט באַגעגנט אַזאַ פּאַרשוין, דו זאָלסט זיך קענען פאַרליבן?

— יאָ, פּראָווינץ! דו האָסט מיך גראַד דערמאַנט. שטעל זיך פאָר, אַז אין דער פּראָווינץ האָב איך גראַדע געזען אַ שיין מיידל. איך האָב נישט דערוואַרט...

— נו, וואָס-זשע, האָסטו זיך אין איר פאַרליבט?

— איך פאַרשטיי נישט, וויאַזוי האָב איך זיך געקענט פאַרליבן?

— זי איז דאָך געווען שיין, זאָגסטו?

— יאָ, נאָר פּאָרט אַ פּראָווינצערין...

גראַדע דער שמועס איז אים נישט געפעלן. ער האָט נישט פאַר-שטאַנען, צוואָס און וויאַזוי זענען זיי אַרויפגעקומען אויף דעם שמועס, כאָטש זיין כלה האָט דערמיט גאָרנישט געמיינט, נאָר ווי מען זאָגט: „אויף דעם גנב ברענט דאָס היטל". אים האָט דער שמועס געבראַכט צו טרויעריקע געדאַנקען, און איז באַלד, ווי דער שטייגער איז, איבערגעגאַנגען אויפן וועטער.

— קוק נאָר אויפן ים, עס איז פּראָסט אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף אים אין דער טונקעלער נאַכט.

— איך האָב נאָך אַזאַ שיינעם אויסזיכט אין מיין לעבן נישט געזען, — האָט זי געזאָגט. — ביי טאָג איז דער ים נישט געווען אַזוי שיין ווי איצט, אין דער לויטערער זומער-נאַכט.

אין דער צייט האָבן זיי פּלוצלונג נישט ווייט פון זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי פון אַ פרוי. צוויי אָפּגעריסענע זשוליקעס האָבן זי געשלעפּט און זי האָט געשריען אויף יידיש:

— ראַטעוועט מיך!

עס איז צוגעלאָפן אַ פּאָליציאַנט און די צוויי חברה-לייט זענען אַנטלאָפן.

זי איז קוים געשטאַנען אויף די פיס און האָט דערציילט, אַז

זיי האָבן זיך אָנגעהייבן טשעפּען צו איר און ווען זי האָט געוואָלט אוועקגיין פון זיי, זענען זיי איר נאָכגעלאָפן און אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פון האַלדז.

— און וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? — האָט זי געפרעגט דער פּאַליציאַנט.

זי האָט נישט געענטפערט. פאַר שוואַכקייט האָט זי זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— זי האָט זיך אָנגעשיכורט און זי שרייט נאָך! — האָבן זיך אָנגערופן אייניקע, וואָס זענען געשטאַנען דערביי.

— עס איז שוין צייט, מיין לעבן, צו פאָרן אַהיים, — האָט פּיאָדאָר איוואַנאָוויטש געזאָגט דער כּלה.

— וואָס ביזטו אַזוי בלייך געוואָרן? — האָט זי אים געפרעגט.

עס איז נישטאָ קיין ווערטער, מיט וועלכע איך זאָל קענען איבערגעבן לאהס יסורים. זי האָט זיך אָפּגעמוטשעט אין די גאַסן די גאַנצע נאַכט. זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע, ווי איינער, וואָס ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ גרויסן וואַלד און געפינט נישט פאַר זיך קיין שום אויסגאַנג. ער הערט אַלעמאָל דאָס שרעקלעכע רעווען, ריטשען פון ווילדע חיות און דאַרף זיך באַהאַלטן פאַר זייער יעדן שאָרך.

יעדער טריט, יעדער קלאַפּ, יעדעס קול, וואָס זי האָט געהערט פונדערווייטנס, פון יעדער דראָזשקע, וואָס האָט ערגעץ געקלאַפּט מיט די רעדער, האָט זי אַריינגעוואָרפן אין גרויס שרעק.

— בין איך דען אין אַ וואַלד, וואָס איך שרעק זיך אַזוי פאַר יעדן שאָרך, — האָט זי אָנגעהייבן רעדן מיט זיך, זיצנדיק אויף אַ שטיינערדיקער באַנק ערגעץ אין אַ קליין געסל לעבן אַ גרויסן מויער.— איך בין דאָך אין אַ שטאָט מיט אַזויפיל מענטשן... פאַרוואָס-זשע

האָב איך פאַר זיי מורא... זיי זענען דען וועלף, ווילדע חיות? פאַר וועמען־זשע ציטער איך אַזוי?..

ווי זי האָט זיך די נאַכט אויסבאַהאַלטן, עס זאָל זי קיינער נישט זען, האָט עס איר דאָך נישט געהאָלפן. פיל מאַנסלייט האָבן זי באַגעגנט. אייניקע זענען געווען זייער שיין אָנגעטאָן, מיט פרייליכע פנימער.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי זענען רייך און עס איז זיי גוט אויפן האַרצן. זיי זענען געגאַנגען פון טעאַטער, פון קלוב, אָדער פון זייערע פאַרשפּעטיקטע געשעפטן.

זייער ווייניק פון זיי האָבן זי נישט באַמערקט און זענען זיך געגאַנגען ווייטער זייער וועג. דאָס רוב אָבער האָט מען זי אָפּגע־שטעלט, ווער מיט גוטע רייד, ווער מיט אַ פריינטלעך פנים און ווער מיט גראָבע ווערטער און מיט חוצפּה.

ווי איינער, וואָס ווערט באַפאַלן פון אַ מחנה הונט און דרייט זיך ווי עס איז אַרויס פון זיי, אַזוי האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון די נמאסדיקע און נישט אָפּטרעטנדיקע מאַנסביל. זי האָט זיך גע־ראַנגלט, ווי ווייט זי האָט געקענט.

אַזוי האָט זי איבערגעלעבט אַ ביטערע נאַכט ביז עס איז טאָג געוואָרן.

איצט האָט זי זיך געקענט אַרומקוקן און באַטראַכטן ווו זי איז, וואָס זי זאָל טאָן, וווּהין זאָל זי גיין. עס איז איר אויך אויפ־געקומען אויף די געדאַנקען וויאַזוי און איבער וואָס זי האָט באַ־דאַרפט אַוועקוואַרפן איר היים, און ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס אין דער פרעמדער שטאָט איז זי אַזוי אומגליקלעך, אַז זי זאָל דאַרפן אַזאַ ביטערע נאַכט פאַרברענגען; אַלע מענטשן, סיי רייכע און סיי אָרעמע, גליקלעכע און אומגליקלעכע האָבן די נאַכט גערוט. דער — פון פאַרגעניגן און דער — פון צרות, נאָר זי, די אומגליקלעכע, האָט באַדאַרפט זיך מוטשען אַ גאַנצע נאַכט אויף דער גאַס, אויף גאָטס האַרטער ערד, אויף האַרטן שטיין, ווי אַן עלנטער גאַסנהונט.

פון אַ סך, אַ סך האָט זי געטראַכט: פון פּיאַדאָרן, פון דעם גוטן פאַרשוין, וואָס האָט רחמנות באַקומען אויף איר און פון די אַלע מאַנסביל, וואָס האָבן זי באַגעגנט ביינאַכט.

און זי האָט זיך ביטער צעוויינט אין העלן טאָג אַריין.

רלעך איז שווערלעך.

אויף דער „יידישער גאַס”, אָדער ווי די אדעסער איינוווינער רופן זי: „די שול-גאַס” אין אַ קעלער פון אַן „איינפאָרהויף” וווינט אַן אַלטע יידענע, וואָס הייסט „די פליישיקע”. אונטער דעמדאָזיקן נאָמען קען זי כמעט גאַנץ אדעס, איך מיין, אַלע אדעסער באַלע-באָסטעס, וואָס האָבן ליב אַלעמאָל צו בייטן זייערע דינסטן.

צעקריגט זיך אַ באַלעבאָסטע מיט דער דינסט, שיקט מען נאָך „דער פליישיקער”. יענע נעמט באַלד צו די שלעכטע דינסט און ברענגט אַ נייע.

באַמערקט די באַלעבאָסטע, אַז דער באַלעבאָס, אָדער דער איידעם, אָדער דער זון מאַכן בגנבה אייגעלעך צו דער יונגער שיינער דינסט, שיקט זי די באַלעבאָסטע צו „דער פליישיקער” און יענע נעמט ווידער צו די יונגע, די שיינע און גיט אַן אַלטע און אַ מיאוסע, אָדער אַ יונגן שלאַק...

ווען דער באַלעבאָס זאָגט אָבער, אַז ער מיאוסט זיך צו עסן פון אַזאַ שלאַק אַ קעכין, שיקט מען ווידעראַמאָל נאָך דער „פליי-שיקער” און אַזוי ווייטער און ווייטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די „פליישיקע” איז געווען זייער צו-פרידן פון אַלעמאָל איבערבייטן די דינסטן, וואָרים יעדעס מאָל האָט זי באַקומען נייע מעקלעריי פון ביידע צדדים.

זי פלעגט ביי זיך אינדערהיים, צווישן היימישע מענטשן, אָפט איבעררעדן וועגן דעם.

— איך פאַרשטיי אייגנטלעך נישט, — פלעגט זי זאָגן, — וואָס האָבן די באַלעבאָסטעס אַלעמאָל צו בייטן די דינסטן? בייטן זיי דען אויס אויף בעסער? ביי מיר אין די אויגן, דאַכט זיך, זענען אַלע דינסטן גלייך. אַלע איין שוואַרץ יאָר, אַלע פון איין בויגן פאַפיר געשוירן. ברייַנע די באַלעבאָסטע האָט ערשט נעכטן איבערגעביטן די דינסט דערפאַר, ווייל ווען זי שיקט זי עפּעס קויפן, מוז זי זיך אַראָפּנעמען צוויי גראָשן, און האָט צוגענומען אַ נייע, אַן ערלעכע,

וואָס וועט מסתמא אויך אַראָפּנעמען. די באַלעבאָסטע זאָגט אָפּ, ווייל איר דינסט איז צו שיין, יענע, ווייל איר דינסט איז צו מיאוס. נאַרישקייטן און מער נישט! וואָס האָט מען צו בייטן דינסטן?

נישט אַנדערש האָט די „פליישיקע" געטראַכט, אַז דאָס, וואָס די באַלעבאָסטעס בייטן די דינסטן, איז אַ גאָט-זאַך. גאָט ווייסט, אַז די „פליישיקע" איז אויך אַ יידענע, וואָס דאַרף האָבן פּרנסה, מאַכט גאָט, אַז יעדע באַלעבאָסטע זאָל איבערבייטן די דינסט, און מען זאָל שיקן נאָך דער „פליישיקער".

פאַרוואָס מען האָט די מעקלערין גערופן „פליישיקע", האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָר אַלטע באַלעבאָסטעס פלעגן דערציילן, אַז דאָס איז דעריבער, וואָס אין דער יוגנט האָט זי פאַרמאָגט צוויי האַלענדישע קי און פלעגט פאַרקויפן מילכיקס אין די גרעסטע הייזער.

מער זיך באַקענען מיט דער „פליישיקער" איז אונדז נישט נייטיק, עס זענען גענוג די עטלעכע ווערטער וועגן איר, כּדי די לעזער זאָלן וויסן, אַז אונדזער אומגליקלעכע לאה, וואָס האָט זיך אָפּגעמוטשעט די שרעקלעכע נאַכט, געפינט זיך איצט ביי דער „פליישיקער" אין קעלער מיט די נידעריקע פענסטער.

נאָכדעם, ווי לאה האָט פיל געטראַכט, ווו זי זאָל גיין און וואָס זי זאָל טאָן אָן געלט, איז איר ענדלעך איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, זי זאָל פרעגן, ווו עס וווינט אַ מעקלערקע פון דינסטן און מען האָט איר באַלד אָנגעוויזן אויף דער „פליישיקער".

די „פליישיקע" פלעגט כּמעט קיינעם נישט אָפּזאָגן. זי פלעגט נאָר זאָגן, אַז מען דאַרף אַ ביסל צוּוואַרטן. אַ באַלעבאָסטע וועט מסתמא אָפּזאָגן די אַלטע דינסט, וועט זי דאַרפן אַ נייע.

— איך קען אָבער נישט וואַרטן! — האָט לאה געזאָגט דעם אמת.

— אַז איר האָט קיין צייט נישט צו וואַרטן, וואָס-זשע זענט איר געקומען צו מיר זוכן אַ שטעלע?

— נישט איך האָב קיין צייט נישט, נאָר איך בין נישט בכוח צו וואַרטן... איך האָב נישט אַ גראָשן געלט. איך האָב נישט אויף הוצאות ביז צו דער צייט, וואָס עס וועט זיך מאַכן אַ שטעלע.

נו, דאָס איז קיין אומגליק נישט, איר זענט נישט די ערשטע און נישט איינע ביי מיר. איר קענט דערווייל זיין ביי מיר מיט עסן, מיט טרינקען, מיט אַלעם, און דערנאָך, ווען גאָט וועט באַשערן די

שטעלע, וועט איר ביי דער באַלעבאָסטע נעמען אויף פריער עטלעכע רובל און וועט מיר באַצאָלן.

לאה האָט זיך, נאַטירלעך, געשעצט פאַר גליקלעך, וואָס גאָט האָט איר באַשערט די „פליישיקע" יידענע, און איז דאָרטן געבליבן וואַרטן ביז צו דער גוטער צייט.

ווי לאה האָט זיך דערפרעגט ביי די איבעריקע דינסטן, וואָס האָבן דאָ אויך געוואַרט אויף שטעלעס, איז פון תמיד אָן אַזוי געווען איינגעפירט ביי דער „פליישיקער", אַז די וואָס זענען געקומען בעטן ביי איר אַ שטעלע, האָבן געמוזט וווינען און עסן ביי איר, דערפון האָט זי כמעט געהאַט די האַלבע פרנסה; די, וואָס האָבן געהאַט געלט, האָבן איר געצאָלט און די, וואָס האָבן נישט געהאַט, האָבן גענומען אויף באָרג.

דערפאַר אָבער די, וואָס האָבן זיך שוין געפונען ביי דער „פליישיקער" אין שטוב, זענען שוין געווען פאַרזיכערט, אַז היינט-מאָרגן וועלן זיי באַקומען אַ שטעלע, מען דאַרף נאָר צוואַרטן.

לאהן האָט זי אַריינגענומען אין שטוב מיט פאַרגעניגן דערפאַר, ווייל זי האָט געזען, אַז לאה וועט באַקומען גיך אַ שטעלע און זי וועט באַקומען איר מעקלערייי. פון איר פראַקטיק האָט זי געוווסט, אַז יונגע, בפרט נאָך שיינע מיידלעך, נעמט מען גיכער צו אויף אַ שטעלע.

די „פליישיקע" האָט זיך געוווּנדערט, ווי קומט עס, אַז אַזאַ שיין מיידל, ווי לאה איז, זאָל זיין אַ דינסט, עס פאַסט איר גאָר צו זיין א באַלעבאַטיש קינד.

עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, און לאה האָט באַקומען אַ שטעלע; נאָר עס האָט אויך לאַנג נישט געדויערט, און זי איז געקומען צוריק צו דער „פליישיקער".

— פאַרוואָס ביזטו געקומען צוריק? — האָט די „פליישיקע" געפרעגט.

— איך קען דאָרט נישט זיין, — האָט לאה געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

— מען האָט דיך אָפּגעזאָגט?

— יאָ, מען האָט מיך אָפּגעזאָגט, — האָט לאה געענטפערט.

נאָר ווי פאַרוווּנדערט איז די מעקלערין געוואָרן, אַז ווען זי איז געקומען צו לאהס באַלעבאָסטע, האָט מען זי באַגעגנט מיט די-דאָזיקע ווערטער:

— אָט דאָס מיידל, וואָס איר האָט צו מיר אַריינגעגעבן, פאַר־שטיי איך גאָרנישט. עס איז איר, דאַכט זיך, דאָ גוט געווען, מיר זענען דאָ אַלע אין שטוב זייער צופרידן געווען פון איר. מיין מאַן און אַלע קינדער קענען זיך גאָרנישט אָפּקויבן פון איר. זי טוט אַלץ גיך און ריין, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן. זי וואָלט געקענט זיין ביי מיר שטענדיק מיט אַלעם בעסטן, נאָר פּלוצלונג קומט זי אַריין און זאָגט זיך אָפּ, פאַרוואָס, פאַרוואָס, ווייסט קיינער נישט... נאָר פאַרשטייט זיך, איך קען יענעם נישם נייטן... איך האָב איר געמוזט באַצאָלן און זי איז אַוועקגעגאַנגען. עס טוט מיר זייער באַנג, איך קען אייך גאָרנישט זאָגן, איר ווייסט דאָך, ווי שווער עס איז, איידער גאָט באַשערט אַ לייטישע דינסט. איר זאָלט מיר כאָטש איצט קריגן אַ נייע, נאָר עפּעס אַ לייטישע, וואָס זאָל זיך מער האַלטן. וואָרים לאהן בין איך עפּעס חושד, אַז עס שטייט איר שוין, אַפּנים, נישט אָן צו דינען... אַזוי זענען די פּוילישע דינסטמיידלעך. קומען זיי נאָר קיין אדעס און באַקענען זיך מיט יונגעלייט, ווילן זיי שוין נישט אַרבעטן.

די „פלייש׳יקע״ האָט אויך אַזוי גערעכנט, נאָר זי איז אָבער נאָכמער פאַרווונדערט געוואָרן, ווען לאה האָט ביי איר געבעטן, זי זאָל איר אויסגעפונען אַ נייע שטעלע.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון דער פריערדיקער באַלע־באָסטע? דאַכט זיך, דו ביזט איר אַזוי געפעלן, דיר וואָלט געקענט זיין דאָרט שטענדיק גוט. אפשר איז דיר די באַלעבאָסטע נישט גע־פעלן? דאַכט זיך, אַז זי איז זייער אַ גוטע.

— איך האָב צו דער באַלעבאָסטע גאָרנישט, זי איז זייער אַ גוטע פרוי, נאָר איך וויל דאָרט נישט זיין; וואָס האָט איר מיך צו פרעגן? מסתמא געפעלט מיר נישט דאָרט צו דינען.

* * *

די „פלייש׳יקע״ האָט פאַר איר געפונען אַ נייע שטעלע, אָבער ווייטער נישט אויף לאַנג; אין עטלעכע טעג אַרום איז לאה ווייטער

געקומען צוריק, און ווי די „פליישיקע" האָט זיך נאָכדעם דערוווסט, האָט זיך לאה צום צווייטן מאָל אַליין אָפּגעזאָגט.

די צווייטע באַלעבאָסטע אירע איז אויך זייער געווען צופרידן פון איר און האָט זיך גאָר געוווּנדערט, פאַרוואָס לאה וויל נישט דינען ביי איר.

די „פליישיקע" האָט נאָר געצויגן מיט די פּלייצעס און נישט פאַרשטאַנען דאָס משוגענע מיידל, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. וואָס זי האָט נישט גערעדט מיט איר, למאי זאָגט זי זיך אָפּ, האָט איר לאה דערויף גאָרנישט געענטפערט, חוץ איר אַלטן ענטפער:

— איך וויל נישט, איך קען דאָרט נישט דינען.

לאה איז ווייטער געבליבן זיצן ביי דער מעקלערין אין שטוב; אַ טאָג און טאָג און לאה האָט זיך באַטראַכט, אַז אַזוי זיצן איז קיין תכלית נישט. זי פאַרבאָרגט זיך און פאַרשולדיקט זיך וואָס אַ מאָל מער און מער.

די מעקלערין האָט אויך דערויף זיך אָנגעהייבן צו קרימען. לאה האָט געזען, אַז ס'איז איר שלעכט איבערן האַלדז; איז זי צוגעטרעטן צו דער „פליישיקער", זי זאָל געפינען פאַר איר נאָכאַמאָל אַ שטעלע.

— נו, וואָס וועט זיין, אַז איך וועל געפונען, אַז איר האַלט זיך נישט איין אויף קיין אָרט? אַזוינע דינסטן זאָל מען נעמען פון מיין שטוב, האָב איך פיינט, וואָס וועט יענער דערנאָך זאָגן אויף מיר, אַז איך האָב קיין לייטישע דינסטן נישט צו געבן; ניין, איך וויל, אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן, וואָס איר האָט זיך אָנגעבאָרגט ביי מיר און זיך אַוועקגיין פון מיר געזונטערהייט. איך בין דאָ נישט איינע, אין אָדעס זענען דאָ מעקלערינס גענוג.

— איך בעט אייך אָבער, איר זאָלט נאָך איצטיקן מאָל געפינען פאַר מיר אַ שטעלע; איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל זי שוין האַלטן, עס מעג מיר שוין אפילו נישט געפעלן. קיין בזיונות האָט איר, דאַכט זיך, פון מיר נישט געהאַט. נישט יענער האָט מיר אָפּגעזאָגט, נאָר איך אַליין; איצט אָבער זאָג איך אייך צו, אַז איך וועל זיך שוין האַלטן; איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעליטן, מיר איז זייער שלעכט... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז איך האָב זיך נאָר אומזיסט געזעצט אויף אייער קאָפּ. איר זענט אַליין אַן אָרעמע יידענע, וואָס האָב איך ביי אייך זיך אָנצובאָרגן? איר טוט פון מיינעטוועגן אַזוי אויך צופיל, וואָס איך בין אייך גאָרנישט בכּוח אָפּצודאַנקען. געפינט נאָר פאַר מיר אַ

שטעלע, ווי איך זאָל קענען נעמען פאַך אַ חודש געלט פריער, וועל איך אייך באַצאָלן מיט גרויס דאַנק. איך וועל זיך שוין איצט האַלטן אויף דער שטעלע, עס מעג זיין, וואָס עס זאָל זיין, איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו בידעווען...

— נו, אויב אַזוי, פאַרוואָס נישט... הלואי וואָלט איר זיך פריער אַזוי באַטראַכט, וואָלט גלייכער געווען. איך וואָלט געווען צופרידן און אייך וואָלט שטענדיק גוט געווען... און אַזוי וואָס? איר קענט נאָך באַקומען אַ נאָמען, אַז איר קענט זיך אויף קיין אָרט נישט איינהאַלטן. ווערט אייך קיין שום באַלעבאָסטע נישט ווען צונעמען. זאָלט איר זיך טאַקע זען גוט באַטראַכטן, איר זאָלט נישט דאַרפן נאָכאַמאָל קומען צו מיר. איך וועל שוין זען זוכן פאַר אייך אַ שטעלע; באַלעבאָסטעס זענען דאָ געגנוג, בפרט נאָך, אַז ביי וועמען איר זענט געווען, איז מען מיט אייך צופרידן געווען. פאַרוואָס־זשע נישט?

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז שוין לאה ווייטער געווען אויף אַ נייער שטעלע. זי האָט גענומען פאַר אַ חודש געלט פריער און האָט זיך מיט דער „פליישיקער" זייער אָרענטלעך אָפגערעכנט און באַצאָלט פאַר אַלץ, וואָס זי האָט אָנגעבאָרגט און אויך פאַר מעקלעריי.

לאה האָט זיך גענומען זייער פלייסיק צו דער אַרבעט. אַלץ אין שטוב האָט זי אָפגעטאָן גיך, ריין און שטיל; די באַלעבאָסטע, דער באַלעבאָס און אַלע אין שטוב האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון איר. זיי האָבן זיך גאָר געוווּנדערט, וואָס אין איר ליגט נישט דאָס אַלץ, וואָס מען זעט ביי אַנדערע דינסטן. איר שטילקייט, איר פיינקייט האָט יעדער באַמערקט אין שטוב.

אין אָנהייב איז לאה געווען צופרידן פון דער שטעלע, נאָר וואָס ווייטער און ווייטער איז זי אַלץ מער אַריינגעפאַלן אין אומעט. דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרכמאַרעט און קיינעם נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן, פונקט ווי אַ גנב.

די יעניקע אין שטוב, וועלכע האָבן נישט געוווּסט די סיבה פון איר אומעט, האָבן זיך נאָר געוווּנדערט און געשאָקלט מיט די קעפּ.

די באַלעבאָסטע אַליין האָט איר נישט איינמאָל באַמערקט:

— דאַכט זיך, לאה, אַז ביי מיר איז דיר נישט שלעכט צו דינען. וואָס־זשע גייסטו אַרום אַזוי שטענדיק פאַרקלאָגט, גלייך ווי דיר איז ביי מיר שלעכט?

ניין, באַלעבאָסטע, גלאַט אַזוי... — האָט זי געענטפערט, אַבי מען זאָל זי מער נישט פרעגן.

איינמאָל ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין אין שטוב געשלאָפן, נאָר די קעכין האָט נאָך איבערגעוואַשן דאָס געפעס, האָט זי פלוצלונג דערהערט, ווי לאה וויינט ביטער אויף איר געלעגער. די קעכין איז צוגעגאַנגען צו איר און זי געפרעגט, נאָר לאה האָט זיך נאָך טיפער איינגעגראָבן אין קישן און האָט געכליפעט, ווי אַ קליין קינד.

טאַקע אין דעם ציך האָט זיך לאה אויסגעווישט די אויגן און זיך געזעצט אויפן בעט. די קעכין האָט מיט אַ טרויעריקן פנים זיך אויך געזעצט לעבן איר און זי געבעטן, זי זאָל איר זאָגן די סיבה פון איר וויינען.

— אינגאַנצן, אינגאַנצן וועל איך אייך דערציילן. איך ווייס אַליין נישט וואָס צו טאָן. וואָס זאָל איך טאָן? וווהין זאָל איך גיין?

— וווּ גיין? וואָס גיין? וואָס רעדט איר לאה? ווער טרייבט אייך דען? — האָט די קעכין געזאָגט, ווי דערשראָקן.

לאה האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל קיין האַלב וואָרט נישט גערעדט מיט דער קעכין וועגן דעם; זי האָט אַרומגע-כאַפט די קעכין.

— ליבע חוה, מיר דינען אינאיינעם ביי איין באַלעבאָסטע, מיר זענען, דאַכט זיך, גוטע פריינט... איך וועל אייך אַלץ דערציילן, ווי אַן אייגענער שוועסטער. איך בין אַזוי אומגליקלעך, אַז איך האָב קיינעם נישט פאַר וועמען אַ וואָרט צו רעדן, זיך כאָטש אויסרעדן דאָס האַרץ.

חוה האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך מכין געווען צו הערן. לאה האָט אָנגעהייבן צו דערציילן:

— וואָס זאָל איך טאָן? מיר וועט נאָר אויסקומען זיך אין וואַסער צו וואַרפן. עס איז נאָך נישט לאַנג, ווי איך בין געקומען אַהער, און בין שוין אויף דער דריטער שטעלע און דאָ וועל איך ווייטער מוזן אָפזאָגן.

— וואָס? אָט אַ נייס! פאַרוואָס דאַרפט איר זיך אָפזאָגן? דאַכט זיך, די באַלעבאָסטע און מיר אַלע זענען מיט אייך זייער צופרידן.

— די ערשטע צוויי באַלעבאָסטעס זענען אויך געווען מיט מיר צופרידן, פונדעסטוועגן האָב איך זיך געמוזט אָפזאָגן.

איז טאַקע אַ גרויסע נאַרישקייט: דאָרט, ווו מען איז צופרידן, דאַרף מען זיך האַלטן מיט דער שטעלע.

— וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טאָן? וויאַזוי האָב איך דאָרט געקענט בלייבן? אויף דער ערשטער שטעלע האָט זיך צו מיר געטשעפעט דער באַלעבאָס, אויף דער צווייטער דער זון און אַזוי גראָב, אַז איך האָב קיין טריט נישט געקאָנט איבערטרעטן, פראָסט די גאַל איז מיר איבערגעגאַנגען פון זיין גראָבקייט, און איצט... איצט דאָ, לאָזט מיך ווייטער דער באַלעבאָס נישט לעבן. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז ער באַגייט זיך גלאַט אַזוי מיט מיר פריינטלעך, נאָר דערנאָך, וואָס ווייטער און ווייטער, באַגייט ער זיך מיט מיר גרעבער, אַז איך קען שוין מער נישט איבערטראָגן און איבערליידן. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך וואָלט שוין מיט אַ וואָך פריער אַוועקגעגאַנגען פונדאַנען, נאָר וווהין זאָל איך גיין? איך שעם זיך שוין פשוט קומען צו „דער פליישיקער"... ווער ווייסט צי זי וועט מיך שוין גאָר אין שטוב אַריינלאָזן און ווו אַהין־זשע האָב איך דען צו גיין, אַז נישט צו „דער פליישיקער?" עס איז פראָסט אַן אומגליק אויף מיר. דינסטן דינען אָפּ יאָרנווייז אויף שטעלן און עס איז גאָרנישט, נאָר איך, איך, אומגליקלעכע!..

— איך פאַרשטיי אייך נישט לאה. מיט וואָס זענט איר דען אַזוי אומגליקלעך?

— וואָס? מיט וואָס? איך דערציי דאָך אייך. ער טרעט צו מיר צו מיט אַזוינע זאַכן, אַז עס איז מיר אוממעגלעך צו הערן. עס איז זיך גאָרנישט אָפּצעטשעפען פון אים, און איר פרעגט נאָך, מיט וואָס איך בין אומגליקלעך? אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ גליק!...

— אויף מיינע פריינט געזאָגט געוואָרן, פאַרוואָס די שונאים? לאָזן זיי דאָס אויך נישט האָבן... — האָט זיך חוה פּלוצלונג צעלאַכט.— אויך מיר אַן אומגליק — מען געפעלט דעם באַלעבאָס, זיין זון, וואָס דען? ע! אַפּנים, איר, לאה, זענט נאָך גאָר אַ פּויליש מיידל און ווייסט נאָך גאָרנישט ווי מען באַגייט זיך מיט די לייט מען דאַרף האָבן שכל, ווי מיט די גרויסע הערשאַפטן זיך צו באַגיין! פרעגט ביי מיר, איך בין נאָך אויך נישט קיין אַלטע יידענע. איך בין אַ ווייבל פון אַכט און דרייסיק יאָר, איך דין שוין פון אַ יאָר אַכצן.

זינט איך האָב זיך געגט מיט מיין שלאָק, און בין געגאַנגען דינען, פון דעמאָלט אָן — אָ! אָ!...

לאה האָט איר געקוקט גלייך אין מויל, פונקט ווי דער תלמיד הערט אויס דאָס ערשטע מאָל פון זיין רבין, ווי מען פירט זיך אין חדר. זי האָט באמת געמיינט, אַז זי איז נאָך אַ פוילישׁ מיידל, וואָס ווייסט אַפילו נישט ווי זיך אויפצופירן מיט אַזוינע לייט און האָט דערוואַרט, אַז חוה וועט איר דאָ עפענען דעם מוח, זי וועט זי אויסלערנען.

— יאָ, אמת... איך בין טאַקע נישט לאַנג אין אדעס און ווייס טאַקע נאָך נישט, ווי מען פירט זיך דאָ... — האָט לאה געזאָגט אָן חכמות גאַנץ ערנסט.

— ניין, שוועסטער לעב, יעדע זאַך אויסלערנען קאָסט געלט מיט מי. איך, ווען איך בין נאָך נאַריש געווען, האָב איך אויך אַזוי געהאַנדלט. אַז אַ מאַנסביל האָט מיך אָנגערירט, בין איך דריי מאָל רויט געוואָרן און זיך אַזוי פאַרשעמט, אַז איך האָב מיין פנים נישט געוווּסט ווו צו באַהאַלטן, נישט געוווּסט, ווו צו אַנטלויפן פאַר בזיון. דאָס האַרץ פלעגט זיך מיר אַזוי שרעקן און אַזוי קלאַפּן, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין ביידע וועלטן אָנגעווווירן.

— טאַקע אַזוי... נו, און היינט? האָט זיך לאה דערפרייט, וואָס די קעכין פילט אַזוי איר האַרץ.

— היינט, פרעגט איר? כאַ, כאַ! היינט איז גאָרנישט. היינט בין איך שוין קלוגער. היינט האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט. איך וויל שוין אַפילו קיין ליבעס נישט פירן...

— וואָס הייסט קיין ליבעס נישט פירן? איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט.

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? איידער איך בין אַ ביסל קלוגער געוואָרן און זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאַר מאַנסביל, פאַר יונגעלייט. ווען איך האָב געזען, אַז איינער פון מיין באַלעבאָסטעס קינדער טשעפּעט זיך צו מיר, האָב איך געמיינט נישט אַנדערש, אַז זיי זענען, נאָר אין מיר פאַרליבט; פאַרשטייט זיך, אַז איך, נאַרישע האָב זיך געפרייט דערמיט. איך האָב זיך נאָר געטראַכט: טרעפט זיך דען נישט אויף דער וועלט, אַז אַ גביריש באַלעבאַטיש קינד זאָל זיך פאַרליבן אין אַן אָרעם דינסטמיידל? און איך האָב געגלייבט אין דעם און זיך איבערגעגעבן מיט אַלעמען, נאָר דערנאָך, אַז איך האָב

געזען, ווי זיי האָבן מיך אויפגעהערט צו דערקענען, ווי זיי האָבן זיך נאָר באַנוצט מיט מיין נאַרישקייט, און אָן שום רחמנות מאַכן זיי אונדז נאָר אומגליקלעך, אַז זייער וואָרט טאָר מען נישט גלייבן. בין איך שוין קלוגער געוואָרן. איז איינער נאָר צו מיר צוגעטרעטן, האָב איך אים געפירט ביי דער נאָז אַ גאַנץ יאָר... קודם ווי ווייט נאָר מעגלעך, אויסגעליידיקט ביי זיי די קעשענעס... פאַרשטייסט?

— גנבענען!..

— וואָס הייסט גנבענען — זיי פלעגן מיר צוביסלעך אליין געבן אַלעמאָל אַן אַנדערע מתּנה... אָ, שוועסטער-לעב, איך האָב אַמאָל מיט זיי געסמאַליעט אַ וועלט, נישט ווי איצט... איצט בין איך נאָר אַ פּראָסטע קעכין... עס זענען שוין נישטאָ די יאָרן, וואָס פריער. הלוואי וואָלט איך נאָך איצט געווען אַזוי יונג און שיין, ווי איר, וואָלט איר געזען, ווי איך וואָלט געלעבט, ווי איך וואָלט זיך באַגאַנגען מיט די לייט. און איר ווייַנט גאָר און קלאָגט! כאַ, כאַ, אַן אומגליק!... נאָר נישקשה, אין אדעס וועט איר געוווינט ווערן, איר וועט זיך אויסלערנען, און דערנאָך וועט איר ערשט זען, וואָס פאַר אַ נאַר איר זענט געווען, ווען איר קענט אויף אַזוינע נאַרישקייטן וויינען... מען דאַרף נאָר האָבן שכל. מען מעג אייך גאָר מקנא זיין, וואָס איר זענט אַזוי יונג און שיין און קענט געפעלן.

לאה האָט מער נישט געענטפערט. די קעכין האָט דערנאָך נאָך געענדיקט דאָס געפעס וואַשן און זיך געלייגט שלאָפן.

לאה האָט די נאַכט גאָרנישט געשלאָפן. דאָס אויסרעדן זיך דאָס האַרץ מיט דער קעכין איז איר פון קאָפּ נישט אַרויס.

— ניין, חוה איז נישט מיין גלייכן, זי איז אַ געבוירענע דינסט. איך קען זיך נישט אַזוי פירן. נאָר מיט איין זאַך איז זי באמת גערעכט: וואָס האָב איך טאַקע אַזוי מורא, ווען דער באַלעבאָס אָדער דעם באַלעבאָס זון רירן מיך אָן און נעמען מיך אַרום, צי זיי גיבן מיר אַ קוש... זיי בייסן מיך דען אָפּ דערמיט? וואָס זאָל מען טאָן? געוויס איז דאָס מיר נישט אנגענעם, איך בין דערצו נישט געוווינט. וואָס-זשע קען איך טאָן? אפשר דאַרף מען זיך טאַקע אַזוי פירן אין די גרויסע שטעט... איך דין דאָך פאָרט ביי יענעם, קען מען דען זיין אַזוי, ווי איך? וויבאַלד עפּעס — אַנטלויף איך און זאָג זיך אָפּ פון דער שטעלע. איז דאָס מעגלעך מיט אַזאַ כאַראַקטער זיך האַלטן אויף אַ שטעלע? און וואָס וועט דער סוף זיין דערפון? איך בין שוין

באלד א חודש אין אדעס און האב נאך נארנישט פארדינט. פאר מיין אומגליקלעך קינד האב איך נאך גארנישט געטראכט. איך בין נאר פארשווארצט געווארן. איך האב זיך נאר אין זינען. וואס בין איך ביי זיך אזא מיוחסת געווארן? ניין, חוה איז טאקע גערעכט. מען טאר אזוי נישט זיין... איך פארשטיי אליין נישט, וואס איך האב אזוי מורא פאר מאנסביל. בין איך דען אזא אונטער-אויוון-מיידל געווען, וואס איך האב נישט געזען פאר זיך קיין מאנסביל? איך ווייס אליין נישט, וואס עס איז געווארן מיט מיר אזוינס איצט...

זי האט זיך א ביסל פארטראכט און דערנאך זיך א כאפ געטאן, ווי גלייך זי האט זיך אין עפעס דערמאנט:

— איך קען נישט אנקוקן די מאנספערזאנען. זיי זענען ערגער פון וועלף... איך האב מורא פאר זיי, איך וועל אנטלויפן פון זיי, ווי פון גזלנים, זיי האבן פארסמט מיין לעבן.

די ווערטער האט זי געזאגט מיט גרויס כעס, און עס איז נישט קיין וואונדער. אזוי איז מיט יעדן מענטשן: ווען מען שרעקט זיך איבער פאר עפעס, שרעקט מען זיך שוין שטענדיק פאר דעם. בפרט נאך אזא יונג מיידל ווי לאה.

פריער פיאדאר איוואנאוויטש, אין וועלכן זי האט אזוי געגלייבט, געהאלטן אים פאר דעם בעסטן מענטשן און ער האט זי אזוי אומגליקלעך געמאכט.

ער האט איר פארסמט דאס גאנצע לעבן.

דערנאך דער אלטער לארבערבלאט, וואס זי האט אים גערעכנט פאר דעם ערלעכסטן מענטשן, האט זי ווידער אומגליקלעך געמאכט: זי האט געמוזט ביינאכט אנטלויפן פון אים.

דערנאך די גאנצע שרעקלעכע נאכט, וואס זי האט איבערגעליטן פמעט פון יעדן, וואס האט זי באגעגנט.

דאס אלץ האט געמאכט אויף איר אזא שרעקלעכן איינדרוק, אז זי פלעגט זיך שרעקן פאר מאנסביל. זי האט אין זיי מער נישט געזען, ווי שווינדלערס, וואס קענען אומגליקלעך מאכן יעדעס ערלעכע מיידל.

זיי ווערן בעלי-צדקות, גוטע מענטשן, באקומען רחמנות, ווילן מיטהעלפן ארעמע, און סוף כל סוף לאזט זיך אויס, אז זייער גוטסקייט און ערלעכקייט, זייער באקומען רחמנות איז נישט פון ריינעם

הארצן, נאר צוליב דעם, כדי גרינגער אריינכאפן די אומגליקלעכע אין זייער נעץ.

ווי לאה האט געהאט די ערגסטע מיינונג וועגן מאנספערזאנען, פונדעסטוועגן האט זי זיך דאך באשלאסן, נישט צו אנטלויפן פון זיי. ווארים אנישט קען מען נישט לעבן צווישן מענטשן, בפרט נאך, אז מען דינט ביי יענעם.

— און ווידער, — האט זי געזאגט, — מאלע, וואס מיר געפעלט נישט, וואס מיר איז נישט ליב... איך דארף טראכטן צו דערציען מיין אומגליקלעך קינד, וואס איך האב עס אומזיסט אנגעהאנגען אויף דעם ארעמען ר׳ זלמינעס פלייצעס, וואס האט אליין נישט פונוואנען צו לעבן. איך טאר נישט טראכטן וועגן זיך. — איך לעב נישט פאר זיך, איך לעב פאר מיין קינד! לאז זיין מיט מיר וואס עס וויל זיך, איך וועל זיך פון דער שטעלע נישט אפזאגן. איך וועל שוין נישט אנטלויפן, ווי א נאר. עס וועט פון מיר גארנישט אפגעביסן ווערן. חוה איז געקומען...

לאה איז ווייטער געבליבן אויף דער שטעלע. אלע זענען ווייטער געווען מיט איר צופרידן און נאכמער איר באלעבאס, ווען ער האט געזען, ווי דאס פוילישע מיידל האט זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאר אים.

* * *

אין א קליינער צייט ארום האט פלוצלונג לאהס באלעבאסטע געשיקט רופן „די פליישיקע“, אז זי זאל באלד און גיך קומען צו איר.

די „פליישיקע“ האט ארויפגעכאפט אויף זיך דעם שאל און דעם גאנצן וועג גייענדיק האט זי נישט אויפגעהערט צו ווארטשען אונטער דער נאז:

— אט א שלאק, אט א צרה. זי קען זיך גאר אויף קיין ארט נישט איינהאלטן. איך האב נאר פון איר צרות. „וואס פאר א מעקלע-

רין בין איך", וועט מען זאָגן, „אָט איך גיב אַ באַלעבאָסטע אַ ווינצ דינסטן?" זי האָט זיך שוין געמוזט ווייטער אָפּזאָגן...

ווען זי האָט איבערגעטרעטן דער באַלעבאָסטעס שוועל, האָט זי באַלד געזאָגט:

— איך ווייס שוין, איך ווייס שוין, מיין ליבע, וואָס איר האָט מיך געשיקט רופן. זי האָט זיך שוין געמוזט ווייטער אָפּזאָגן. אַזאַ שלאַק, אַזאַ צרה, זי קען זיך גאָר אויף קיין אָרט נישט איינהאַלטן. איך ווייס? איך האָב גערעכנט, אַז ביי אייך וועט זי זיך האַלטן. גלייבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק, נאָר אויך מיר אַ דאגה, הונדערט פּאָר איינער! איך וועל אייך געבן צען בעסערע, וואָס קען איך טאָן, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען.

— איך האָב זי אַרויסגעטריבן ווי אַ הונט! נישט זי איז אַוועקגעגאַנגען! — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט מיט גרויס כּעס און אַריינגערופן „די פלײשיקע" אין צימער, ווו קיינער איז נישט געווען.

ערשט דאָ האָט זיך די באַלעבאָסטע אַרויפגעוואָרפן אויף דער אומגליקלעכער „פלײשיקער".

— וואָס איז? איר האָט נישט געוווסט, אַז ביי מיר איז אַן אָרנטלעך הויז און איר האָט מיר געגעבן אַזאַ אויסגעלאַסענע, אַזאַ נידעריקע בריאה... זי זאָל נאָך סמייען האָבן מיט מיין מאַן געשעפטן...

— איך גלייב עס נישט אויף איר. זי איז, דאַכט זיך, אַזאַ שטילע ערלעך מיידל, נאָר וואָס פון אַ קליין שטעטל אָנגעקומען. זי קען, דאַכט זיך, הויך קיין צוויי ווערטער נישט רעדן.

— וואָס דערציילט איר מעשיות! אַזאַ שטילענקע, אַזאַ אָרנטלעכע, אַז איך האָב אַליין געזען — אָט די אייערע שטילינקע זענען שטענדיק אַזוי...

די באַלעבאָסטע מיט „דער פלײשיקער" האָבן וועגן דעם נאָך אַ סך גערעדט, איבערגעשמועסט און עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז „די פלײשיקע" האָט איר געגעבן אַ נייע דינסט אויף לאהס אָרט און, פאַרשטייט זיך, שוין נישט אַזאַ שיינע, יונגע דינסט, ווי לאה איז געווען.

דאָס האָט שוין „די פלײשיקע" פון איר פּראַקטיק פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ אָרנטלעך הויז, ווו עס געפינט זיך אַזאַ אָרנטלעכער באַלעבאָס, דאַרף מען אַריינגעבן אַן אַנדער מין דינסט.

זי האָט, נאַטירלעך, אויך באַקומען ניי מעקלעריי פוןביידע צדדים און איז געווען זייער צופרידן.

ווי די באַ-עבאָסטע האָט לאהן געהאַלטן פאַר דער געמיינסטער דינסט פון דער גאַנצער וועלט, פונדעסטוועגן, האָט די „פליישיקע" פון טאָג אויף טאָג געוואַרט, אַז לאה זאָל קומען צו איר. נאָר לאה איז שוין מער צו איר נישט געקומען. ווי גלייך זי איז אין וואַסער אריין.

— זי איז נאָך, אפנים, אַ נאַר, — האָט „די פליישיקע" געטראַכט, — זי מיינט, אַז דערפאַר, וואָס די באַלעבאָסטע האָט זי אַרויסגעטריבן, פאַרוואָס זי האָט געהאַט געשעפטן מיטן באַלעבאָס, וועל איך זי שוין מער צו זיך אין שטוב נישט אריינלאָזן! זי איז נאָך גאָר אַ נאַר. איך וואָלט פאַר איר געקענט קריגן אַ שטעלע... און וואָס פאַר אַ באַלעבאַטיש הויז טרעפן זיך דען נישט אַזוינע זאַכן?

XI

הער לעדערבערג און קאָמפּאַניע.

כמעט אַלע הייזער אין אדעס זענען געבויט אין צוויי אָדער אין דריי שטאָק. אַ הויז אין איין שטאָק האָט מען געדאַרפט זוכן, ווי מיט ליכט, און אויב איר האָט יאָ געטראָפן אַזאַ הויז, איז דאָס געוויס אַן אַלט הויז, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון אַן אַלטן באַלע-באָס, פון דער אַלטער מאָדע, פון דער אַלטער וועלט.

עס האָט זיך נאָך נישט געפונען אַ נייער מיט וואַרעמע קעשע-נעס, וואָס זאָל אויף דעם אָרט אויפשטעלן אַ ניי הויז פון דריי אָדער פון פיר שטאָק.

נאָר איין איינציקע גאַס איז דאָ געווען אין אדעס — די קאַ-נאַטנע-גאַס, ווו מען האָט געקענט באַגעגנען אויף יעדן שריט קליינע

הייזלעך פון איין שטאָק און לעבן יעדן הייזל — עטלעכע ביימלעך מיט אַ שטיקל גאָרטן.

די שטיבלעך זענען נישט איבערגעבליבן פון דער אַלטער וועלט. זיי האָבן נישט געוואַרט אויף אַ נייעם באַלעבאָס, ער זאָל זיי איבערבויען אויף אַן אַדעסער גרויס הויז. די נידעריקע הייזלעך האָט מען ערשט געבויט אין דער צייט, ווען אונדזער געשיכטע איז פאָרגעקומען.

די גאַנצע גאַס איז נישט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן.

די הייזלעך פון דער גאַס האָבן געהאַט מער א פּנים פון דאַטשעס, איידער פון שטאָט־הייזער. דאָ האָבן געוווינט מענטשן רויִקע פאַרזיכערטע.

זיי האָבן געדאַרפט זעלטן אין שטאָט חוץ איינקויפן עפּעס נייס פון דער נייסטער מאָדע, אָדער גיין אין טעאַטער אַריין.

די אַדעסער איינוווינער, וואָס זענען שטענדיק געוווינט מיט דעם גרויסן רעש פון דער גרויסער שטאָט, האָבן זייער ליב געהאַט די שטילע גאַס. נאָר פאַרשטייט זיך, אַז נישט יעדער האָט געקענט דאָ וווינען.

פאַרלירן אַ האַלבע שעה צייט אויף צו פאָרן מיטן פערד־טראַמוואַי אין שטאָט, און צוריק עטלעכע מאָל אין טאָג. דער אָרעמער מענטש מוז וווינען אין שטאָט.

אויף דער קאַנאַטנע־גאַס האָבן געוווינט מענטשן פאַרמעגלעכע, אָדער ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט: „מענטשן, וואָס זענען רויִק און פאַרזיכערט מיט דעם לעבן". אַזוינע, וואָס עס קומט זיי נישט שווער אָן די פּרנסה. דער, וואָס האָט געלט אויף פּראָצענט, אָדער דער, וואָס האָט אין שטאָט אַ הויז, וואָס אַרבעט פאַר אים, און דער, וואָס עס קומען אים אָן גרינג די קערבלעך...

אַזאַ באַלעבאָס, וואָס פאַרדינט גרינג קערבלעך, איז טאַקע געווען אונדזער אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס וווינט אויף דער קאַנאַטנעגאַס. ער מיט זיין פאַמיליע פאַרנעמען אַ באַזונדער הייזל פון אַכט צימערן. דאָס קליינע שטיקל גאָרטן אַרום הויז איז אַרומגעגראָבן, פאַרפּוצט מיט אַלערליי פיגורן און פאַרוואַקסן מיט רויזן. דער נידעריקער פּאַרקאַן איז אָפּגעפאַרבט. דאָס אַלץ מאַכט זייער שיין דאָס הייזל.

דער דורכגייער, וואָס באַמערקט אַזאַ מין הייזל, טראַכט זיך געוויס, אַז דאָ וווינט אַ גליקלעכע פאַמיליע.

צו דער פאָרנטיקער טיר איז מיט פיר טשוועקלעך צוגעקלאַפּט

אַ מעשׂן ברעטל מיט אויסגעקריצטע בוכשטאַבן און יעדער קען איבער־לייענען אויף רוסיש: לעאָן באַריסאָוויטש לעדערבערג.

מיט וואָס פאַרנעמט זיך ה׳ לעדערבערג? וואָס זענען זיינע געשעפטן? פון וואָס פאַרדינט ער זיין פּרנסה?

אויף די אַלע פראַגן וועט אייך קיינער נישט ענטפערן. ווארים זיין אייגענע פרוי ווייסט אויך נישט, חוץ נאָר די לייט, וואָס האַנדלען מיט אים.

ה׳ לעדערבערג קען גאַנץ אדעס און גאַנץ אדעס קען אים. נאָר זייער ווינציק קענען אים ביי זיין נאָמען.

אדעס קען אים נאָר פאַר אַן אַלטן אדעסער איינוווינער. מען באַגעגנט אים שטענדיק אָנגעטאָן שיין, ריין, מיט אַ פריילעך געזיכט וואָס האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געוווּסט פון נויט, פון אָרעמקייט, פון הונגער.

אים האָט מען באַגעגנט אומעטום אין די רעסטאָראַנען פון אַלע גרויסע האָטעלן און אין אַלע געמיינע טראַקטירן.

ווײַנקעלערס, טשאַינעס, פאַרבאָטענע „מעלאָטשנע" קלייטלעך.

אומעטום איז ער נישט געווען אַליין, נאָר מיט איינעם אָדער מיט עטלעכע מענטשן. זיי האָבן שטענדיק פאַרביסן, פאַרטרונקען, פאַר־רויכערט און גערעדט שטאַרק פאַראינטערעסירט. אויפן טראָטואַר לעבן דער בערזע האָט זיך לעדערבערג אויך געדרייט, גערעדט, געשמועסט.

און מערקווירדיק, אַלעמאָל האָט מען אים געזען רעדן מיט פאַר־שידענע קלאַסן מענטשן; אין די גרויסע רעסטאָראַנען האָט ער זיך צום מערסטן געדרייט מיט זיינע יונגעלייטלעך, אָדער אויך (נאָר זעלטן) מיט אַן אַלטן מאַן אַ גביר; אויך אין די געמיינע טראַקטירן האָט ער געהאַט געשעפטן מיט אַזוינע לייט, וואָס ווען זיי גייען פאַרביי לעבן אייך, קוקט איר אייך אום, צי אייערע קעשענעס זענען גאַנץ.

מיט איין וואָרט, לעדערבערג האָט געהאַט געשעפטן מיט אַלערליי מענטשן.

נישט נאָר פרעמדע, נאָר זיין אייגענע פרוי האָט אים קיינמאָל נישט געבעטן, ער זאָל איר זאָגן דעם אמת, וואָס איז זיין פּרנסה.

אייגנטלעך איז עס איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פרעגן. מאַלע פון וואָס אַ ייד פאַרדינט געלט! ער איז נישט דער איינציקער פון די, וואָס מען זעט זיי בלויז מיט אַ שטעקל אין די הענט, און זיי פאַרדינען.

עס איז אויך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן זיינע באַקאַנטע און פרעמדע, אַ פרעג צו טאָן מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך. ער איז געוויס אַ מעקלער אָדער אַ סוחר, — און דאָס איז געניג.

און אַזוי האָט זיך לעדערבערג גערעכנט פאַר אַ שטילן אדעסער איינוווינער, וואָס קיינער האָט נישט צו אים און ער צו קיינעם נישט.

כאָטש פון זיינע אַמאָליקע יאָרן זענען אים געבליבן אַ סך פלעקן, נאָר ווי דער שטייגער איז, זענען די פלעקן ביסלעכווייז אָפּגעווישט געוואָרן. אייניקע אַלטע איינוווינער געדענקען נאָך אַפּילו זיינע יונגע יאָרן, נאָר ווער דאַרף דאָס דערמאָנען?

לעדערבערג איז געקומען קיין אדעס באָרוועס און נאַקעט. ער איז נאָך דעמאָלט אַ ייִנגל געווען.

אויך איז ער געווען ווילד און גראָב, נישט שרייבן, נישט לייענען, אָן שום דערציונג, פונקט ווי זיין מוטער האָט אים ערשט נעכטן געבאָרן.

ער איז געבאָרן געוואָרן ביי זייער אָרעמע עלטערן, צווישן אַ סך ברודערלעך און שוועסטערלעך, שטענדיק זיך געשלאָגן מיט זיי איבער אַן איבעריקן ביסן ברויט.

אַזוי זענען אויסגעוואַקסן זיינע אַלע קינדעריאָרן. נאָר ווען זיינע פּלייצעס זענען ברייטער אויסגעוואַקסן, זיינע הענט גרעסער און זיין קאָפּ האָט אָנגעהייבן מער צו טראַכטן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז איבעריק ביי זיינע עלטערן אין שטוב.

אָן שום הקדמות האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פרייער ליכטיקער וועלט.

זיין מוח האָט אַרומגענומען די וועלט און זי פאַרשטאַנען אַזוי:

מען דאַרף שטענדיק זיין אָנגעגעסן, שטענדיק האָבן אַ פּאָר גאַנצע שטיוול מיט גאַנצע קליידער. קיין בעסערן תכלית אין לעבן האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט.

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט ער אַרומגעבלאָנקעט ביז עס האָט אים פאַרטראָגן קיין אדעס.

דאָ איז ער אין אָנהייב איבערגעגאַנגען דעם גאַנצן אדעסער דרדקי-חדר. הונגעריקע מענטשן, וואָס קומען אָן קיין אדעס פאַרדינען געלט.

פריער האָט ער געשלעפּט אַ וועגעלע, דערנאָך בעגאַנגען מיט

דער לאָפּעטע, געווען אַן אונטערהעלפער ביי אַ מוליאַר, געזיאָדן קויכן אויף די שיפן און נאָך אַזוינע שווערע אַרבעטן.

נאָר אונדזער לעדערבערג האָט צו די אַלע שווערע אַרבעטן נישט געטויגט, כאָטש ער האָט געהאַט געזונטע פּלייצעס מיט הענט.

די שווערע אַרבעט האָט אים נישט געשמעקט.

פון די אַלע אַרבעטן האָט מען אים פּאַר זיין פוילקייט אַרויסגעטריבן און ער האָט ווייטער געפונען זיין היים אין די פרייע לאַנגע אדעסער גאַסן. נאָר עפּעס דורך אַ באַזונדער גליק האָט ער באַלד באַקומען אַ נייע באַשעפטיקונג. ער האָט אָנגעהייבן אַרומטראָגן אין אַ קעסטל שוכוואַקס, שוועבעלעך, קנעפּלעך און נאָך אַזוינע מינים סחורות, וואָס האָבן צוזאַמען נישט באַטראָפן קיין גאַנצן רובל.

אַ דאַנק זיין קעסטל סחורה האָט ער געהאַט שטענדיק דעם צופּאַל אויסצוזיין יעדן טאָג אומעטום אין אַלע רעסטאָראַנען, האָטעלן, וויינקעלערס, שענקען און דאָסגלייכן.

דידאָזיקע אַרבעט איז אים זייער געפעלן געווען: מען פליס, מען פליט אַזוי איבער אדעס דעם גאַנצן טאָג. אומעטום מעג מען אַריינגיין און דערנאָך כאַפּט מען אַ פּאָר קאָפּיקעס פאַרדינסט.

טאַקע ווייטער אַ דאַנק זיין קעסטל, וואָס דורך דעם האָט ער באַקומען אַ סך באַקאַנטע, האָט ער אויסגעפונען אַ שטעלע אין אַ האָטעל.

דאָ, אויף דער נייער שטעלע, האָט ער געפילט, ווי ער איז געקומען צו דעם גרעסטן ציל פון זיין לעבן. אַ קליינינקייט! — עסן איז דאָ שטענדיק גענוג, אַ פּאָר שטיוול מיט אַ מאַרינאַרקע האָט מען אים אויך געמאַכט. און צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך געהאַט אַ פּאָר גראָשן אויך.

שפרונגען, דערלאַנגען, באַדינען די אורחים, האָט ביי אים נישט געהייסן קיין אַרבעט. דאָס האָט געהייסן ביי אים „געלעבט אין אדעס".

ער האָט זיין זאַך געטאָן מיט פלייס, און האָט אַלעמאָל באַקומען אַ גרעסערע שטעלע אין האָטעל.

די אורחים פלעגן אים לאָזן טרינקגעלט, און ער איז געוואָרן דער הויפּטמאַכער אין האָטעל. ער האָט זיך אָנגעהייבן אָנטאָן ווי אַ פּראַנט, מיט צווי זילבערנע זייגערס אויף צוויי גענילטע קייטלעך, צו וואָרפן איבערן זשילעט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען.

אַלע טאָג זיך געשמירט דעם קאָפּ מיט פּאָמאַדע, אויף אַ פינגער

אין דער רעכטער האַנט אַרויפגעצויגן דריי פינגערלעך, און אַזוי־אַרום איז ער געוואָרן דער ערשטער קאַוואַליער ביי אַלע דינסטמיידן — אַ גרויסער קאָנקורענט פאַר אַלע אַנדערע קאַוואַליערן.

ווען ער איז נאָך געווען אַ לויף־יינגל אין האָטעל און מער נישט געוווסט, ווי אויפשטעקן די סאַמאָוואַרן, האָט ער זיך שוין אויס־געצייכנט מיט זיינע האָטעל־פעיקייטן.

ווען אַ גאַסט איז געפעלן געווען די דינסט, צי דאָס בופעט־מיידל פון האָטעל און האָט זיך אָנגעהייבן צו דערפרעגן וועגן איר ביי לעדערבערגן, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, וואָס מען דאַרף טאָן.

וואָס מער ער איז גרעסער געוואָרן אויף זיין שטעלע, איז ער אַ געוויסן סאָרט אורחים אַלץ מער צוניץ געקומען.

נאָך אַ סך יאָרן דינען איז ער זייער קלאָר געוואָרן „אין די געשעפטן".

אַלע נאַכטמיידלעך, סיי עפנטלעכע, סיי פאַרבאָרגענע, האָט לעדערבערג געקענט, איבער אַ סך האָט ער געוועלטיקט, ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס.

אויך האָט ער געקענט די אַלע אורחים, און נאָכמער טאַקע די אדעסער איינוווינער, אַלטע און יונגעלייט, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע ווייבער, פאַר טאַטע־מאַמע, אָדער וואָס האָבן זיך גע־שעמט פאַר דער וועלט, זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר באַקאַנטע און האָבן דעריבער געמוזט אָנקומען צו אַזוינע לייט, ווי לעדערבערג.

לעדערבערג וואָלט אפשר אַלע זיינע יאָרן געבליבן דינען אין האָטעל, ווען עס זאָל זיך נישט געווען טרעפן אַ באַזונדער צופאַל, וואָס האָט אים געוויזן פאַר בעסער אַרויסצוטרעטן פון דעם האָטעל און ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער באַלעבאָס.

אין האָטעל, ווו ער האָט געדינט, האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט אַ גאַנצע באַנדע סוחרים פון די אומגליקלעכע, טויזנט מאָל אומגליק־לעכע, מיידלעך.

ווי עס איז באַקאַנט, טראַנספּאָרטירן זיי די לעבעדיקע סחורה גלייך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אדעס איז אָבער געווען דער הויפּט־פּאָרט פאַר זייער סחורה.

די לייט האָבן זיך מיט זייערע סודות פאַרטרויט פאַר דעם הויפּט־משרת פון האָטעל.

לעדערבערג האָט דאָ אַוודאי און אַוודאי געוויזן זיינע גוטע פעיקייטן:

און אין אַ קליינער צייט איז ער בײַ זיי געוואָרן איינער פון זייערע אדעסער קאָמיסיאָנערן.

שפּעטער, ווען ער איז געוואָר געוואָרן דעם גאַנצן גאַנג פון די אַלע געשעפטן, איז ער געוואָרן אַליין אַ זעלבסטשטענדיקער סוחר, מיט באַזונדערע אַגענטן.

דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע, האָט חתונה געהאַט פאַר אַן ערלעך דינסטמיידל און האָט אָנגעהייבן טרייבן דאָס נייע געשעפט.

אין אָנהייב האָט ער געוווינט אַ ביסל ענגלעך, נאָר דערנאָך, ווען „די געשעפטן" האָבן זיך פאַרבעסערט, האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגענעם הויז אויף דער קאַנאַטנאַ-גאַס.

חוץ דעם „מסחר", מיט וועלכן ער פלעגט זיך שטענדיק פאַרנעמען, האָט ער אויך געפירט זיין אַלטע באַקאַנטשאַפט מיט די אורחים און אדעסער איינוווינער, וואָס פלעגן אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו אים.

פון אָט דער באַקאַנטשאַפט פלעגן אים נאָך אַלעמאָל צוקומען נייע.

ער פלעגט זיך אַליין שטענדיק נאָכיאָגן נאָך אַזוינע באַקאַנטשאַפטן, ווי דער וואָלף נאָך די שעפּעלעך. למשל, ווען לעדערבערג האָט באַמערקט אַ גביריש קינד, אַ יונגנמאַן, בלוט און מילך, וואָס האָט ליב צו לעבן און זשאַלעוועט נישט דעם טאַטנס רייכקייט, פלעגט לעדערבערג זוכן אַלע וועגן, ביז ער האָט זיך מיט אים באַקאַנט און צוזאָגן אים אַ בת-מלכּה.

און ווען יענער איז אַריינגעפאַלן צו אים, איז ער שוין אַזוי גיך נישט אַרויס.

ער פלעגט די רייכע יונגעלייט ביישטיין אין אַלע נויטן. אפילו ווען זיי האָבן נייטיק געהאַט געלט, האָט ער זיי אויסגעליען אויף וועקסלען מיט הויכע פּראָצענט.

האָבן זיי נישט באַצאָלט, האָבן די עלטערן געמוזט באַצאָלן. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע באַקאַנטע גבירים, אַלטע לייט, וואָס האָבן זיך באַנייטיקט אין אַ „גובערנאַנטקע" פאַר די קינדער, אַזוינע „גובערנאַנטקעס" פלעגט לעדערבערג זייער לייכט צושטעלן, ווען מען האָט זיי נאָר געבעטן.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש דובאָווסקי, דעם אדעסער פּאָדראַטשיקס זונדעלע איז אויך געווען אַ שעפּעלע פון לעדערבערגס גרויסער טשערעדע.

נאָך ווען דאָס פּאַנסקע קינד פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט אים לעדערבערג אַריינגענומען אין זיין טשערעדע.

לעדערבערג איז געווען זיין פּאָדראַטשיק פון שיינע מיידלעך און דערפאַר פלעגט ער פון פיאָדאָרן שערן די וואָך?.

נאָר אַז פיאָדאָר איז עלטער געוואָרן און האָט זיך שוין נישט גענייטיקט אין לעדערבערגס טובות, האָט ער באַרעכנט, אַז אַליין וועט עס אים קאָסטן אַ סך וועלוועלער, און האָט מיין פּאָדראַטשיק אַוועקגעוואָרפן.

ער האָט זיך מיט אים שוין נישט געהאַט געזען אַ יאָר צוויי און וואָלט זיך אפשר שוין מיט אים מער נישט באַגעגענען, ווען נישט אַ צופאַל. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט באַדאַרפט נייטיק נאָכאַמאָל האָבן לעדערבערגס אַ טובה.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אַזוי גיך נישט אַנטשלאָסן נאָכאַמאָל אָנצוקומען צו דעם גזלן (ווי ער פלעגט אים רופן, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, ווי ער האָט אים אויסגעליידיקט די קעשענעס) נאָר נאָך אַ גאַנצער נאַכט טראַכטן, איז ער געקומען צו דער דעה, אַז דורך קיין אַנדערן וועט ער עס נישט אויספירן, נאָר דורך אים. און באַלד אויף „מאָרגן" (נאָך דעם אָוונט, ווען ער איז געפאָרן מיט זיין כלה פון טעאַטער דורכן בולוואַר), איז ער אַוועקגעפאָרן אויף דער קאַנאַטנע־גאַס. נאָר ווי דערשראָקן איז ער געוואָרן, ווען לעדערבערגס פרוי האָט אים געזאָגט, אַז איר מאַן איז אין וועג און ווען ער וועט קומען, ווייס זי נישט.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער אַרויסגענומען זיין וויזיט־קאַרטע און אויף דער צווייטער זייט אָנגעשריבן.

„ה' לעדערבערג! מיר דאַרפן זיך נייטיק זען. ווי איר וועט נאָר קומען, זאָלט איר מיר מודיע זיין".

דאָס קאַרטל איז אַזוי אָפּגעלעגן אויפן טיש עפּעס מער פון אַ

חודש, ביז לעדערבערג איז אָנגעקומען. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געווען אויסער זיך. ער האָט שוין געפּרוווט אַלע מיטלען אָן לעדערבערגן, נאָר ער האָט גאָרנישט אויסגעפירט.

מיט גרויס פרייד האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקומען דורך דער שטאָט-פּאָסט אַ קליין פאַרמאַכט בריוועלע:

„הער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש: היינט צען אַ זייגער אינאָוונט וואַרט איך אויף אייך אין פאַריזער האָטעל.

דאָס איז געווען איינער פון די רייכסטע און שענסטע אדעסער האָטעלן.

לעדערבערג האָט קיינמאָל זיינע שפּעלעך און אפילו זיינע סוחרים נישט אויפגענומען ביי זיך אין הויז, נאָר אָדער אין אַ טיי-הויז, אַ ווייַנקעלער אָדער אין אַ האָטעל.

XII

דעם מענטשנס הארץ.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך שוין פון אַ האַלבער שעה אַרומגעדרייט אין האָטעל-זאַל צום צווייטן מאָל האָט ער זיך געזעצט ביי אַ באַזונדער טישל און זיך געהייסן דערלאַנגען אַ צווייטע גלאָז טיי.

דער טיי איז אָפּגעשטאַנען אַ גוט פערטל שעה, ביז ער האָט באַמערקט, אַז עס איז קאַלט געוואָרן.

מיט צוויי זופּן האָט ער אויסגעטרונקען דאָס קאַלטע גלאָז טיי און מיט כּעס עס אַוועקגעשטעלט ווייט פון זיך, פּונקט ווי דאָס גלאָז האָט אים געשטערט זיינע געדאַנקען.

עס איז אים געווען איבעריק דער טישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, דאָס בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, די אַלע געסט אין זאַל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע קוקן אויף אים פאַרדעכטיק.

ווען דער דינער האָט צוגענומען דאָס גלאָז און געפֿרעגט, אויב ער וויל עפּעס נאָך, האָט ער געענטפֿערט:

— גיט מיר אַ באַזונדער צימער, איך וויל זיך אָפּרוען.

דער דינער האָט אים פֿריער באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, נאָר ווען פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אַרויסגענומען צוויי רובל און געזאָגט: „פֿאַר צוויי רובל אַ צימער", האָט ער אים באַלד אַרויפֿגע־פֿירט אויף די טרעפּ פֿון דעם דריטן שטאָק, ווו ער האָט אים אָפּגע־געבן אַ צוויי־רובלדיקן נומער.

דער דינער האָט דאָרט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, געפֿרעגט, צי דאַרף ער נאָך עפּעס און געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פֿיאָדאָר איוואַנאָ־וויטש האָט אים פּלוצים אָפּגעשטעלט, ווי גלייך ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאַנט.

— דו וועסט באַקומען ביי מיר אַ רובל אויף „טשאַי". ווען לעדערבערג וועט קומען, זאָלסטו אים אַריינפֿירן צו מיר אין צימער.

פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געבליבן אַליין און האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם. נאָר באַלד, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, האָט ער אָנגעהייבן צו שפּאַנען איבערן צימער. אַלע־מאָל זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהייבן רעדן מיט זיך.

עס איז נישטאָ קיין שרעקלעכערעס פֿאַר דעם מענטשן, ווי זיין אייגן האַרץ. טוט דער מענטש עפּעס גוטס, פֿרייט זיך אין אים דאָס האַרץ. באַכמער, וויפֿל ער וויל זיין פֿריילעך, נאָכמער וויפֿל גוטס ער האָט געטאָן. טוט דער מענטש שלעכטס, איז כאָטש מיט זיין שכל, מיט זיינע געדאַנקען פֿועלט ער ביי זיך, עס זאָל אים נישט אַרן. דאָס האַרץ אָבער לאָזט נישט רוען. עס מוטשעט אים אַזוי, אַז נישט איינמאָל טרעפֿט זיך, אַז דער מענטש איז גרייט אויף זיך צו נעמען אַלערליי שלעק און צרות, איידער איין שעה איבערצוליידן פֿון זיין אייגענעם האַרץ.

אָט וואָס אַ מענטשנס האַרץ איז!

— וואָס טו איך דאָ? — האָט פֿיאָדאָר געטראַכט און זיך אַרומ־געקוקט אויף אַלע פֿיר ווענט. — וואָס טו איך איצטער אין דעם „פּאַריזער האָטעל"? וואָס האָב איך דאָ פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט? וואָס האָב איך זיך געמוטשעט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אויף מיר געפֿאַלן? ווי איך וואָלט געווען דער אומגליקלעכסטער אויף דער וועלט?

אויף וועמען וואַרט איך דאָ — אויף דעם נידעריקן פֿאַרדאָרבע־

נעם מענטשן, אויף דעם „פאָדליעץ"? אים וויל איך זיך איבערגעבן מיט מײַנע סודות? וואָס איז ער מיר? און וואָס געהער ער זיך מיט מיר אָן? איך וועל אים הייסן אַרויסוואַרפן פונדאַנען! איך גיי פונ־דאַנען אַוועק!

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך געפרעגט:

— ווּ וויל איך גיין? ער וועט קומען, איך האָב אַזויפיל אויף אים געוואַרט. איך האָב דאָך אים געשריבן, אַז איך דאַרף זיך נייטיק מיט אים זען. ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען מיך ראַטעווען, איך זאָל קענען רויק לעבן. ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען געפינען די אומגליקלעכע, וואָס איך, מערדער, האָב אַזוי אומ־גליקלעך געמאַכט. איך האָב זי געבראַכט דערצו — צו אַזאַ לאַגע. איך האָב געזוכט זי אין גאַנץ אדעס, ווּ איך האָב נאָר געקענט, און זי נישט געפונען. איך קען זיך נישט אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק אין די אַלע געמיינע ערטער, זי צו געפונען. מיט נייע לייט, ווי לעדער־בערג, זיך באַקענען, אַז זיי זאָלן זי געפונען, פּאַסט פאַר מיר אַוודאי נישט. מיט אים בין איך שוין באַקענט, ער קען מיך שוין סיי־ווי־סיי, און ווער איז נאָך אַזוי אין שטאַנד זי צו געפונען, ווי ער? נאָר ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען מיר אַזאַ טובה טאָן. אַ דאַנק אים וועל איך זי געפונען. איך וועל נאָכאַמאָל זען לאהן! איך וועל די אומגליקלעכע גליקלעך מאַכן. איך וועל פאַלן צו אירע פיס. זי וועט מיר מוחל זיין און איך וועל זיין אַזוי רויק, אַזוי גליקלעך. דאָס קינד, אויב עס לעבט נאָך, וועל איך הייסן, זי זאָל עס נעמען צו זיך. גאָט! איז דאָס מעגלעך, אַז לאה זאָל קומען צו אַזאַ נידעריקן שטאַנד? נאָר איך האָב זי אַליין געזען מיט מײַנע אויגן, איך האָב דערקענט איר קול. איך האָב געזען אירע ברענענדיקע אויגן. קיינער האָט נישט אַזוינע אויגן; אין ר... ווּ איך האָב נאָכגעפרעגט, איז זי נישטאָ, מען האָט זי אַוועקגעגנבעט, זי איז אַנטלאָפן. נאָר געוויס איז זי דאָרט נישטאָ. זי איז אין אדעס, און איז איבערגע־קומען אויף אַזאַ לעבן, ווּ איז איר קינד? מײַן קינד! מײַן לאה!... איך האָב נישט געוווּסט, אַז זי קען ווערן אַזוי אומגליקלעך. איך האָב נישט געוווּסט... עס איז נישט מעגלעך, זי זאָל קומען צו אַזאַ שטאַנד. אַ ייִטיש מיידל קען זיך נישט אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק, און ווען יאָ, איז זי מסתמא אַזוי ווערט. וואָס־זשע בין איך דאָ שולדיק? וואָס־זשע מוטשע איך זיך אַזוי? שוין מער פון אַ חודש, אַז איך לעב

נישט. איך בין שיעור נישט אראָפּגעפאַלן פון דער קאַרעטע אויף דעם בולוואַר, ווען איך האָב זי דערזען. מיין כלה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר מיין געזיכט. איך בין דערנאָך עטלעכע טעג אַרומ-געגאַנגען ווי קראַנק. ניין, ניין, איך בין אַ משוגענער און ווייטער גאַרנישט. וואָס געהער איך זיך אָן מיט איר, וואָס איך דאַרף אַזוי ליידן איבער איר? איז זי דען איינע אַזאַ מיידל? וואָס-זשע איז אַז ווען איך בין געווען אין ר... האָב איך געלעבט מיט איר! איז זי דען געווען ביי מיר איינע? איך זאָל ווערן רחמנות האָבן, וואָלט איך באַדאַרפט רחמנות האָבן אויף די אַלע זלידנעס, וואָס דרייען זיך אַרום די גאַנצע נעכט איבער די אדעסער גאַסן. בין איך עפּעס אַ בעל-טובהניק אין שטאָט, וואָס איך דאַרף נאָכלויפן נאָך מצוות, אומגליקלעכע מאַכן גליקלעך? איך בין נאָך אַ יונגערמאַן, איך דאַרף פריער לעבן. לאָזן דערוויילאַלע בעל-עבירהניקעס טאָן אַזוינע מצוות. ווען איך וועל ווערן אַלט, וועל איך זען, טאָמער וועל איך זיך טאַקע אויך אויף דער עלטער אָפּגעבן מיט מצוות, אָבער איצט? כאַ, כאַ... איז נישט צום לאַכן? וויל איך זיך נאָך פאַרבינדן מיט אַזאַ פּאָדלעץ, ווי לעדערבערג, צוליב איר. ער זאָל קענען פון מיר צאַפּן אַלעמאָל ביי געלט! אָ, ניין! איך ווייס גאָרנישט, ווי עס קומט צו מיר אַזאַ גאַרישקייט, צו האָבן אין זינען אַזוינע געשעפטן. איך וויל פון אַזאַ נידעריקע זאַך אַפילו נישט וויסן... וואָס קערט זי זיך אָן מיט מיר?

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט און האָט זיך געפילט זייער גוט, נאָר ער האָט געפילט זיך זייער הונגעריק, ווי גלייך ער האָט געפאַסט דעם גאַנצן טאָג. ער האָט אַ קלונג גע-טאָן און געהייסן דערלאַנגען עסן. מיט אַ זייער גוטן אַפּעטיט האָט ער אָפּגעגעסן, זיין שטענדיקע פריילעכע פאַרב האָט זיך אים באַוויזן אין די באַקן און ער האָט זיך געפילט גוט און פריילעך, פונקט ווי דער אַמאָליקער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש.

נאָך דעם עסן האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ברייטער סאָפע מיט ביידע פיס אַרויף, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס; ווען לאהן האָט ער אַזוי גיך פאַרגעסן, ווי גלייך עס איז גאַר קיין לאה קיינמאָל נישט געווען אויף דער וועלט.

ער איז געווען פאַרטיפט אין די בייגעלעך רויך, וואָס ער האָט אַלעמאָל אַזוי קונציק אַרויסגעלאָזט פון מויל, ווייטער געצויגן דעם פּאַפּיראָס און ווייטער געלאָזט נייע בייגעלעך, וואָס האָבן זיך פריער

געדרייט ברייט, דערנאָך העכער און העכער, שמעלער און שמעלער, ביז עס זענען געוואָרן אַ סך קליינע בייגעלעך, וועלכע האָבן זיך אַזוי שיין אָנגעהייבן טשעפּען איינס מיט דעם צווייטן, פּונקט ווי קליינע ברודערלעך און שוועסטערלעך שפּילן זיך און שלאָגן זיך.

נאָר אָט לאָזט זיך אַרויס פון זיין מויל אַ נייע גרויסע ראָד און צעשלאָגט אַלע קליינע, ביז עס בלייבט פון זיי גאָרנישט.

קוקנדיק אַזוי, ווי די בייגעלעך זענען זיך איינס דאָס אַנדערע גובר, האָט ער דערהערט פּלוצלונג אַ קלאַפּ אין דער טיר:

— מען קען אַריינגיין?

— ווער איז דאָרט?

— איך. איר האָט דאָך מיך גערופן, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש!

— איך האָב קיינעם נישט גערופן. ווער איז דאָרט?

— איך, לעדערבערג, איך האָב דאָך אייך געשריבן, אַז איך וו זיין זייגער צען, נאָר איך האָב אַ ביסל פאַרשפּעטיקט.

ווי ער האָט דערהערט דעם נאָמען לעדערבערג, האָט ער זיך דערמאָנט און געהייסן אַריינגיין.

ווי פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט דערזען לעדערבערגן, האָט ער זיך פּלוצלונג שטאַרק דערפרייט מיט אים, פּונקט ווי מען דערזעט זיך מיטן בעסטן פריינט.

— קוים דערלעבט אייך צו זען, — האָט אים פיאָדאָר איוואַנאָוויטש אַנידערגעזעצט לעבן זיך אויפן דיוואַן.

— איך בין ערשט היינט געקומען פון וועג. ווען איך האָב איבערגעלעזן דיין קאָרטעטשקע, האָב איך דיר באַלד געשריבן, אַז צען אַ זייגער וועל איך דאָ זיין. נאָר איך האָב פאַרשפּעטיקט אויף אַ שעה. דו ווייסט דאָך, ווי אַ סוחר האָט קיין צייט נישט, ווען ער קומט פון וועג. די אַלטע פאַרשימלטע סחורות פאַרקויפט, נייע קומען אָן. דערווייל האָב איך אַפילו קיין צייט נישט געהאַט עפּעס צו נעמען היינט אין מויל אַריין. איך אינטערעסיר זיך אַפילו זייער צו וויסן, וואָס דאַרפסטו מיך אַזוי נייטיק האָבן, נאָר פאַר קיין עסן גייט נישט קיין טאַנץ.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אָנגעקלונגען, געהייסן נאָכאַמאָל דעקן דעם טיש און לעדערבערג האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב אַלץ געטראַכט, וואָס האָט זיך פּלוצלונג פיאָדאָרן פאַרגלוסט מיך צו זען, נאָר איך האָב באַלד געטראָפן, מסתמא האָט

ער דערזען ערגעץ אַ פּאָר אויגן מיט צוויי לאַנגע צעפּ. האָט מען געשיקט נאָך לעדערבערגן; נו, דאָס איז נישט קיין נײַס. פאַרוואָסזשע זאָל איך פריער נישט טאָרן עפּעס נעמען אין מויל? האָב איך זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ ציגענע ביבקעס, האָב איך זיך געטראַכט גייענדיק אַהער, זענען הײַנטיקע יונגעלײַט, וועלכע מיינען, אַז זיי וועלן זיך אויסדרייען אָן לעדערבערגן, און וואָס לאָזט זיך אויס? אַז נאָך זייער גאַנצן אַרומטאַנצן אויף די בעלער און טעאַטערן, העלפט עס אַלץ, ווי אַ פּעטרישקע און סוף כּל סוף קומט מען אָן צו דעם אַלטן לעדערבערגן, און לעדערבערג מאַכט עס אָפּ איינס און צוויי און פאַרטיק, אָן אײַערע אַלע קאַוואַליערסקע שטיקלעך מיט ליבעס, מיט אַרומטאַנצן... מען דאַרף נאָר לעדערבערגן גוט באַצאָלן, איז כאָטש די ענגלישע מלכּה — נאָר נישט פריער, איידער איך וועל אָפּעסן... נו זאָג שוין, וואָס פאַר אַ ענגלישע מלכּה איז אַזוי שטאַרק געפעלן?

— הער נאָר דו, פאָדליעץ, — האָט זיך פיאָדאָר אָנגערופן. — איצט מאַך מיך נישט דײַנע פײַנע שטיקלעך, וואָרים דו וועסט פון מיר גלײַך כאַפּן אין מאָרדע און וועסט אַראָפּ פון דריטן שטאָק און בלײַבן זיצן רײַטנדיק אויף דיאָקן. ווייסט, ווו דיאָק וווינט? נישט איצט פּאַסט דײַנע געמיינע ווערטלעך. איך האָב דיר נישט גערופן צוליב אַן ענגלישער מלכּה.

— כאַ, כאַ! — האָט זיך צעלאַכט לעדערבערג. — פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט מיך נישט גערופן צוליב אַן ענגלישער מלכּה — האָסט מיך אַוודאי גערופן זאָגן תּהלים, אָבער שרײַבן אַ ספר תּורה? אויך גוט. איך קען דאָס אויך... איך, ברודער, בין אויך אַ ייִד. דו זאָלסט זען, וואָס פאַר אַ פּעטע עליה איך האָב געקויפט הײַנטיקע ימים-נוראים, אַז פרומע ייִדן מיט פּאות האָבן זיך באַלעקט, די סלינע איז זיי איבערגעגאַנגען.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אים מיט גרויס כּעס אָנגעכאַפּט בײַם גאָרגל און געכאַפּט אַ מעשענעם לײַכטער פון טיש:

— דו הערסט נישט אויף, אַלטער הונט, צו רעדן פון אַזוינע זאַכן, וואָס מען פרעגט דיך נישט? איך וועל דיך דאָ אויף דעם אָרט דערשטיקן! אָט דער לײַכטער וועט דיר שטעקן אין קאָפּ! איך רעד מיט דיר פון אַן אומגליקלעכן מענטשן, וואָס מען דאַרף אים

ראַטעווען כּמעט פון טויט. דו מוזט זי מיר אַרויסראַטעווען, און דו, אַלטער הונט, העד מיר אויף צו ווערטלען זיך!

לעדערבערג האָט אָנגעהייבן שרייען, אַז ער זאָל אים אָפּלאָזן דעם גאַרגל, וועט ער אויפהערן זיך צו ווערטלען!

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אַלץ נישט מיט זיין קול געשריען, אַז מען מוז זי ראַטעווען.

ווען ער האָט אים אָפּגעלאָזט, איז לעדערבערג געוואָרן אַ ביסל ערנסטער.

— נאָר לאָז מיך אויך רעדן אַ וואָרט, משוגענער. דו ביזט איצט משוגע צי וואָס? — דו שרייסט פון אַן אומגליקלעכער, פון אַ יידיש ערלעך מיידל, מען דאַרף זי ראַטעווען, און איך ווייס נישט וואָס-ווען! דו האָסט מיר דען עפּעס דערציילט וועגן איר?

— וואָס? איך האָב דיר גאָרנישט דערציילט? — האָט פיאָדאָר פאַרוווּנדערט איבערגעחזרט און זיך אומגעקוקט, ווו ער געפינט זיך.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיך:

— איך ווייס נישט, וואָס איך האָב גערעדט... איך געדענק נישט, צי האָב איך דיר דערציילט?

— יאָ, דו האָסט מיר גאָרנישט דערציילט...

דער דינער האָט געדעקט צום טיש, און ווען לעדערבערג האָט געגעסן, האָט אים פיאָדאָר אַלץ דערציילט:

— דאָ אין אדעס געפינט זיך מיינע אַ באַקאַנטע מיידל, וויל איך דו זאָלסט זיך דערוויסן איר אדרעס.

— איך פאַרשטיי דיך נישט. אין אדעס געפינט זיך, דאַכט זיך, אַן „אַדרעסני סטאָל", וואָס-זשע ווילסטו פון מיר? און, ווידער, אַז זי איז דיין באַקאַנטע, וואָס דאַרפסטו אָנקומען צו מיר? אויך דאַרף איך וויסן, ווער איז זי, וואָס איז זי, ווי אַזוי רופט מען זי?

— אין „אַדרעסני סטאָל" האָט מען זי נישט געפונען. זי רופט מען לאה. זי איז פון דער שטאָט ר...

לעדערבערג האָט אַנידערגעלייגט מעסער און גאָפּל, וואָס ער האָט ביז אַהער געהאַלטן אין די הענט. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, די אויערן האָבן זיך ווי אויפגעשטעלט. נאָר באַלד האָט ער זיך ווייטער געכאַפּט צו דעם מעסער און גאָפּל, געמאַכט זיך, אַז פיאָדאָר זאָל אין אים גאָרנישט דערקענען, אַז ער ווייסט פון עפּעס! די לעזער געדענקען מסתמא, אַז אויף איינער פון זיינע רייזעס

איז ער אויך געווען אין דער שטאָט ר... אויף „דער טויטער גאַס", בײַ דער „ראַבער מורליטשקע" אין שענק. ער מיט זײַן קאָמפּאַניע האָבן פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט.

ער האָט דאָרט געהערט, ווי זייער אַ שיין מיידל, לאה ר' שמואל בערס, איז פֿון אירע עלטערן אַנטלאָפֿן און מען האָט דאָרט געלעזן אַ קוויטעלע, וואָס לאה האָט געזאָלט איבערלאָזן אירע עלטערן פֿאַר איר אַוועקגיין. אין קוויטעלע האָט זי באַשריבן איר אומגליק, און פֿאַרוואָס זי מוז אַוועקגיין.

אהרקע סיבירניק האָט דאָס קוויטעלע געפֿונען צווישן די זאַכן, וואָס ער מיט מיכאַלקען האָבן אַרויסגעגנבעט פֿון ר' שמואל בערס הויז.

אין דעם קוויטעלע האָט לאה אויך אָנגערופֿן, ווער עס האָט זי אומגליקלעך געמאַכט. לעדערבערג האָט באַלד געזאָגט, אַז ער קען דעם פֿאָדראַטשיקס זון.

כייקען האָט זייער באַנג געטאָן, וואָס אַזאַ טייערער קרבן איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען פֿון אירע הענט. לעדערבערגן האָט אויך באַנג געטאָן, נאָר ער האָט נישט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג: ווו דען אַנטלויפֿט אַזאַ יידיש מיידל, אַז נישט קיין אדעס? האָט ער זיך דענסטמאָל געטראַכט. — און, ווידער, פֿיאָדאָר איז דאָך אין אדעס, איז זי מסתּמא צו אים געפֿאָרן.

און כאָטש לעדערבערג האָט פֿון פֿיאָדאָרס ערשטע ווערטער געוווּסט, פֿון וועמען ער רעדט, האָט ער זיך דאָך געמאַכט, אַז פֿיאָדאָר זאָל אים נישט דערקענען, אַז ער ווייסט.

לעדערבערג האָט זיך נישט געוווּנדערט דערויף: וואָס-זשע איז זי געפֿאָרן קיין אדעס, אַז נישט צו אים? ער קען זי נישט געפֿינען? וואָס קען דאָס באַדייטן?

— דערצייל מיר אַלע איינצלהייטן, וועל איך וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן. אויב נישט ווייס איך גאָרנישט, — האָט לעדערבערג געזאָגט, אָוועקלייגנדיק צום לעצטן מאָל מעסער און גאָפּל.

פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך אויף קיין מינוט נישט פֿאַר־טראַכט און דערציילט אים אַלץ פֿון לאהן, וויאַזוי זײַן פֿאָטער האָט אים געשיקט קיין ר... וועגן די נײַע פֿאָדראַדן, ווי ער האָט זיך באַקענט מיט לאהן און וויאַזוי עס האָט זיך בײַ זיי געענדיקט. מיט איין וואָרט, אַלץ האָט ער אים דערציילט.

— און שטעל זיך פֿאָר מײַן לאַגע, — האָט פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש

געענדיקט זיין דערציילונג, — איינמאָל, ווען איך בין געפאָרן מיט מיין כלה שפּאַצירן אויפן בולוואַר, — דו קענסט מיר גלייבן, אַז איך האָב שוין גאָר פאַרגעסן, צי עס איז דאָ אַ לאה אויף דער וועלט,— און פּלוצלונג הער איך, לאהס קול שרייען! פאַרשטייט זיך, אַז עס איז מיר נישט אויסגעקומען, אַז דאָס זאָל זיין לאה. איך האָב זיך נאָר דערמאָנט אָן איר און טראַכט מיר: פּונקט אַזאַ קול, ווי לאה. נאָר שטעל זיך פאָר, אַז זי מיט צוויי זשוליקעס, וואָס זענען איר נאָכגעגאַנגען און אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זי אָפּגעשטעלט, זענען פּונקט אויסגעקומען לעבן מיין קאַרעטע... איך האָב איר גלייך אין די אויגן אַריינגעקוקט און האָב זי דערקענט... פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מער מיט מיין כלה דאָ נישט געקענט ווייטער שפּאַצירן און בין באַלד אַהיימגעפאָרן. איך קען דיר נישט איבערגעבן, וואָס איך האָב איבערגעליטן און איבערגעטראָגן פון דער צייט. איך ווייס, אַז דו ביזט אַ גרויסער פאַדליעץ און ווערסט ווערן אַ סך געלט, נאָר דו ביזט אַמאָל אַ גוטער מענטש אויך... דו טו דיין זאַך אָרנטלעך, און איך וועל דיר באַצאָלן פאַר דיין טרחה, וויפל עס קומט דיר. נאָר דו זאָלסט זי ווי צום גיכסטן געפינען. איך האָב זי דערפאַר נישט געפונען, ווייל איך רעכן, אַז זי געפינט זיך איצט שוין... איך ווייס נישט ווו, נאָר דו מיט דיינע לייט קענען יאָ וויסן... ווארים ווו דען קען זיך אַזאַ מיידל געפונען, אַז זי האָט געשעפטן מיט אַזוינע זשוליקעס אַזוי שפּעט ביינאַכט? איך קען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס האָט זי געבראַכט צו אַזאַ נידעריקן שטאַנד!...

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? וואָס דאַרפסטו זי אַזוי בייטיק?— איז לעדערבערג זייער פאַראינטערעסירט געוואָרן. — אַז דו האָסט זי שוין איינמאָל אַוועקגעוואָרפן, נאָך וואָס־זשע דאַרפסטו זי? ווילסט אויף איר רחמנות האָבן און חתונה האָבן מיט איר? צוואָס?

— וואָס זאָגסטו, דו לאַכסט פון מיר? מיט אַזוינער זאָל איך חתונה האָבן, ווען איך האָב אַזאַ רייכע כלה פון אַזאַ גרויס אָרט?

— וואָס־זשע דען דאַרפסטו זי האָבן, אַז דו קענסט נישט לעבן רויִק, ביז דו ווערסט זי נישט געפונען?

— איך וויל... איך וויל וויסן, וואָס האָט זי געבראַכט דערצו... איך וויל איר העלפן, אַז זי זאָל זיך מער נישט געפונען אין אַזאַ שטאַנד... איך קען נישט, איך קען זיך נישט באַרויִקן, ווען איך

ווייס, אַז לאה געפינט זיך אין אַזאַ שטאַנד. זי איז אַזאַ אָרנטלעך קינד געווען, זי קומט פון לייטישע עלטערן...

לעדערבערג האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס פיאָדאָר איוואַ-נאָוויטש איז פּלוצלונג אַזוי פרום געוואָרן און האָט רחמנות אויף אַזוינע מיידלעך; נאָר ווער קען פאַרשטיין, וואָס דאָס איז, אַבי ער וועט פאַרדינען ביי אים, וואָס-זשע איז עס זיין געשעפט! אפשר קען זיין, אַז עס וועט אים פיל מער אַרויסטראָגן, ווי ווען אפילו לאה זאָל זיך געפונען אין זיינע הענט און ער זאָל זי קענען פאַרקויפן.

— טאָמער האָט זיך דיר געחלומט אַ קו פאַר אַ ווינטמיל? — האָט זיך לעדערבערג אָנגעהויבן ביי אים צו דערפרעגן, כדי ער זאָל זי קענען לייכטער געפונען — טאָמער איז דאָס מיידל נישט לאה?

— ניין, אין אַלץ קען איך אַ טעות האָבן, נאָר נישט אין לאהן איך האָב זי געוויס געזען, בפרט נאָך, ווי איך האָב געהערט, איז זי אין ר... נישטאָ... זי איז געוויס אין אדעס און איז אַפילו צו מיר נישט געקומען! אָט ווי גרויס און שטאָלץ זי איז!

די ווערטער האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט, ווי מיט כעס אָדער מיט פאַרדראָס.

ווער קען וויסן דעם מענטשנס האַרץ! ווער קען דויסן, וויאַזוי אַ האַרץ קען פילן! ווער קען וויסן פיאָדאָרס האַרץ! עס קען זייער זיין, ווען לאה זאָל געווען קומען צו אים בעטן הילף, וויינען און קלאָגן פאַר אים, אַז עס איז איר שלעכט, אַז זי איז זייער אומגליק-לעך, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר און אויף איר קינד, אַז זי איז גרייט אויף אַלעם, אַפילו אויף דעם, וואָס ער האָט פאַרגע-לייגט, — ווען לאה זאָל אַזוי געווען טאָן, איז אפשר מעגלעך, אַז פיאָדאָר איוואַנאָוויטש וואָלט איר אַפילו אַ גראָשן נישט געוואָלט געבן און גאָרנישט געוואָלט וויסן פון איר.

נאָר די אָרעמע, אומגליקלעכע, געפאַלענע לאה איז געקומען קיין אדעס און איז צו פיאָדאָרן נישט געקומען בעטן הילף. זי האָט אַפילו נישט געוואָלט וויסן, צי דער גרויסער, רייכער פיאָדאָר איוואַ-נאָוויטש איז אין אדעס.

דאָס האָט פיאָדאָר נישט געקענט איבערטראָגן. אין זיין האַרץ איז געוואָרן אַ גאַנצע מלחמה. ס'טייטש, זי איז אַ פּוילִיש מיידל, אָן בילדונג, פון אַ קליין שטעטל און געפינט זיך אין אַזאַ נידעריי-קן שטאַנד. שטייט איר נישט אָן זיך אַפילו ווייזן צו אים!..

ווען פיאָדאָר איוואַנאָוויטש זאָל זיך נישט שעמען פאַר זיך אַליין, פאַר די פיר ווענט, וואָלט ער כאָטש זיך אַליין אַרויסגעזאָגט, דעם אמת: זי איז צו מיר נישט געקומען, ווייל זי רעכנט מיך נאָך נידעריקער פון זיך. זי איז אַקעגן מיר שטאָלץ. עס שטייט איר נישט אָן מיט מיר זיך צו באַגעגענען, דערפאַר וואָס איך בין אַן אויסוווּרף לויט איר מיינונג.

נאָר ער האָט די ווערטער אַליין פאַר זיך מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן. אָבער אַז לאה שטייט פיל העכער פון אים, אַז ער איז אַ נידעריקער מענטש, האָט ער געפילט מיט זיין גאַנצן האַרץ.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אָבער געליטן דערפון. עס האָט אים געמוטשעט, ער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן.

וואָס אייגנטלעך האָט אים געמאַטערט, האָט ער אליין זיך קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין האַרץ איז גוט און ערלעך.

ער האָט דערזען, ווי זיין אַמאָליקע לאה געפינט זיך אין אַזאַ שטאַנד, אַזוי אָרעם און אומגליקלעך. ווער ווייסט, ווי זי ליידט נאָך פון זיין קינד, פון דעם אומגליקלעכן קינד? דעם אמת געזאָגט, האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש מער נישט געוואָלט ווי באַפרידיקן זיין שטאָלץ, נישט זיין האַרץ, נישט זיין געוויסן, וואָס האָט קוים געפילט דאָס גרויסע פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן לאהן.

פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט זי געזען אויפן בולוואַר און וואָס מער אַ טאָג איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיין שטאָלץ מער געפאָדערט באַפרידיקונג.

וויפל מאָל ער האָט מיט זיך אַליין איבערגערעדט, וואָס קער ער זיך אָן מיט לאהן, וואָס קער זיך לאה אָן מיט אים? מאַלע וויפל לאהס עס געפונען זיך? וואָס האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צו אינטערעסירן מיט איר, וויאַזוי איר לעבט זיך?

שוין נישט איינמאָל האָט ער זיך טאַקע איבערגערעדט און איז באַרויקט געוואָרן, פאַרגעסן אָן לאהן; נאָר אָבער נישט אויף לאַנג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך ווייטער אָנגעהייבן אַ גאַנצער שטורעמווינט אין זיין האַרץ, עס האָט אים מער אָנגעהייבן צו מאַטערן ווי פריער.

עס איז שוין געוואָרן איינס אַ זייגער, ווען זיי זענען ביידע

אַרויסגעגאַנגען פון „פּאַריזער האָטעל״. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך געזעצט אין אַ דראָשקע.

געבנדיק לעדערבערגן די האַנט אויף צו געזעגענען זיך, האָט ער אים געזאָגט:

— איך האָף, אַז אַזוי וועט זיין, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. פון אַלעם זאָלט איר מיר באַלד שרייבן, אָדער מיר קענען זיך זען אין דעם האָטעל, ווען איר וועט נאָר געפונען פּאַר בייטיק. מיט איין וואָרט, איך האָף... צום ווידערזען!..

— האָסטו נישט דאָך געהאַט אַ טעות? — האָט לעדערבערג צום צענטן מאָל איבערגעפרעגט.

— וואָס פאַר אַ טעות? — האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש געפרעגט.

— ביזטו זיכער, אַז דו האָסט געזען לאהן?

— איך האָב דאָך דיר שוין צען מאָל געזאָגט, אַז איך בין זיכער, דו רעדסט דאָך נישט מיט קיין משוגענעם.

נו, אויב אַזוי, וועל איך זי געוויס געפונען. גאַנץ אדעס איז ביי מיר אויף דער האַנט.

מיט די ווערטער דאָבן זיי זיך נאָכאַמאָל צעשיידט.

לעדערבערג האָט זיך באַלד אויפגעזעצט אויף זיין דראָשקע, געשפּאַנט מיט איין פערד. זיין קוטשער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף אים לעבן האָטעל.

ער האָט אים אָפּגעשיקט צופוס אהיים און אַליין האָט ער באַלד פאַרקירעוועט רעכטס אויף דער „יעקאַטערינסקי-גאַס״.

דאָרט האָט ער זיך גענומען אין דער זייט און איז פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די קליינע שטילע גאַסן, עפּטער האָט ער דאָ באַגעגנט באַקאַנטע, אָפּגעשטעלט, אָפּגערעדט מיט זיי אַ פּאָר ווערטער און ווייטער געפאָרן. די „פּאָליציאַנטן״ האָבן לעדערבערגן מיט זיין פערד גוט געקענט און גוט געוווּסט זיינע געשעפטן, ווי זיי האָבן אים נאָר דערזען, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן כבוד — נישט געוויס פאַר אומזיסט.

פּונקט, ווי אַ פּאָליצמייסטער כאַפּט זיך אַרויס אַרום האַלבע נאַכט צו מאַכן אַ רעוויזיע אין שטאָט, צי יעדער „פּאָליציאַנט״ געפינט זיך אויף זיין אָרט, אַזוי פלעגט לעדערבערג עטלעכע מאָל אין דער וואָך די גאַנצע נאַכט אַרומפאָרן, זיך אָפּשטעלן אין פיל ערטער און ווייטער פאָרן.

היינטיקע נאכט האָט ער געוואָלט באַוויזן זיך צו זען מיט זיינע אַלע אַגענטן.

געוויס האָט אים פיאָדאָר איוואַנאָוויטש גוט באַצאָלט, און ווען מען פלעגט לעדערבערגן באַצאָלן, פלעגט ער שטענדיק ווערן בלייבן אַן ערלעכער מאַן.

ער האָט זייער מורא געהאַט, טאָמער איז לאה שוין נישט אין אדעס. טאָמער איז אַזאַ מיידל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַגענטן און זיי האָבן זי שוין עקספּעדירט. דעמאָלט וועט מען זי מוזן ווי צום גיכסטן ברענגען קיין אדעס.

XIII

8 קאָרעספּאָנדענץ וועגן נומער 1470.

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געווען זיכער, אַז לאה איז אין אדעס. לעדערבערג איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי כאָטש נישט ווייט פון אדעס געפונען.

נאָר לאה איז שוין אָבער געווען ווייט, גאַנץ ווייט פון אדעס אונטער אַן אַנדער הימל, אין אַ נייער לופט, אויף אַ נייער ערד, נאָר אויך מיט נייע פרישע צרות, נייע ליידן, נייע אומגליקן, נאָך אומגליקלעכער, ווי פריער!..

ווי קען נאָך זיין אומגליקלעכער, ווען מען איז פאַרקויפט צו יענעם און יענער פאַרקויפט יעדן — ווער עס באַצאָלט נאָר עטלעכע גילדן! — אָט אין דער אומגליקלעכסטער לאַגע האָט זיך איצט געפונען די פאַרפאַלענע לאה.

אין אַ פינסטערער שמאָלער גאַס פון דער גרויסער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל — אויף אַזאַ גאַס, וווּ אַ גאַנצן טאָג זענען פאַרמאַכט די לאָדן און די גאַנצע נאַכט הערט מען נאָר דעם קול פון דעם שיכור, דעם געשריי פון דעם גנב, פון דעם רויבער, די גערעדער־

פון די איבעריקע מענטשן, וואָס לעבן אומזיסט אויף דער וועלט, צווישן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פאַרדאַרבענע נשמות.

אָט אין אַזאַ גאַס, אין אַזאַ הויז, האָט זיך געפונען לאה. צו אַזוינע מענטשן פלעגט זי איר באַלעבאָס עטלעכע מאָל אין מעת-לעת פאַרקויפן און דערנאָך איז ער ווייטער געווען איבער איר אַ פולער באַלעבאָס, אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט זי איינמאָל אָפּגעקויפט, מזומן אָפּגעצאָלט די אדעסער סוחרים הונדערט טערקישע לירעס, אָדער 600 רוסישע רובל.

מען דאַרף קענען די שטאָט אדעס. מיט אירע אַלע פרומע מומעס, באָבעס, שדכנטעס, מעקלערינס און די לייט פון לעדערבערגס קאָמפּאַניע, וואָס כמעט גאַנץ אדעס איז פול מיט זיי. ערשט דעמאָלט וועט מען קענען פאַרשטיין, ווי גרינג יעדעס מיידל קען אַריינפאַלן אין זייערע הענט, בפרט נאָך אַזאַ אומגליקלעך עלנט מיידל, ווי לאה, וואָס איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט זיך פאַרדינען ערלעך ברויט פאַר זיך און פאַר איר קינד.

לאהן האָט מען פאַרגעשלאָגן אַ גליקלעכע שטעלע. זי האָט זיך טאַקע עטלעכע טעג געפונען פאַר גליקלעך אויף דער נייער שטעלע.

נישט דער באַלעבאָס, נישט דער זון, נישט דער איידעם האָבן זיך צו איר געטשעפעט. געלט האָט מען איר געגעבן פאָרויס פאַר אַ חודש. זי האָט באַצאָלט אירע חובות, און דאָס איבעריקע אַוועק-געשיקט אויף ר' זלמינעס אַדרעס אין דער שטאָט ר... פאַר איר קינד.

נאָר אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, אַז זי פאָרט קיין אויסלאַנד און נעמט זיך איר דינסט אויך.

אונטער אַ לויטערן אויסגעשטערנטן הימל איז די באַלעבאָסטע מיט איר דינסט לאה שוין געזעסן אויף דעם דאַמפער, וואָס שווימט איבערן שוואַרצן ים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

גליקלעך האָט זיך לאה געפילט די גאַנצע רייזע. זי האָט זיך אַלעמאָל דערמאנט אָן איר גרויס גליק, ווי זי מיט איר קינד לעבט פון איר אייגענער אַרבעט.

אין איין אָוונט, האָט זי דערזען, ווי זי געפינט זיך אין אַ הויז צווישן פרעמדע מענטשן. איר באַלעבאָסטע האָט זי שוין מער פאַר אירע אויגן נישט געזען, נאָר אַ נייעם באַלעבאָס מיט אַ נייער באַלעבאָסטע, וואָס האָבן איר מודיע געווען, אַז פון היינט אָן און

ווייטער געהערט זי צו זיי, וואָרים זיי האָבן אָפּגעצאָלט פֿאַר איר 100 טערקישע לירעס.

פון אַלע זייטן האָט זי דערזען, ווי זי איז סוזינט מאָל פֿאַרקויפט גלייך מיט אַלע אירע חברטעס, צווישן וועלכע זי האָט זיך געפונען. זי האָט זיך געמאַטערט, זי האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס עס קומט איר אַזוי אָפּקומען אויף דער וועלט.

זי האָט פון זיך אַליין אויפגעהערט צו טראַכטן. זי האָט זיך גערעכנט פֿאַר אָפּגעשטאָרבן פון דער וועלט, און האָט באַשלאָסן אַ שרעקלעכע זאַך: אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן וויסטן אָרט. דאָס הייסט געשפּילט מיט דעם לעבן, פיל ערגער ווי דעם קאַטאָרזשניק, וואָס איז פאַרמשפט אייביק אויף קאַטאָרגע און פּרובירט אַנטלויפן און מען כאַפּט אים. זי האָט זיך שטרענג אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן און לאָז מען טאָן מיט איר וואָס מען וויל.

פיל שלעכטער זענען געווען פאַר איר, נאָר סוף כל סוף איז איר געלונגען צו אַנטלויפן.

נאָך איר אַנטלויפן האָט איר באַלעבאָס באַקומען פון אדעס אַזאַ בריוועלע:

„מיינע לייט אין מיין אַרומרייזן איבער דער פּראָווינץ האָבן אייך פאַרקויפט פאַר 100 לירעס נומ. 1470. דעם נומער בעט איך מיר צוריק פאַרקויפן. 50 לירעס האָט איר פאַרדינסט, קען איך אייך שיקן פאַר דעם נומער צוויי נייע נומערן פיל שענער און מער אַנטיקן. מיט איין וואָרט איך וועל באַשטיין אויף וועלכע באַדינגונגען איר ווילט, נאָר איר זאָלט מיר ווי צום גיכסטן צוריק פאַרקויפן דעם נומער 1470. אייך איז עס אַלצאיינס און מיר איז דער נומער זייער נייטיק. איך וואַרט אויף אַ תשובה. בלייבט געזונט און גאָט זאָל אייך באַשערן גוטע געשעפטן, ווי עס ווינטשט אייך אייער בעסטער פריינט

לעאָן באָריסאָוויטש לעדערבערג".

מיט דער ערשטער פּאָסט האָט לעדערבערג באַקומען פאָלגנדע תשובה:

פיל געערטער פריינט לעאָן באָריסאָוויטש!

פון אַלטער באַקאַנטשאַפט, פון אונדזערע געשעפטן, וואָס מיר פירן שוין עטלעכע יאָר צוזאַמען, ווייסט איר גאַנץ גוט, אַז איך האַנדל מיט אייך ערלעך. גאָט איז מיין עדות, אַז

איך בין נאָך קיינמאָל פון אייערע ווערטער נישט אוועקגע-גאַנגען, בפרט נאָך אייך אָפּזאָגן פון אַזאַ קליינינקייט, ווען איר לייגט מיר נאָך פאַר 50 טערקישע לירעס ריין פאַרדינסט. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וואָלט נישט געוואָלט קיין שום פאַרדינסט, איך וואָלט נאָך אָנגעווירן 50 לירעס, אַבי אייך אַ טובה טאָן. נאָר צו מיין גרויס אומגליק האָט מען דעם נומער 1470 ביי מיר אַוועקגעגנבעט, אָדער ער איז אַליין אַנטלאָפן. עס האָט מיר נאָך געקאָסט פיל געלד זוכן אים און ער איז ווי אין וואַסער אַריין. איך הייב גאָרנישט אָן צו פאַרשטיין, ווו אַזוינס האָט זיך געקענט ביי מיר טרעפן. איר קענט איצט פאַרשטיין מיין ביטערע לאַגע, אַז אין אַזאַ שלעכטער צייט זאָל איך נאָך אָנווערן מזומן 100 לירעס, איך רעכן שוין גאָר-נישט, וויפל איך וואָלט געקענט אין דעם נומער פאַרדינען. איך האָב פיל בריוו וועגן אים באַקומען מיט אַ סך פאַרדינסט, נאָר אַז מען האָט קיין מזל, העלפט נישט. איין גאָט זאָל זיך נאָר אויף מיר מרחם זיין, און זאָל פאַרבעסערן די צייטן. ווער ווייסט נאָך, ווי איר, ווי שווער עס קומט אָן, וויפל געלט עס ברענגט אויס, וויפל צייט מען פאַרלירט, וויפל שרעקענישן מען טראָגט איבער, ביז מען פאַקט דאָס אמתע פאַרדינסטל.

איין גאָט ווייסט נאָר, וויפל עס האָט מיר געקאָסט, איידער איך האָב דעם נומער 1470 דערלעבט צו זען ביי זיך אין הויז. און איצט האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט. נאָר וואָס קען מען טאָן, אַז עס קומט אויף אַ מענטשן אַן אומגליק, מסתמא הייסט גאָט אַזוי, נאָר וואָס טוט מען ווייטער? מיין הויז קען אָן אַזאַ נומער נישט זיין. זי איז געווען די גאַנצע באַשיינונג פון מיין הויז. פון אַלע סאָרטן האָב איך, נאָר אַזוינע פעלט מיר. דערום בעט איך אייך, ליבער ברודער, ווי צום גיכסטן זען מיר עקספּעדירן אַזאַ סאָרט. כאָטש עס איז מיר שווער איצט נאָכאַמאָל צו קויפן אַזאַ טייערן סאָרט, נאָר וואָס קען איך טאָן? איך וועל טאָן אַלץ און וועל באַצאָלן. און אויב איר וועט מיר וועלכן טאָן אַ טובה, ווי אַן אמתער פריינט, וועל איך אייך צו ביסלעך אויסצאָלן. איך האָף ווי צום גיכסטן באַקומען דעם סאָרט.

איך ווינטש אייך פיל גליק און געזונט מיט אייער פאַמיליע, און גאָט זאָל שוין אויף אונדז רחמנות האָבן, די צייטן זאָלן ווערן אַ ביסעלע בעסער...

ב... נ...״

די לעצטע פאַרשטייען שוין אַליין, אַז לאה איז אין זייער עקספעדיציע-ביכער געווען פאַרשריבן אונטערן נומער „1470״.

לעדערבערגן האָט דער בריוו פון זיין אמתן איבערגעגעבענעם פריינט ב... נ... גערירט ביז טרערן. ער האָט נישט איינמאָל איבערגעחזרט די ווערטער:

— אַ קלייניקייט, מיט איין מאָל אַזאַ גרויסן שאָדן פאַר אַ מענטשן! היינט ווי קריגט מען אַזוי גיך נאָכאַמאָל אַזעלכעס?

נאָכדעם, ווי ער האָט באַדויערט און באַקלאָגט די ביטערע לאַגע פון זיין פריינט, האָט ער זיך דערמאַנט אָן זיינע אייגענע צרות, אַז ער מוז אומקערן פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן דאָס האַנטגעלט, וואָס ער האָט ביי אים געקומען.

אין די זאַכן איז לעדערבערג געווען אַן ערלעכער מאַן. ווייבאַלד ער האָט פאַר יענעם גאָרנישט געטאָן, פלעגט ער דאָס האַנטגעלט אָפּגעבן, נאָר אָפּרעכענען די הוצאות, וואָס עס האָט אים געקאָסט. דערפאַר אָבער, ווען ער פלעגט פאַר יענעם נאָר עפּעס טאָן, איז יענער ביי אים געוואָרן אַ גוטע מעלקנדיקע קו און ער האָט נאָכדעם אומגליק נישט איינמאָל באַדויערט.

מיט אַ זייער צעבראָכענער האַרץ האָט ער פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן צוריק אָפּגעגעבן און מיט זיינע אייגענע הענט אָפּגעצאָלט דאָס האַנטגעלט. נאָר נאָך מיט אַ מער צעבראָכענער ביטערן האַרץ האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש צוריק צוגענומען דאָס געלט.

דריטער טײל.

I

אהײם.

צום קאָנסטאַנטינאָפּאָליער פּאָרט, פונוואַנען מען קען מיט דעם דאַמפּער פאָרן פאַר עטלעכע רובל צוריק קײן אדעס, קײן רוסלאַנד, צוריק אַהײם, — אַהין איז לאה נישט אַנטלאָפן.

און זײער גוט האָט זי געטאָן, װאָרים װען זי לױפט צום פּאָרט, װאָלט מען זי געװיס געכאַפּט. װען נישט דאָ, איז אין דעם אדעסער פּאָרט, װײל אױף די ערטער דרײען זיך אַרום די חברה מיט זײערע אגענטן און גאַנץ אָפט געפונען זײ זײערע אַנטלאָפענע. לאהס באַלעבאָס האָט אױך נישט געשװיגן. ער האָט איבערגעטאָן אַלע מעגלעכקײטן זי צו געפונען און עס װאָלט אים געװיס געלונגען, װען זי זאָל נאָר געװען אַנטלױפן מיט דעם פּאָרט נאָך אדעס.

לאה האָט אָבער איר אַנטלױפן פריער גוט באַטראַכט, אַז זי זאָל שױן נישט דאַרפן אָנקומען אין זײערע הענט, װוּ דער טױט װעט איר זײן ליבער װי דאָס לעבן. זי איז פריער געװאָר געװאָרן, אַז פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קײן אדעס קען מען אױך קומען מיט דער יבשה ד. ה. איבער מאַקעדאָניע, בולגאַריע, רומעניע א. אַז. װ. אָבער איבער װעלכע שטעט זי דאַרף פאָרן, האָט זי נישט געװוּסט. זי האָט נאָר געװוּסט, אַז די ערשטע שטאָט איז אַדריאַנאָפּאָל. פאַר דעם לעצטן געלט איז זי אין דער שטאָט געקומען.

דאָ, אין דער פרעמדער שטאָט, אין דעם פרעמדן לאַנד, מיט פרעמדע שפּראַכן, וואָס זי האָט אין איר לעבן נישט געהערט, האָט זי געזען, אַז זי איז אַ שטומע. קיין צוויי טעג איז זי דאָ נישט גע־שטאַנען. זי האָט פאַרקויפט אַלע אירע זיידענע קליידער, וואָס איר באַלעבאָס האָט איר געגעבן צו טראָגן ביי אים אין הויז, און פאַר דעם געלט איז זי איבערגעפאָרן גאַנץ בולגאַריע.

וואָס עס איז נאָר געווען אויף איר, האָט זי פאַרקויפט און פאַר דעם לעצטן גראָשן האָט זי זיך קוים דערשלעפּט אין דער הויפּט שטאָט פון רומעניען; — בוקאַרעשט.

דאָ האָבן זיך אויסגעלאָזט אירע אַלע מיטלען ווייטער צו פאָרן. עס האָט נישט געהאָלפן איר טראַכטן מיט אירע פּלענער. דערוויילט זענען שוין אַזוי אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג און די באַלעבאָסטע פון דעם איינפאָר־הויז, אין וועלכן זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט שוין געמאָנט פאַר איר בעטל פאַר עטלעכע נעכט.

איינמאָל, ווען די באַלעבאָסטע איז זייער צוגעשטאַנען, זי זאָל איר באַצאָלן און אָנגעהייבן אויף איר קוקן זייער פאַרדעכטיק, האָט לאה איר געענטפערט:

— מאָרגן וועל איך אייך באַצאָלן, מאָרגן אָן אַ תירוץ.

זי האָט עס איר עפּעס אַזוי זיכער געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע האָט געגלייבט און איז אַוועקגעגאַנגען צופרידן.

און מערקווירדיק, לאה איז אויך געווען זיכער, אַז מאָרגן וועט זי איר באַצאָלן, כאָטש זי האָט נאָך קיין שטיקל האָפענונג נישט גע־האַט, ווי צו קריגן געלט. פאַרוואָס־זשע האָט זי אַזוי פאַרזיכערט, אַז מאָרגן וועט זי געוויס באַצאָלן? — זי האָט אַליין נישט געוווּסט.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן. נאָכדעם אָוונט קומט די נאַכט און נאָך דער נאַכט דער פרימאָרגן. זייער שרעקלעך האָט זיך איר פאָר־געשטעלט דער מאָרגנדיקער טאָג. זי האָט זיך גענומען שטאַרק באַ־טראַכטן, וואָס מען טוט.

— וווהין זאָל איך גיין, און וואָס זאָל איך טאָן? — האָט זי זיך איבערגעפרעגט צום צענטן מאָל. — עס זענען דאָך דאָ אויף דער וועלט נאָך אַ סך אַזוינע אָרעמע מיידלעך, ווי איך, פונדעסטוועגן איז זיי אַזוי נישט שלעכט, ווי מיר. די האָט אַ שטעלע, די געפינט זיך אַרבעט, עס געפינען זיך גוטע מענטשן, וואָס האָבן רחמנות...

עס זענען איר אויפגעקומען די אַלע ערלעכע געדאַנקען וועגן

ערלעך אַרבעטן און זיך פאַרדינען, פונקט ווי אַמאָל, ווען זי האָט געטראַכט, איידער זי האָט פאַרלאָזט איר שטאָט ר...

נאָר באַלד האָט זי זיך מיט גרויס שרעקעניש דערמאָנט, וואָס עס האָט זיך אין אָדעס אויסגעלאָזט פון אירע אַלע ערלעכע געדאַנקען, פון אירע אַלע שטעלעס.

— ניין, איך וויל נישט קיין שטעלעס... איך וויל נישט, אַז גוטע מענטשן זאָלן אויף מיר רחמנות האָבן. איך וועל בעסער אָט דאָ שטאַרבן פאַר הונגער איידער אָנקומען נאָך שטעלעס און צו יענעמס נאָך טובות!

פלוצלונג האָט זי דערזען אין שטיקל צעבראָכן שפּיגל־גלאָז, וואָס איז געהאַנגען איבער איר אָרעמען בעט אויף דער וואַנט, אירע צוויי שיינע שוואַרצע אויגן, אירע דינע ליפּן, אירע ווייסע ציין, ווי פּערל, אירע שיינע האָר... שוין זייער לאַנג, אַז זי האָט נישט געקוקט אין שפּיגל. שוין לאַנג, אַז זי האָט אויף זיך קיין קוק נישט געטאָן. זי איז געווען זיכער, אַז זי איז מיאוס, פאַרוויסט, פאַרפינסטערט, פונקט ווי איר וויסט, פינסטער מזל. זי האָט זיך נישט געריכט, זי זאָל נאָך אַזוי שיין אויסזען.

כאָטש פון איר זייַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז די אַ סך עלטער געוואָרן, אָפּגעצערט, מיט איינגעפאַלענע באַקן, אָן איר שטענדיקער אייגענער רויטער פאַרב, נאָר דאָס אַלץ האָט עפּעס, ווי געפּאַסט צו אירע גוטע לעבעדיקע אויגן.

לאה האָט פון תמיד אָן געגלייבט, ווען מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שיין. זי האָט שטענדיק געוווסט, אַז זי איז זייער שיין, נאָר זי האָט שוין לאַנג וועגן דעם נישט געטראַכט, שוין לאַנג וועגן דעם פאַרגעסן. איצט ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָט זי זיך דערמאָנט.

ווי אַ שיין מיידל, וועלכע באַקומט פּאָקן, שטייט אויף פון איר קרענק און דערזעט אין שפּיגל, ווי איר שיין פּנים איז שרעקלעך פאַרענדערט געוואָרן, פול מיט שטופּלען, מיאוס, — אַזוי איז לאה אויך דערשראָקן געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, אַז זי איז נאָך שיין!

מיט גרויס ציטערניש האָט זי זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— אָט וואָס מיין אומגליק איז! אָט וואָס עס האָט מיך געבראַכט צו אַזוינע גרויסע אומגליקן און צרות! ווארים ווען איך זאָל נישט זיין שיין, וואָלט ער מיך נישט ליב געהאַט. (זי האָט געוויס געמיינט פּיאָדאָר איוואַנאָוויטשן). עס וואָלט זיך מיט מיר גאָרנישט געטראָפן.

איך וואָלט איצט געווען אַן ערלעך מיידל גלייך מיט אַלע. און אפילו ווען עס זאָל זיך מיט מיר יאָ געווען טרעפן עפּעס, ווי עס טרעפט זיך און עס וואָלט מיר אויסגעקומען שלעכט, ווי אין דער צייט ווען איך בין געקומען קיין אדעס, וואָלט איך געקענט זיין אויף אַ שטעלע גלייך מיט אַלע מיידלעך. איך וואָלט מיר מיין אַרבעט אָפּגעהיט און קיינער וואָלט מיך נישט געטשעפּעט. קיינער וואָלט צו מיר גאָרנישט געהאַט, ווען איך זאָל נישט זיין שיין, וואָלט איך דען איצט געהאַט אַזוינע צרות, ווי איך האָב? איך וואָלט געווען גליקלעך, איך וואָלט זיך געגאַנגען ערגעץ קריגן אַרבעט. איך וואָלט געבעטן גוטע מענטשן, זיי זאָלן אויף מיר רחמנות האָבן און מיר געבן אַרבעט, אַ שטעלע.

— קיינער, קיינער, וואָלט מיך נישט געטשעפּעט, מען וואָלט מיך גע-לאָזט רויִק אַרבעטן, רויִק לעבן. קיינער וואָלט מיר נישט געשטערט ערלעך לעבן... אוי, ווי אומגליקלעך זענען מיר, מיידלעך, ווען מיר זענען אָרעם און שיין!... וואָס זאָל איך איצט טאָן? גיין בעטן עמעצן, ער זאָל קריגן פאַר מיר אַרבעט, וועט ער, ווי אַ פוקס ווערן מיין בעל טובהניק, רחמנות האָבן אויף מיר, „אַן עברה צו פאַרשמירן אייערע ווייסע שיינע הענטלעך", וועט ער זאָגן... גיין אין אַ שטוב דינען, וועט זיך שוין געפונען דער באַלעבאָס, אָדער דעם באַלעבאָס זון, וואָס וועלן רחמנות האָבן אויף מיר און צוזאָגן גליקן... קען איך דען פאַר-געסן, ווי די אדעסער באַלעבאָסטע האָט מיך מיט שאַנד אַרויסגע-טריבן? איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין ריין, איך בין נישט שולדיק... ניין, לאָז זיין, וואָס עס זאָל זיין, איך וועל נישט בעטן קיין אַרבעט. איך וויל נישט זיין אויף קיין שטעלע.

זי האָט געפּילט, ווי דער קאָפּ דרייט זיך איר זייער פון פיל טראַכטן און זי איז אַריינגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע אין קיך אַ ביסל זיצן. אין אויוון האָט זיך נאָך געהייצט, די באַלעבאָסטע איז געווען פאַרנומען ביים אויוון און אירע קינדערלעך האָבן זיך געמוזט אַליין שפּילן ביי דער טיר. לאה האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין קינדער, זי האָט זיך אויף זיי פאַרקוקט.

דאָס עלטערע קינד, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן איז געזעסן רייטנדיק אויף אַן אָפּגעברענטן שטעקל פון דעם אויוון און מיט גרויס פרייד געשריען צו זיין קליין שוועסטערל פון אַ יאָר פינף:

— דו, פריידעלע, זעץ זיך אַזוי אַנידער און טרייב מיך אָן, וועלן מיר גלייך אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד נאָך סחורה. מיר וועלן קויפן די-

סחורה, וועלן מיר פאָרן צוריק אַהיים. די מאַמע וועט אונדז שרייבן בריוו און עס וועט זיין אַזוי גוט! — נעם די ווישקעס און האַלט זיי שטאַרק. — האָט ער ווייטער געשריען און איר דערלאַנגט די עקן פון צוויי לאַנגע בענדלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל.

מיט גרויס פרייד און מיט אַ קוויטש, וואָס האָט געהילכט איבער דער קיך, ווי פון אַ זילבערן גלעקל, האָט פריידעלע אָנגעכאַפּט די עקן בענדלעך, זיך אָנידערגעשטעלט רייטנדיק ביים עק שטעקן, אַ שמיץ געטאָן מיט אַ בענדל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ בייטש און מיט גרויס גדלות אויסגעשריען:

— מאַמעניו, זיי געזונט, איך פאָר אַוועק קיין רוסלאַנד! איך וועל דיר שרייבן בריוו. גיב אַכטונג, אַז מיין ליאַלקע זאָל נישט וויי־נען, אַלע אינדערפרי זי אָנטאָן, אויסצוואָגן און אָפּוואַשן. ווען איך וועל קומען צופאָרן, וועל איך איר ברענגען א סך מתנות, אבי זי זאָל נישט וויינען, אַז די מאַמע פאָרט אַוועק.

זי האָט ווייטער אַ מאַך געטאָן מיט די ווישקעס, און שטייענדיק אויף אָן אָרט, האָבן זיי ביידע אָנגעהייבן שטאַרק טופּען מיט די פיסלעך גאַנצע צוויי מינוט און דאָס ברודערל האָט אַ געשריי געטאָן:

— טפּררר! שטיי! מען דאַרף די פערד שוין געבן עסן.

ער האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל די בענדלעך. זי איז אַוועקגע־גאַנגען אַ ביסל אינדערזייט פון דעם שטעקל. ער האָט געמאַכט מיט די בענדלעך, פונקט ווי ער גיט צו עסן פערד, און זי האָט זיך אויף קאַטאָוועס געזעצט וויינען:

— איך האָב אינדערהיים איבערגעלאָזט מיין קינד אויף הפקר... ווער וועט דאָס זייגן? ווער וועט דאָס וויקלען, אַז איך בין נישטאָ? איבערגעלאָזט עס אויף פרעמדע הענט...

זי האָט נאָך נישט געענדיקט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט פון איר מאַמען ערשט פאַראַכטאָגן, ווען יענע איז אויף צוויי טעג אַוועק־געפאָרן, האָט שוין דער בעל־עגלה זיך איינגעשפּאַנט אין די בענדלעך און געשריען, אַז ער קען נישט וואַרטן, ער מוז פאָרן. עס איז שוין באַלד נאַכט. עס כמאַרעט זיך אָן אויף אַ רעגן, מען דאַרף גיכער קומען אין קרעטשמע. די פאַרשוינען זענען ווייטער אַוועק, אַלע צוויי מינוט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ נייער קרעטשמע און אין פופצן מינוט אַרום זענען זיי שוין צוריק געקומען פון רוסלאַנד מיט דער איינגע־קויפטער סחורה.

פריידיטשקע איז, ווי אַ אָפּגעבריטע, ווי אַ הייסע מוטער גע-פלויגן גלייך אונטערן טאַפּטשאַן, אַרויסגעשלעפּט דעם טאַטנס אַן אַלטן קאַלאָש, וווּ עס איז געווען איינגעוויקלט איר ליאַלקע, און האָט זיך אויף קאַטאָוועס צעוויינט פאַר גרויס שמחה.

— אוי, מיין ליב קינד, איך האָב דיך איבערגעלאָזט אַליין, אוי, וויי איז מיר! זעט נאָר וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט... איך קען עס גאָרנישט דערקענען... מען האָט עס אפילו איינמאָל נישט געבאָדן און נישט געוויקלט, ווי עס דאַרף צו זיין.

ווי אַ געטרייע מוטער האָט זי אָנגעהייבן איבערוויקלען די ליאַלקע און דערביי מיט אַ רחמנות-פּנים אָנגענומען דאָס קינד:

— וויין נישט, מיין טייערע, די מאַמע איז שוין געקומען, זי וועט שוין קיינמאָל נישט אַוועקפאָרן. דו ביזט ביי מיר טייערער פון אַלץ. איך וועל דיר נאָך אָפּבאָדן און איינוויקלען, וועסטו זען, וואָס פאַר אַ טייערע מתנות איך האָב דיר געקויפט.

דערנאָך האָט פריידיטשקע זי אַנידערגעלייגט ביי זיך אויפן פאָ-דאָלקע און איר געגעבן זייגן:

— ביזט אוודאי הונגעריק, מיין טייער קינד. זייג ביי דער מאַ-מען, איך בין דאָך דיין מאַמע... נאָר וואָס וויינסטו? איך האָב דאָך דיר געבראַכט אַ סך מתנות...

און בעת מעשה האָט זי אָנגעהייבן אַרויסשלעפּן פון דער קע-שענע אַלע אירע שפּילעכלעך און אַוועקגעשענקט דער ליאַלקע און ווייטער געגעבן זייגן, צוגעדריקט צום האַרצן און מיט גרויסער ליב-שאַפט אירע גרויסע שוואַרצע אייגעלעך פון איר קינד נישט אַראָפּ-גענומען.

קיין שום אַקטיאָר איז נישט אַזוי אימשטאַנד ריכטיק נאָכצו-מאַכן סצענעס פון לעבן, ווי קינדער, ווען זיי שפּילן זיך. לאה האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט אויף זייער שפּיל, אַז זי האָט פאַר זיך געזען איר קינד, ווי זי האָט עס איבערגעלאָזט אַליין אויף פרעמדע הענט, קיינער גיט עס נישט צו זייגן, עס שרייט, עס רייסט זיך, עס ליגט אין נאַסע ווינדלעך...

לאה האָט געפילט די פרייד, ווען די מוטער איז געקומען צוריק צו איר קינד! זי האָט געפילט, ווי זי דריקט צו איר קינד צום האַרצן און זי איז געווען גליקלעך. נאָר ווען פריידיטשקע האָט צוריק די ליאַלקע אַנידערגעלייגט אין קאַלאָש, מיט אַ וויגלידעלע עס פאַרוויגט,

און ווען עס איז איר לאַנגווײַליק געוואָרן דאָס שפּיל, האָט זי ווײַטער די ליאַלקע מיט דעם קלאָרש פּאַררוקט אונטער דעם טאַפּטשאַן און צוגעלאָפן צו דער מוטער לעבן אויוון, זיך צעוויינט, ווי אַ קינד, אַז זי וויל שוין עסן. דעמאָלט האָט לאה זיך דערמאַנט, אַז זי איז נאָך גאַנץ ווײַט פון איר קינד!...

גאָט ווייס, וואָס מיט איר וואָלט איצט געשען, נאָר זי האָט אַרומגעכאַפּט פרײַדיטשקען און זי שטאַרק געקושט. עס איז איר גע-געוואָרן אַ סך גרינגער, נאָר פונדעסטוועגן איז זי זייער טרויעריק אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין שטיבל.

אין גאַס איז שוין געווען פינסטער. דער גאַנצער הימל איז שוין געווען אויסגעשטערנט, אַלע לאַמטערנעס פון די גאַסן האָבן גע-ברענט. לאה האָט דורך איר שמאָל פענסטער געקוקט אויף דער גאַס, נאָר אירע געדאַנקען זענען געווען ערגעץ אַנדערש.

— בין איך נישט קיין נאַר? איך טראַכט, איך דריי זיך דעם מוח, ווו נעמט מען מאָרגן צום צאָלן דער באַלעבאָסטע? פריער מיט אַ שעה האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווען איך זאָל האָבן צו באַצאָלן דער באַלעבאָסטע, וואָלט איך געווען אַ גליקלעכע, זי וואָלט מיר שוין נישט געמאַטערט, איך וואָלט געווען רויִק. אוי, ווי פאַרגעס איך זיך! איז דאָס דען מײַן זאָרג? זאָרגן פאַר אַ דירה! וואָס טו איך דען דאָ אין בוקאַרעשט אַזוי לאַנג? איך דאַרף דען דאָ בלײַבן? איך פאַר דאָך אַהיים. איך האָב דאָך מײַן גאַנץ לעבן אײַנגעשטעלט און בין אַנטלאָפן, איך זאָל קענען קומען אַהיים צו מײַן קינד!... לאָז זײַן דאָרט מיט מיר, וואָס עס וויל זיך, אבי איך זאָל זײַן שטענדיק מיט מײַן קינד! וואָס-זשע טו איך דאָ? און אַז איך וועל שוין באַצאָלן פאַר מײַן צימער, וואָס-זשע האָב איך דאָ ווײַטער צו טאָן? שטעלעס וויל איך דאָ נישט זוכן: קיין טובות פון מענטשן וויל איך נישט בעטן... וואָס-זשע וועט זײַן דער סוף? ניין, איידער בעטן ביי יענעם טובות איידער...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ און אויסגעשריען שטיל פאַר די ווענט: הונגער, קעלט, צרות, אַלץ בין איך אימשטאַנד איבער-לײַדן, נאָר נישט זען זיך מיט מײַן קינד! מײַן קינד זאָל זײַן אין פרעמדע הענט! ווער ווייסט, צי עס איז שוין ביי ר׳ זלמינען! פאַר מײַן קינד, פאַר מײַן קינד, אַלץ!...

זי איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, איינגעוויקלט אין דעם איינציקן שאַל, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

לאַנג האָט זי זיך געדרייט אויף די טראַטואַרן פון דער בוקאַרעשטער גרויסער גאַס.

אַמאָל הונדערט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס געוואָלט טאָן, עפּעס געוואָלט זאָגן. נאָר זי האָט גאָרנישט געטאָן, און איז ווייטער געגאַנגען.

נאָר פּלוצלונג איז זי געבליבן שטיין און האָט אָפּגעשטעלט אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, זייער רייך געקליידט.

ער האָט זיך באַלד אַנידערגעשטעלט און געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. נאָר זי האָט געשוויגן.

פאַר דער ליכטיקייט פון די גאַס־לאַמטערנעס האָט ער נאָר געזען, ווי זי איז זייער בלאַס, ציטערט מיט אַלע אברים און שאָקלט מיט די ליפּן.

ער האָט עפּעס אַרויסגענומען פון קעשענע, איר געגעבן אַ נדבה און אַליין גיך אַוועקגעגאַנגען זיין גאַנג.

לאה איז געבליבן אויף איר אָרט שטיין און איז אַ ביסל געקומען צו זיך פאַר שרעק. זי איז שוין אַליין, זי טשעפּעט קיינעם נישט. זי האָט אויפגעמאַכט די האַנט און געזען פינף רומעניש באַניס (גאָלדענע מטבעות). ווי איינער ווערט שטאַרק פאַרוונדערט אויף אַ זאַך, וואָס ער זעט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, אַזוי האָט זי מיט פאַרוונדערטע אויגן געקוקט אין דער זייט, וווּ דער מאַן איז אַוועקגעגאַנגען און נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם געלט און געוואונדערט זיך:

— ער האָט מיר געגעבן געלט און איז אַוועקגעגאַנגען? געלט געגעבן און וויל גאָרנישט פון מיר? וואונדערלעך!... פאַרוואָס־זשע האָט ער מיר געגעבן?

זי האָט זיך אַזוי געוואונדערט, ווי גלייך זי זאָל זען אַ זאַך, וואָס איז נישט מעגלעך, וואָס קען גאָרנישט זיין און נישט פאָרקומען.

אומגלייבלעכע! זי האָט נישט געגלייבט, אַז עס זאָל זיך געפונען אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל איר געבן אַזויפיל געלט און גאָרנישט וועלן פון איר.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן לאָרבערבלאַט, ווי ער האָט איר געגעבן נאָכמער געלט און אויך געזאָגט, אַז ער האָט נאָר רחמנות

אויף איר. זי האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך דעם מענטשן, נאָר זי האָט אים שוין נישט געקענט געפינען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען אויף איר קוואַרטיר, אָנגעצונדן אַ ליכט. דאָס געלט אַנידערגעלייגט אויפן טיש; אין דער ליכטיקייט האָט דאָס געלט געבלישטשעט פאַר אירע אויגן. לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגן אויף דעם טיש, און זיך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן... פּלוצלונג איז זי רויט געוואָרן און זיך שטאַרק פאַרשעמט; שטיל האָט זי געזאָגט, אַז נאָר די ווענט האָבן געהערט:

— דאָס איז אַ נדבה!... מען האָט מיר געגעבן אַ נדבה און איך האָב גענומען!

ווען זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט דאָס געלט, איז די זייער פריידעך געוואָרן: עס איז געווען פּונקט צו באַצאָלן דער באַלעבאָסטע.

עס איז נאָך איבערגעבליבן אויף אַן אָנבייסן. זי האָט שוין עטלעכע טעג נישט געגעסן קיין אָנבייסן, נאָר טרוקן ברויט.

אך, ווי גוט! די באַלעבאָסטע וועט מיר שוין נישט מאָנען, איך וועל זיין פריי, איך וועל קענען ווייטער פאָרן. איך וועל מאָרגן עסן אָנבייסן. עס איז מיר שוין אַזוי טרוקן אין האַלדז... עס זענען נאָך דאָ אַזוינע גוטע מענטשן... וואָס האָבן רחמנות, אָ, ווי שלעכט בין איך! איך האָב מורא געהאַט פאַר מענטשן, ווי פאַר ווילדע חיות.

*

דער אָנהייב איז תמיד שווער — לאחן איז זייער שווער געווען צו בעטן אַ נדבה, נאָר דערנאָך, ווען זי האָט באַצאָלט דער באַלעבאָסטע און געבליבן עטלעכע טעג און ווידער נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן (עס האָבן זיך שוין מער נישט געפונען אַזוינע גוטע מענטשן, וואָס זאָלן מיטאַמאָל געבן 5 באַניס) און די באַלעבאָסטע האָט זי מער נישט געוואָלט האַלטן, האָבן זיך ווידער געפונען דורכגייער, וואָס האָבן איר געגעבן אַ נדבה. זי איז געווען הונגעריק, שוואַך, צעבראָכן און האָט גענומען.

ווען אַ מענטש פאַרנעמט זיך מיט עפּעס אַ מלאכה, ווערט ער באַלד באַקאַנט מיט די בעלי־מלאכות פון זיין צעך און לעבט צווישן זיי. גיך האָט זיך לאה באַקאַנט מיט קבצנים און אביונים און ביס־לעכווייז אָנגעהייבן לעבן גלייך מיט זיי; קיין זאַך איז נישט שווער פאַר דעם מענטשן, מען דאַרף זיך נאָר געוויינען. צרות און אָרעמקייט איבערטראָגן איז אויך נישט שווער, ווען מען געוויינט זיך צו צו זיי.

זי איז אַזוי געוווינט געוואָרן מיט נדבות בעטן, מיט איר אביוניש לעבן, גלייך ווי זי איז אַזוי געבאָרן געוואָרן אין דלות.

דער הונגער, דאָס שטענדיקע אַרומיאָגן זיך איבער די גאַסן און הייזער נאָך נדבות, האָט ביי איר צוגענומען די גאַנצע צייט. איין ליכטיקער שטראַל איז איר געבליבן אין איר לעבן — קומען אַהיים, זען איר קינד, לעבן מיט איר קינד.

פון פאָרן אַהיים האָט אָבער שוין קיין רייד נישט געקענט זיין. ווו האָט זי געהאַט געלט אויף צו פאָרן? די אַלע נדבות האָבן איר קוים געטראָגן אויף טרוקן ברויט.

נאָר אָרעמעלייט זיצן אויך נישט אויף אַן אָרט. זיי רייזן אויך איבער דער וועלט, אָבער נישט מיט קיין פורן און באַנען, נאָר מיט שטעקנס אין די הענט און מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

אַזוי רייזן זיי פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, אָדער קאָמפּאַניעסווייז אָדער איינציקווייז.

לאה האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ קאָמפּאַניע אביונים און איז מיט זיי אַוועק פון בוקאַרעשט.

איר, לעזער, וועט זיך אַוודאי שטאַרק וווּנדערן, ווען איך וועל אייך דערציילן, אַז לאה האָט געררייזט פון בוקאַרעשט קיין רוסלאַנד אין איר געבורטשטאָט ר... עפּעס מער ווי צען יאָר.

— צען יאָר! וועט איר פרעגן פאַרוווּנדערט? ווען מען זאָל אַפילו מיט אָקסן זיך שלעפּן, אָדער צופוס גיין, דאַרף מער נישט געדויערן ווי עטלעכע חדשים, נאָר צען יאָר!

איך זאָל אייך נישט דאַרפן אַ סך ברייען מיט לאַנגע מעשיות פאַרוואָס איר רייזע האָט געדויערט צען יאָר, וועל איך אייך דער־ציילן אַ קורצע געשיכטע פון אַ וואַנדער־בעטלער, וואָס איז מיר גוט באַקאַנט, וויאַזוי ער האָט גערייזט פון דער שטאָט קעשעניעוו קיין אדעס.

איינמאָל, ווען איך בין געפאָרן קיין קעשעניעוו, האָט מיך אונטער דער שטאָט באַגעגנט מיינער אַ בן־עיר, אַ אביון. ער איז געגאַנגען

מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ קלומעק צוגעבונדן צום רוקן.

— שלום-עליכם, וווּ גייט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

— עליכם-שלום! איך גיי קיין אדעס, — האָט ער מיר געענט-פערט. — עס האָט זיך מיר דערעסן דאָס וויסטע ברויט, דאָס שטענדיקע בעטלען; מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיינער אַ נאָענטער קרוב איז שטאַרק רייך געוואָרן אין אדעס, האָב איך זיך מישב געווען און גיי אַהין; טאָמער וועט ער מיר העלפן מיט עטלעכע קערבלעך, איך זאָל שוין מער נישט דאַרפן בעטלען אָדער ער וועט מיר געבן עפּעס אַ שטעלע.

איך האָב אים געגעבן אַ נדבה, געווונטשן אים אַ גליקלעכן וועג און מיר האָבן זיך צעשיידט.

שפּעטער מיט אַ יאָר בין איך געווען אין קיעוו. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר פון מיין אכסניה און עס קומט אַריין דער איי-געגער, מיין באַקאַנטער קבצן, און בעט ביי די אורחים אַ נדבה. מיר האָבן זיך באַלד דערקענט.

— שלום-עליכם, וואָס טוט איר דאָ אין קיעוו?

— עליכם-שלום, איך טו דאָ גאָרנישט, איך גיי נאָר דורך די שטאָט. איך גיי קיין אדעס...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן אונדזער פאַראַיאָריקן באַגעגעניש אונטער דער שטאָט קעשעניעוו.

— איר זענט זיך, דאַכט מיר, פאַראַיאָרן געגאַנגען קיין אדעס, וואָס איז ווייטער קיין אדעס? האָט אייך אייער אויפגעקומענער קרוב עפּעס געגעבן?

— איך בין נאָך אין אדעס נישט געווען, איך בין נאָך איצט אין וועג... גאָט זאָל העלפן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און מיך שטיצן מיט עטלעכע קערבלעך, וואָלט איך שוין אַוועקגעוואָרפן די וויסטע פּרנסה.

איך האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן און אים געפרעגט:

— נאָך זענט איר אין אדעס נישט געווען? נאָך זענט איר אין וועג? מיר דאַכט זיך, אַז ווען איר זאָלט אפילו גיין צופוס און זיך אויסשלאָפן און אָפּרוען אין וועג, דאַרף אויך פון קעשעניעוו קיין אדעס מער נישט געדויערן ווי דריי וואָכן. און ווידער וווּנדערט מיך

נאָכמער, ווי האָט איר גאָר אָנגעשפּאַרט קיין קיעוו. פונדאַנען איז דאָך צען מאָל ווייטער קיין אדעס, ווי פון קעשעניעוו. אַפּנים, איר זענט געגאַנגען צוריק, צוואָס? אויב איר וועט אַזוי שטענדיק גיין צוריק, קענט איר אַזוי גיין טויזנט יאָר און קיינמאָל נישט זען אדעס מיט אייער רייכן קרובֿ.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין לאַנגן וועג־שטעקן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ זיפץ מיר געענטפערט:

— יאָ, צוריק, גוט איז דאָס אייך צו זאָגן „צוריק" און זיך אַזוי צו וווּנדערן, וואָס איך גיי שוין אַ יאָר קיין אדעס און בין ערשט פאַרקראָכן אין דער זייט קיין בויבעריק—קיין קיעוו. גוט איז דאָס אייך צו זאָגן און איר מעגט זיך טאַקע וווּנדערן, ווען פאַר אייך זענען דאָ באַנען מיט בעלי־עגלות, וואַרעמע פעלצן, מלבושים מיט פאַראַסאָלן, וואָס היטן אייך אָפּ פון רעגן, פון קעלט און פון נעץ. פאַר אייך זענען דאָ וואַרעמע אכסניות מיט אָנבייסנס און וועטשערעס, ווייכע אויסגעבעטע בעטלעך, ווו איר קענט אָפּרוען אייערע איינגעטרייסלטע ביינער. אַזוי וואָלט איך אויך געקענט קומען אין איין טאָג קיין אדעס. ביי אונדז, קבצנים, איז עפּעס אַנדערש. מיר האָבן נישט קיין באַנען מיט בעלי־עגלות, מיר האָבן נישט קיין קליידער, קיין אכסניות מיט אָנבייסנס און בעטלעך. מיר לאָזן זיך אַרויס אין וועג, גייען אָפּ עטלעכע וויאָרסט ביז צו דער ערשטער קרעטשמע, און אויף אונדזער וויסט מזל מוז גיין אַ שלאַקסרעגן, אָדער אַ שניי, אַ זשעלעדע אָדער אַזוי אַ צרה און מען ווערט איבערגעפרוירן ביז אין די ביינער. די פיס האַקן זיך אונטער און שלעפּן זיך קוים. און פונדעסטוועגן וואָלט מען געגאַנגען ווייטער, נאָר דאָס שלעכטע וועטער האַלט אַזוי עטלעכע טעג און אַמאָל צוויי וואָכן. מוז מען איבערוואַרטן אין דעם נאָענטסטן דערפל אָדער שטעטל. דערנאָך גייט מען ווייטער אָפּ עטלעכע וויאָרסט און מען וואָלט אפשר ווייטער געקאָנט גיין. נאָר די פיס ווערן געשוואָלן, דאָס גאַנצע לייב טוט וויי. אַלע ביינער ברעכן; דאָס קומט אַלץ פון נישט עסן, פון נישט רוען, פון פאַרקילעכצן און פון אַלע אַנדערע שלעק און צרות, מוז מען פון איין נאָענטסטן שטעטל אַריין אין הקדש. און אַז אַן אָרעמאַן ווערט קראַנק, ווערט ער אַנדערש נישט געזונט, ביז ער גייט איבער אַלע קראַנקהייטן — אַזאַ טייערן מזל האָבן מיר, קבצנים! מען ווערט שוין געזונט און מען גייט אַרויס אויף דער גאַס, וויל מען דאָך אייטער עסן. גייט מען דערווייל אַרום

אין שטאָט עטלעכע וואָכן מאַכן עטלעכע גראָשנס אויף דעם וועג, און מען קלייבט זיך שוין אַרויסלאָזן אין וועג, ווערט מען געוואר, אַז אין צוויי וואָכן אַרום מאַכט אַ גביר חתונה און מען וועט טיילן צו רובל און צו צוויי רובל, חוץ אַ גוטער וועטשערע, וואָס מען קען זיין זאַט עטלעכע טעג, גלוסט זיך נישט אַוועקגיין. מען טאָר נישט אַרויסגיסן דאָס אומריינע וואַסער, איידער מען האָט דאָס ריינע; צי מיין רייכער קרוב וועט מיר אַמאָל העלפן, צי נישט, דערווייל גלוסט זיך נישט אַוועקוואַרפן אַ מזומן קערבל מיט אַזאַ וועטשערע. און ווער ווייסט, טאָמער וועט מען ביי דעם גביר מער צעטיילן. בלייבט מען איבער אויף צוויי וואָכן, און דעם גבירס חתונה לייגט מען פלוצלונג אָפּ אויף צוויי וואָכן... וואַרט מען נאָך און עס ווערט שוין פיר וואָכן, ווארים אַז מען וואַרט שוין אַזויפיל, גלוסט זיך שוין נישט אַוועקגיין מיט גאָרנישט...

מיין קבצן האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

פלוצלונג אין וועג ווערט מען געוואָר, אַז ווען מען זאָל אָנ-לייגן אָן דער זייט צען וויאָרסט קען מען נעמען אַ רובל אַ נדבה, ווייל אין יענעם שטעטל איז דער גביר שטאַרק קראַנק און מען זאָגט אַלע טאָג תהילים. מען באַצאָלט אַלע טאָג און חוץ דעם טיילט מען אַלע טאָג נדבות. הייגט ווען ער וועט שטאַרבן, וועט מען אַוודאי טיילן צו דריי רובל. אַזוינע צופאַלן פאַר אונדז, אביונים, טרעפן זיך זעלטן... און ווען עס מאַכט זיך אַזוינע צופאַלן, קען מען זיי נישט אָפּלאָזן און מען גייט אַהין. כאָטש עס קומט אויס, ווי איר זאָגט, „צוריק", אָדער אין דער זייט. בכלל, אַז אַן אָרעמאַן קומט אין אַ שטאָט, קען ער פריער פאַר עטלעכע וואָכן זיך נישט אַרויסקלייבן, ווייל מען מוז זיך מאַכן עטלעכע גראָשן אויף דעם וועג. אין איין טאָג קען אַן אָרעמאַן אַזויפיל נישט מאַכן. אָט בין איך פאַרבלאָנ-דזשעט געוואָרן קיין קיעוו. איך בין שוין דאָ צוויי וואָכן און קען מיך נאָך נישט אַרויסקלייבן, כאָטש איך האָב שוין געמאַכט אויף דעם וועג. וויאַזוי לאָזט מען זיך אַרויס אין וועג, אַז מיך האָט דאָ דער ווינטער פלוצלונג פאַרהאַלטן? איך קען זיך נישט אַרויסלאָזן באַקוקט אין וועג, אום ווינטער, איך וועל שוין מוזן אָפּוואַרטן, ביז עס וועט קומען דער ליבער וואַרעמער זומער, ווען די וועלט איז אַפילו פאַר אונדז, אומגליקלעכע, אויך אָפן.

ווען ער האָט געענדיקט, האָב איך זיך שוין אויפגעהערט צו

וואַנדערן. פאַרוואָס עס איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און ער איז נאָך אין וועג.

שפּעטער מיט אַ יאָר צוויי האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט מײַן באַקאַנטן אביון געזען אין קאָוונע, און ער האָט דאָרט אויך דערציילט, אַז ער פֿאַרט קיין אדעס.

שפּעטער מיט אַ יאָר פֿינף האָב איך אים ווייטער באַגעגנט שוין טאַקע אין אדעס. ווען איך האָב אים געפֿרעגט ווען ער איז אַהער געקומען, האָט ער געזאָגט, אַז ערשט נעכטן. און ווי ער האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, האָט זײַן רייזע פֿון קעשעניעוו קיין אדעס געדויערט אַ חשבון פֿון זיבן יאָר!

אויסהערנדיק, ווי ער האָט מיר נאָכאַמאָל באריכות דערציילט זײַן גאַנצע רייזע, האָב איך געגלייבט, אַז בײַ אַן אביון קען גע־דויערן זיבן יאָר פֿון קעשעניעוו קיין אדעס און מען האָט זיך נישט וואָס צו וווּנדערן.

ער האָט מיר צולעצט געזאָגט:

— אַז מען זאָל אונדז, קבצנים, גלייבן און זיך נישט וווּנדערן אויף אַזוינע זאַכן... מוז מען זײַן אַליין אַ קבצן און איבערטראָגן אונדזערע אַלע צרות און שלעק... עס איז דאָ אַ סך אָרעמעלייט אויף דער וועלט, וועלכע עס לעבט זיך ביטער, פֿינסטער און שלעכט, נאָר נישט בײַ אַלע איז עס גלײַך.

איך האָב מײַן באַקאַנטן אָרעמאַן קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, און איצט, ווען איך דערצייל, אַז בײַ לאהן האָט געדויערט די רייזע פֿון בוקאַרעשט קיין רוסלאַנד מער ווי צען יאָר, האָב איך זיך אויך דער־מאָנט אָן מײַנע באַגעגענישן מיט מײַן אומגליקלעכן בן־עיר.

• •
•

ווי די לעזער געדענקען, איז לאה געקומען צופֿאָרן אַהיים קיין ר... מיט דעם וואַנדער־בעטלער, וואָס האָט זיך געשלעפּט מיט אַ פֿערד און בײַדל, אָנגעפּאַקט מיט זײַן ווײַב און קינדערלעך. ברײַנע,

דעם אָרעמאַנס ווייב, האָט באַגעגנט לאהן אין וועג עטלעכע וויאָרסט פון ר... זי האָט אויף איר רחמנות געהאַט און גענומען ביי איר אַ פּאָר גראָשן פאַר שכר עגלה, און דאָס מיידל איז גלייך פאַרפאָרן אין הויף פון דער קלויז.

II

אַ פרעמדער שלעפער צווישן היימישע אביונים.

זי לאה איז נאָך דרייצן יאָר געקומען אהיים, איז אויספירלעך די לעזער באַקאַנט.

לאָמיר פאַרגעסן אין די דרייצן יאָר, וואָס לאה האָט איבער- געלעבט. עס איז נישט כדאי זיי צו געדענקען. זיי זענען פינסטערע, שלעכטע, ביטערע דרייצן יאָר.

לאָמיר זיך בעסער אומקערן אויף אונדזערע אַלטע ערטער — אויף דער טונקעלער שווארצער אָרעמער גאַס — אויף דער „טויטער גאַס", טאָמער, וועט דאָ זיין אַ ביסל ליכטיקער — ליכטיקער פאַר דער אָרעמער אומגליקלעכער לאהן. זי האָט שוין לאַנג נישט געזען פאַר זיך די שיין...

ביטער האָט זי נאָכאַמאָל באַוויינט ר' זלמנס טויט; ברײַנע די אָרעמע יידענע, מיט וועלכער זי איז געקומען קיין ר... האָט זי גע- טרייסט, געזאָגט, אַז דאָס, וואָס גאָט נעמט צו, האָט מען נישט וואָס צו באַוויינען, בפרט נאָך אויך אַן אַלטן ייד, נאָך אַזויפיל יאָרן.

ער איז שוין אוודאי איבערגעקומען אַלץ און איז שוין איצט אין גן-עדן.

לאה איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד, זיך אויסגעווישט די אויגן און איז אַרויסגעגאַנגען פון שולהויף, גענומען זיך אין דער לינקער זייט, גלייך אויף דער „טויטער גאַס". אַלץ איז איר דאָ גע- ווען גוט באַקאַנט. גאָר ווייניק איז פאַרענדערט געוואָרן די גאַס אין

די דרייצן יאָר. אַלץ די אייגענע אָרעמע שטיבלעך, די אייגענע שמאָלע, קרומע פאַרמיסטיקטע געסלעך ווי אַמאָל, די אייגענע אָרעמ־קייט, ווי אַ מאָל. און וווּ האָט מען געזען, אַז דאָרט, וווּ עס איז דאָ אָרעמקייט, זאָל זיך עפּעס פאַרענדערן? דאָרט איז תּמיד אַלצאיינס...

ווען זי איז אַרויף אויפן באַרג, האָט זי דערזען דאָס לאַנגע הויז „די ראַבע מורליקע".

— אָט דאָרט, אין עק, — האָט זי געזאָגט צו זיך, — וווינט מיין טאָכטער, מיין רייזעלע. מיט איר וועל איך איצט געפונען שיינדלען. זי וועט איר דערציילן, אַז איך בין איר מוטער. זי וועט אַליין דער־קענען, אַז איך בין איר מוטער און ווי גליקלעך וועלן מיר זיין!..

די אויגן זענען איר געוואָרן גרעסער פאַר פרייד. אַלע אירע ווייטיקן האָבן זיך ווי פאַרהיילט. זי איז ווי יונגער געוואָרן. נאָר אין האַרצן האָט איר עפּעס שטאַרק געדריקט — זי האָט שוין גיכער גע־וואָלט איר טאָכטער צודריקן צום האַרצן און קוקן אַזוי אויף איר אייביק, אייביק.

— זי דאַרף זיין זייער שיין, האָט זי ווידער געטראַכט גייענדיק. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווען איך האָב זי איבערגעלאָזט מיט אַזוינע גרויסע שוואַרצע אויגן, אַזוינע ווייסע הענטלעך, אַ ווייס פּנימל — שיין נאָר ווי אַ ליאַלקע. איצט דאַרף זי זיין נאָך שענער — זי איז אויסגעוואַקסן. אָרעמע שיינדל! די אָרעמע יידענע האָט מיר דערציילט, אַז זיי ביידע גייען שטענדיק צוזאַמען אין די הייזער. וואָס פאַר אַ גאָלד דאָס איז, זי האָט אויף קיין מינוט נישט אַוועק־געוואָרפן מיין טאָכטער. מיט וואָס קען איך איר באַצאָלן דערפאַר? איך בין אַזוי אָרעם, איך וועל זיין איר מוטער. זי וועט זיין מיין עלטסטע טאָכטער. איך האָב צוויי קינדער!..

זי איז כמעט צוגעלאָפן צו דעם אָרט, וווּ ר' זלמינע האָט אַמאָל געוווינט און האָט זיך אָפּגעשטעלט... קיינער איז דאָ נישט געווען. דאָס פריערדיקע פענסטער איז איינגעוואָרפן. אינעווייניק איז געלעגן אַ באַרג ערד. נישטאָ קיין טיר, קיין אַריינגאַנג און נישט קיין אַרויס־גאַנג. עפּעס נאָר אַ גרויסער לאָך פון אַן אַלטן קעלער, וואָס קיין מענטש האָט אים נישט געגראָבן.

עפּעס די נאַטור אַליין האָט געמאַכט די נאָרע, אָדער אַ גרויס וואַסער האָט זיך דאָ געפונען אַ וועג. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר

דער גרויסער חורבה. זי האָט זיך אַליין נישט געגלייבט, צי אַ מענטש האָט דאָ אַמאָל געטרעטן און געוווינט.

— יאָ, ר׳ זלמינעס וווינונג האָט אַ פּנים, ווי זיין איצטיקער קבר. נאָר וווּ זענען די קינדער?

זי האָט זיך אָנגעהייבן דרייען אַרום דער לאַנגער שטוב, טאָמער וועט זי פּאָרט געפונען ר׳ זלמנס שטיבל. טאָמער האָט זי אַ טעות געהאַט. נאָר זי איז טאַקע ווייטער געקומען צוריק צו דער אייגענער חורבה און טרויעריק באַטראַכט, וואָס עס קען ווערן פון אַן אָרט, ווו מענטשן האָבן אַמאָל געוווינט: אין דעם חורבן האָט זי זיך געזען, ווי אין אַ שפּיגל:

— פון מיר איז דען נישט אַזוי געוואָרן?... נאָר וווּ זענען מיינע קינדער, מיין איינציקע האָפענונג אין לעבן?

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט און איבער דער טויטער גאַס האָבן זיך אָנגעהייבן אָנרוקן, ווי שוואַרצע כמאַרעס אָרעמעלייט. זיי זענען געגאַנגען פון דער שטאָט אַהיים, פריי פון זייער האָרעוואַניע.

ווי די טשערעדע זומער פון פעלד. פון דער געדיכטער פּאַשע מיט פולע אייטערס לויפט אַהיים אָנזייגן די קעלבלעך און צו געבן וואַרעמע מילך פאַר זייערע באַלעבאָסטעס קינדערלעך, וואָס זענען אויך געקומען פון זייער טשערעדע — פון חדר — אויך פאַרהאָרעוועט, אַזוי זענען איצט געלאָפן טשערעדעסווייז אָרעמעלייט פון זייער „פּעטער" פּאַשע (די שטאָט) מיט „פולע" קעשענעס אַהיים צו זייערע קליינע קינדער.

זיי אַליין זענען איצט זאַט, וואָרים ווי האָט יעדער אָרעמאַן צווישן צוואַנציק הייזער נישט אויסגעבעטן אַ גוטן אָנבייסן, צווישן צען יאָרצייטן אַ לאַנגן טרונק בראַנפן? די פולע קעשענעס, די טאָרבעס פול מיט שטיקלעך ברויט, עטלעכע גראָשנס און אַ צוויי אַלטע זאַכן טראָגן זיי פאַר זייערע קינדער.

לאה האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו דער מאַסע אָרעמעלייט, טאָמער וועט זי צווישן זיי דערקענען שיינדלען. די אָרעמעלייט האָבן אויף איר אויך געקוקט, דערקענט אָן איר, אַז זי איז אַ פרעמדע. אייניקע האָבן אַפילו געברומט אונטער דער נאָז:

— אָ, אָ, ווייטער נייע זלידנעס! וואָס פאַר אַ שניי פאַרטראָגט זיי אַהער? פונקט ווי מיר שעפּן דאָ גאָלד און דאָ הי זענען ווייניק קבצנים! וואָס פאַר אַ רוח טראָגט זיי צו אונדז?

— זעט נאָר, ווי זי קוקט זיך אַזוי אומעטום אַרום, פונקט ווי זי איז דאָ געקומען צו איר טאַטנס ווייגערטנער.

— נישקשה, איר זעט נאָר, ווי זי קוקט איצט אַזוי אויף אונדז מיט אַ רחמנות־פּנים... האָט נאָר רחמנות אויף די בראָדיאַגעס, ווען איר זען, אַז דערנאָך וועט זי נאָך מיט עזות זיך שטופּן פריער פון אייך אין די טירן אויסכאַפּן די בעסטע נדבה. איך קען שוין גוט די לייט!..

— ווי האָב איך פיינט אָט די לייט, אָט די בראָדיאַגעס! טאָמער ווייסט איר, וואָס זיי שלעפּן זיך אַרום און קומען צו אונדז? פאַרוואָס קומען מיר נישט צו זיי? זיי זענען אַזוינע פרעסערס און האָבן אַזוינע גרויסע אויגן, אַז עס איז זיי קאַרג די גאַנצע וועלט און זיי לויפן נאָך צו אונדז אויף פאַרכאַפּן נדבות... מען דאַרף זיי טרייבן, ווי די הינט, זיי זאָלן פאַרזאָגן אַ צענטן צו אונדז מער נישט צו קומען! זעט נאָר, ווי זי קוקט זיך אום אויף אונדז — נאָר אויפצועסן!

— איך זאָג אייך, אַז מען דאַרף אַרויסשטעלן אַ צוויי אונדזערע ווייבער, זיי זאָלן איר זאָגן, אַז זי זאָל זיך אַוועקגיין אַהין, פונוואַנען זי איז געקומען. מיר האָבן אונדזערע אייגענע, וואָס זענען דאָ געבוירן, זיי האָבן דאָ עלטערן און פריינט, אָבער פרעמדע?..

לאה האָט געפּרוווט אָפּשטעלן עמעצן פון די אָרעמע, זיי פרעגן, וווּ וווינען ר' זלמינס קינדער, נאָר די אָרעמעלייט האָבן זיך ווי מיט כעס און מיט גדלות אַוועקגעקערט פון איר.

איידער די אָרעמעלייט מיט די פולע קעשענעס זענען געקומען צו זייער היים, זענען שוין זייערע קינדער געלאָפן אַנטקעגן מיט אַ ליאַרעם און פרייד. ווי די פליגן זענען זיי אָנגעפאַלן אויף די פולע קעשענעס און טאָרבעס און זיך אַרויסגענומען, וואָס יעדער האָט נאָר דערטאַפּט. אייניקע קינדער האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן געפונען, און אייניקע האָבן זיך געשלאָגן איבער אַ ביסן.

דער האָט דערטאַפּט אַ ווייס שטיקל בולקע אָדער אַ שטיקל בייגעלע און דער גאָר אַ שוואַרץ דאַר שטיקל ברויט.

דאָס קינד פון דעם שוואַרץ שטיקל ברויט האָט זיך געפונען באַליידיקט און זיך געשטעלט שלאָגן מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו דערטאַפּן ווייסע שטיקלעך בולקע.

די עלטערן האָבן זיך געמוזט אַריינמישן און צעטיילן, אַז קיינער זאָל נישט זיין פאַרטיילט, און אַלע קינדער זענען ווייטער פריילעך געלאָפן פאַר זייערע עלטערן.

לאה האָט אויף די עלטערן געקוקט מיט גרויס קנאה. אַלע זענען אַזוי גליקלעך אַרומגערינגלט מיט קינדער. עס איז זיי פרייליך, נאָר זי איז אַליין. קיינער טאַנצט נישט אַרום איר. זי איז איינע אויף דער וועלט.

גאָט! ווי גליקלעך וואָלט זי זיך געפילט, ווען זי זאָל אַזוי קומען אָוונטצייט פון דער שטאָט מיט פולע קעשענעס און טאָרבע, און איר רייזעלע, שיינדעלע זאָלן זי אַזוי פריילעך אַרומשטעלן און כאַפּן, זיך קריגן און שלאָגן, און זי זאָל צווישן זיי צעטיילן אַלע קעשענעס און מאַכן צווישן זיי שלום!..

אַ סך אָרעמעלייט מיט זייערע קינדער האָבן זיך געלאָזט גלייך גיין צו דער „ראבע מורליטשקע”. אייניקע פאַר אַ גראָשן פאַרקאָכן אַ טשייניק טיי, אַנדערע צו קויפן פאַר צוויי גראָשן אַ ביסעלע בראנפן אויף איינצערייבן דעם שטערן פון אַ שלאָף קינד. אַנדערע גלאַט אַזוי דאָרט אַ ביסל זיצן ביי אַ ליכט און הערן נייס, ביז מען וועט זיך דאַרפן לייגן שלאָפן. וואָרים אינדערהיים וועט מען מוזן זיצן אינדערפינסטער, קיין ליכט איז נישטאָ.

קויפן פאַר אַ גראָשן אַ ליכט איז נישט כּדאי, ווען מען קען פאַרשפּאָרן. אָן אַ ליכט קען מען לעבן און אָן האָלץ אין שטוב קען מען נישט לעבן. פאַר דעם גראָשן מיט נאָך אַ גראָשן וועט מען בעסער קויפן אַ שייטל האָלץ, וועט מען קענען אויפזידן אַ ביסל אָקרופּ און אין שטוב וועט אויך זיין וואַרעם און ליכטיק...

— ווו וווינט דאָ ר׳ זלמינע? האָט לאה דאָך אָפּגעשטעלט אַן אַלטע יידענע, וואָס איז קוים געגאַנגען, אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע.

— וואָס? — האָט די אַלטע איבערגעפרעגט, ווי עפּעס פאַרוווּנדערט אָדער ווי נישט דערהערט.

— ר׳ אברהם זלמינע, וואָס האָט געוווינט אויף דער טויטער גאַס אונטער איין דאַך מיט דער „ראבער מורליטשקע”, אָט דאָ, אין אַ ווינקל...

אויף איר עטלעכע מאָל איבערפרעגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך צעלאַכט און אָנגעהייבן צו שרייען דער אַלטער איןביידע אויערן:

— כאַ, כאַ! — זי פרעגט אייך, אַלטיטשקע, אויף אונדזער ר' זלמינען. זי האָט זיך דערמאנט, ווען איר, אַלטיטשקע, זענט אַמאָל אַ מויד געווען, ווי איר זענט אַ כּלה געוואָרן און געשיקט דעם חתן אַן אויסגעצייכנט תּפילין-זעקל און ער אייך אַ „קרבן מנחה" אין אַ קעלבערנעם בונד... ווי איר האָט חתונה געהאַט און געשטעלט אַ חופּה אויף דעם בית-הקברות, די כאָליערע זאָל אויפהערן און קלעזמער האָבן געשפּילט און מתים האָבן געטאַנצט...

— אַוועק, שקצים, וואָס לאָזט איר מיך נישט דורכגיין די גאַס! — האָט די אַלטיטשקע אָנגעהייבן צו טרייבן דעם עולם מיט איר קוליע. — שעמט אייך! וואָס לאַכט איר פון אַן אַלטער יידענע? איר וועט אַליין זיין אַלט! לאַכט נישט פון קיין אַלטע קראַנקע לייט. מען זאָל פון אייך אַמאָל נישט לאַכן.

— כאַ, כאַ!.. די פרעמדע יידענע פרעגט אייך אויף ר' אברהם זלמינען, ווו ער וווינט, — האָבן ווייסע חברה געשריען.

— וואָס-זשע האָט מען צו לאַכן? אַ פרעמדע יידענע פרעגט, דאַרף מען איר ענטפערן.

— אַפּנים, איר האָט פאַרגעסן, אַז ר' זלמינע איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

— נו וואָס-זשע? איז ער געשטאָרבן, לאָז ער זיין אין גן-עדן. ער איז שוין אַוודאי זיינס אָפּגעקומען און מעג אַוודאי אַריין גלייך אין גן-עדן, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ אויף כּל ישראל.

לאה האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי וואָלט ערגעץ אַנטלאָפן, אַבי נישט הערן דאָס געלעכטער אויף אירע צרות. נאָר דער עולם און ווייסע חברה האָבן זיך אַרומגעשטעלט און ווייטער געוואָרטלט זיך איבער איר.

— זי מיינט, עס זענען אַמאָליקע יאָרן. אַ ייאַדע ווער איז נאָר אָנגעקומען, פלעגט מען גיין צו ר' זלמינען, און ער האָט געמאַכט נדבות פאַר דעם, וואָס האָט נאָר אַ קרום פּנים געוויזן... ביין, שוועסטערניו, איצט מאַך אַליין פּיסקעך איבער די טירן, ועסטו וויסן אַ טעם, ווי זיך אַרומשלעפּן אין אַ פרעמדער שטאָט יענעם איבערשלאָגן.

— איך בין נישט געקומען אָהער צו בעטן נדבות, אייך קאַליע מאַכן, — האָט לאה אָנגעהייבן צו וויינען.

פון די צען יאָר אַרומגיין צווישן אָרעמעלייט האָט זי געוווּסט,

ווי שלעכט עס איז צו זיין אַ קאָנקורענט ביי אָרעמעלייט. זי האָט געקענט דאָס אביונישע לעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס.

— וואָס לאַכט איר פון מיר? איך ווייס אַליין, אַז ר׳ זלמינע איז שוין פון אַ יאָר צען געשטאָרבן. איך בין נישט געקומען צו אים, איך דאַרף האָבן צו זיינע קינדער. איך האָב צו זיי אַ בריוו...

ווען די אַלטע איינגעהויקערטע יידענע האָט דערזען, ווי די פרעמדע יידענע וויינט, האָט עס איר אַזוי אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און זי איז אַזוי אין כּעס געוואָרן אויף דעם עולם, וואָס האָט זי אַרומגעשטעלט, אַז זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר קוליע און ווי אַ יונג מיידל גענומען אַרומלויפן און טרייבן דעם עולם, נישט געקוקט אויף קיינעם און דערלאַנגט קלעפּ, ווער עס איז נאָר אונטערגעקומען אונטער דער קוליע.

מיט אַ גרויס געלעכטער איז דער עולם זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען.

• • •

די נאַכט האָט זיך מער אָנגערוקט, און עס איז געוואָרן פינסטער.

די אָרעמעלייט און די אָפּגעריסענע ווייסע חברה זענען שוין אַוועקגעגאַנגען פון דער אַלטער יידענע מיט דער פרעמדער שלעפּער־קע — זיי ביידע זענען געבליבן אַליין.

לאה האָט געזען אין דער אַלטער יידענע איר גוטן מלאך. מיט גרויס רחמנות און מיט פיל ליבשאַפט האָט זי געבעטן דער אַלטער יידענע, זי זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף איר אַקסל. זי וועט זי פירן אַהיים.

זי האָט געזען, ווי יענע איז זייער שוואַך און קען זיך קוים באַוועגן אויף דער קוליע.

— פיר מיך צו ערגעץ, איך וויל זיך פריער אָנשפּאַרן, זיך אַ ביסל אָפּרוען, איך בין מיד...

מיט שטילע טריט האָט זי לאה צוגעפירט צו דער פריזבע פון דער לאַנגער שטוב, אין דעם ווינקל, וווּ ר׳ זלמינע האָט אַמאָל גע־

וווינט. דאָרטן האָבן זיי זיך בײדע געזעגנט. די אַלטע יידענע האָט אָנגעהייבן צו רעדן:

— אויף וועמען פרעגט איר דאָ, ליבע פרעמדע יידענע?

— דאָ האָט אַמאָל געוווינט ר׳ זלמינע... ער איז שוין געשטאָרבן, דאָס ווייס איך, נאָר ביי אים איז געווען אן אייניקל אַ מיידל, אויף איר פרעג איך.

— ר׳ זלמינע, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, איז שוין געשטאָרבן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ. — נישטאָ מער שוין אַזוינע יידן. אוודאי, ווען ער זאָל לעבן, וואָלט איך זיך אויף דער עלטער נישט ארומגעשלעפּט אַזוי קראַנקערהייט אויף דער גאַס. ווען איך פלעג זיין קראַנק, פלעגט ער מיר העלפן, מאַכן פון מיינעטוועגן אַ נדבה. איך בין שטענדיק אַ קראַנקע. איך קען זיך נישט ארומדרייען אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט. מיינע קראַנקע פיס שלעפּ איך קוים. וואָס וואָלט איך דען געוואָלט פון דעם, וואָס לעבט אייביק, ווען איך זאָל זיין געזונט און קענען גיין. עס וואָלט דאָך מיר געווען גוט, גלייך מיט אַלע. איך וואָלט אויך געקענט אַרומגיין איבער די הייזער און מאַכן נדבות. נאָר זינט ר׳ זלמינע איז געשטאָרבן, איז מיר אוודאי שלעכט. דאָ באַלד איז מיר נאָך געשטאָרבן מיין איינציקע טאָכטער, בין איך אוודאי געוואָרן אומגליקלעך. מיין בלינדער איידעם, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט, גייט זיך אַליין אַרום איבער די הייזער. ער מאַכט מער פון אַלע און וויל פון מיר אַפילו נישט וויסן, מיר גאָרנישט העלפן. היינט גיי הערעווע אויף קינדער! ווען איך האָב די צוויי אייניקלעך, וואָס זענען געבליבן פון מיין טאָכטער, וואָלטן זיי מיך אפשר געהאָדעוועט, זענען זיי אויך נישטאָ... זיי זענען אוועק אין דער וועלט אַריין מיט אַ פרעמדן שלעפּער. מיר איז נאָך קיינמאָל אַזוי שלעכט נישט געווען, ווי זינט ר׳ זלמינעס אייניקל מיט רייזעלען זענען אוועקגעפאָרן...

לאה האָט אַ ציטער געטאָן. עס האָט איר אָנגעהייבן צו טרייסלען, ווען זי האָט דערהערט דעם נאָמען פון איר טאָכטער. נאָר זי האָט די אַלטע נישט געוואָלט איבעררשלאָגן. יענע האָט קוים גערעדט, האָט זי מורא געהאַט, זי זאָל אויפהערן צו רעדן.

די אַלטע האָט ווייטער געזאָגט:

— ווען זיי פלעגן קומען פון דער שטאָט, פלעגן זיי אויך קומען צו דער באָבן, איר געבן אַ שטיקל בולקע, אַ שטיקל צוקער און אַמאָל

אַ גראָשן... ברענגען אַלע חודש פאַר דער באָבן 8 פּאַריכט העמד...
נאָר זינט זיי זענען אַוועקגעפאָרן, בין איך געבליבן ווי אויפן וואַסער...

— שוין לאַנג, אַז זיי זענען אַוועקגעפאָרן?

— איך געדענק נישט אַקוראַט, דאַכט זיך, שוין עטלעכע חדשים! ביי מיר איז עס שוין ווי עטלעכע יאָר. זיי האָבן פאַרגעסן אין דער באָבן. זיי שיקן מיר גאָרנישט און שרייבן מיר גאָרנישט, נאָר לאָז זיי גאָט מוחל זיין.

— זיי זענען אייערע אייניקלעך, וואָס זיי רופן אייך באָבע?

— ניין, איך האָב רייזעלען כמעט אויפגעצויגן אויף מיינע הענט און זי האָט מיך גערופן באָבע. זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב, ווי אייגענע שוועסטער.

— זיי זענען דען נישט קיין שוועסטער? — האָט לאה געפרעגט. — זי האָט פאַרשטאַנען, אַז פון דער פראַגע וועט איר די אַלטע יידענע שוין מוזן אַלץ דערציילן, און זי האָט קיין טעות נישט געהאַט.

— ניין די מעשה איז אַזוי געווען, שיינדעלע איז טאַקע פון תמיד אָן ר' זלמינעס אייניקל. איך געדענק נאָך איר מאַמען, זי זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן-עדן, און רייזעלע איז אַ פרעמד קינד, פון אַן אָרעם קראַנק ווייבל. נאָר אַזויווי ר' זלמינע פלעגט זיך שטענדיק אָפּגעבן מיט אָרעמעלייט, האָט ער דאָס קינד גענומען צו זיך, און ווייל די קראַנקע מוטער האָט עס נישט געקענט זייגן, האָט ער מיין טאָכטער, וואָס האָט דעמאָלט געזויגן אַ קינד, געדונגען, זי זאָל צוזייגן יענס קינד. רייזעלע איז ביי מיין טאָכטער געווען צוויי יאָר אין שטוב. אַ גאַנצן טאָג פלעגט זי זיין אויף מיינע הענט. נאָר ווען מיין טאָכטער איז געשטאָרבן, האָט זי שיינדעלען גענומען צו זיך, אַזוי האָט זי רייזעלען ליב געהאַט. און אין דעם איז שוין גאַנץ לאַנג, אוודאי צען יאָר. וואָס נאָכדעם איז געווען, געדענק איך שוין נישט. איך בין שטענדיק קראַנק געווען און בין געזעסן אין שטוב. זיי פלעגן קומען צו מיר אַלע אָוונט, מיר געבן צו עסן און זענען זיך אַוועקגעגאַנגען. נאָר דאָ מיט עטלעכע חדשים צוריק, איידער זיי זענען אַוועקגעפאָרן, זענען זיי ביידע געקומען צו מיר, אַזוי פריילעך, אַזוי שיין אָנגעטאָן מיט נייע ציצענע קליידלעך און זאָגן מיר: באָבעניו, מיר פאָרן אַוועק, כייקע פון דער „ראַבע מורליטשקע” האָט געפונען פאַר אונדז אַלע דריי (עס איז געקומען מיט זיי נאָך עפּעס אַ פרעמד מיידל) אַ שטע-לע. מיר האָבן שוין געזען אונדזער באַלעבאָסטע און מיר זענען איר

געפעלן. זי זאָגט, אַז עס וועט אונדז זיין גוט ביי איר, מיר זאָלן איר נאָר פאָלגן און אַרבעטן אין שטוב. באַבעניו, מיר וועלן שוין נישט אַרומגיין איבער די הייזער בעטן. מיר וועלן אַרבעטן, מיר וועלן גיין שיין אָנגעטאָן, מיר וועלן פאַרדינען אַלע חודש צו פינף רובל און מיר וועלן דיר אויך שיקן, באַבעניו... דו וועסט זיך שוין דינגען אַ וואַרעם שטיבל און אַלע טאָג זיך קאָכן אַ יויכל... דאָס מיידל זאָגט אויך, אַז עס איז גוט צו דינען ביי יענעם איידער אַרומגיין אין די הייזער. בעטן איז פּאַסקודנע, זאָגט זי. איך האָב זיך געפרייט און געוויינט. זיי האָבן מיר אוודאי באַנג געטאָן. וויאַזוי וועל איך זיין אַליין אָן זיי? נאָר אַז גאָט האָט זיי געהאָלפן, אַז כייקע האָט געפונען פאַר זיי אַ שטעלע, פאַרוואָס-זשע נישט. איך האָב זיי פיל געקושט, זיי האָבן אויך געוויינט און זענען אַוועקגעפאָרן.

ווען לאה האָט נאָר דערהערט, אַז כייקע האָט רייזעלען מיט שיינדעלען געגעבן אַ שטעלע, איז זי פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק. אַ פראָסט האָט זי אַדורכגענומען.

זי האָט געפילט, ווי זי פאַלט אין חלשות, זי האָט זיך מיט אַלע כוחות געשטאַרקט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט.

זי איז אַראָפּגעפאַלן פון דער פּריזבע. עס האָט געגעבן אַ קלאַפּ. דער אַרטער שטעקן איז פון שרעק אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און זי האָט אָנגעהייבן מיט אַלע כוחות צו שרייען.

אין דער נאַכט איז געוועזן נאָך נישט שפּעט. אַ סך מענטשן זענען נאָך געזעסן לעבן זייערע פּריזבעס און ביי דער „ראָבע מור-ליטשקע" אין שענק. די גאַנצע טויטע גאַס איז זיך כמעט אָנגעלאָפן.

לאה איז געלעגן אויף דער ערד כמעט ווי טויט. מען האָט זי אַוועקגעטראָגן אין שענק. דאָרט האָט מען זי אָנגעהייבן צו רייבן מיט בראַנפן, ביז זי איז עטוואָס געקומען צו זיך. נאָר זי האָט נישט געקענט רעדן. כייקע האָט זיך געדרייט אַרום איר ווי אַ פרומע גבאי-טע מיט אַ רחמנות-פּנים. לאה האָט זי דערקענט און געמאַכט מיט די הענט און עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן, וואָס קיינער האָט נישט פאַר-שטאַנען.

פיל האָבן זיך געוווּנדערט וועגן דער פרעמדער שלעפּערין. מען האָט געזאָגט, אַז זי קען זיין שכּור, אָדער זי האָט זיך צופיל איבער-געגעסן אין אַ באַלעבאַטישער קיך.

מען האָט געלאַכט פון אַלע זייטן און באַלד ווי זי האָט נאָר געעפנט די אויגן, זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען פון איר.

לאה איז געלעגן אין אַ ווינקל מיט דעם פּנים צו דער וואַנט, נאָר די אַלטע יידענע מיט איר שטעקן איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון איר.

— יידן, די פרעמדע יידענע איז זייער קראַנק, — האָט גערעדט די אַלטע יידענע. — דאָס גאַנצע פּנים און דאָס גאַנצע לייב פייערט איר. זי קען אפילו נישט רעדן. מען דאַרף זי אַוועקפירן אין שטאָט אַריין...

כייקע האָט אויך אָנגעהייבן זאָגן, אַז זי וויל זי נישט איבער־לאָזן ביי זיך איבער דער נאַכט. זאָל מען זי אַוועקטראָגן פון דער קרעטשמע.

— וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן, אַז ווי אַ שלעפּערקע, קומט צו אונדז. אפילו שטאַרבן קומען זיי אויך צו אונדז?... דער גוטער יאָר וועט זי נישט נעמען, אַן אביונטע ווערט פון טויט לעבעדיק... ווייזט איר נאָר אַ קופערנעם גראָשן מיט אַ פרישער בולקע, וועט איר זען, ווי זי וועט זיך אויפכאַפּן. זי וועט גאָר קיין מורא נישט האָבן פאַר אונדז היימישע לייט.

די אַלטע יידענע האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— לאָז עמעצער לויפן אין שטאָט צום גבאי פון הקדש, צו ר' שמואל בער. לאָז ער געבן אַ צעטל, מען זאָל זי אַריינלאָזן.

— באַלד פליען מיר! עס זענען קאַרג די טירן, נאָך אַ הקדש אָנגרייטן פאַר אַלערליי פרעמדע שלעפּערס! עס איז פאַר אונדז אויך דאָרט קיין אָרט נישטאָ איבער די פרעמדע. וואָס וועלן מיר טאָן, אַז אונדז וועט זיך פאַרגלוסטן צו שטאַרבן?

די אַלטע האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— וואָס ווילט איר, זי זאָל שטאַרבן אויף דער גאַס? לאָזט זי כאָטש שטאַרבן אין אַ שטוב!

כייקע האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אַ מת אין שטוב. האָט זי געשענקט צוויי שיכּורים אַ ביסל בראַנפן, מען זאָל זי אַרויסטראָגן פון שענק. די אַלטע האָט געאַרבעט מעשים, עס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט זי צוזאַמען מיט לאהן אַרויסגעשטופּט פון שענק.

זי האָט אָנגעהייבן וויינען און בעטן, מען זאָל זיך אויף דער אומגליקלעכער מרחם זיין און כאָטש זי אַוועקטראָגן אין שטאָט.

דעמאָלט וועט ר' שמואל בער אַליין געבן אַ קוויטל אין הקדש אַריין. לאָז זי נישט שטאַרבן אויף דער גאַס.

— וואָס האָט איר אַזוי מורא? — האָט זיך אָפּגערופן איינער, וואָס איז געווען זייער אין כּעס אויף די פרעמדע אָרעמעלייט. — דעם מלאך המות וועט נישט אָנשטיין אויף דער גאַס? מיט אַן אביון שטייט אים אַן אַפילו אונטער דער באָד אויך און טאָמער נישט, — איז ער נישט קליין צו וואַרטן ביז אינדערפרי. וואָס פאַר אַ רוח וועט זיך גיין שלעפּן מיט איר ביינאַכט? ר' שמואל בער וועט גאָר ביינאַכט נישט געבן קיין קוויטל, וואָס־זשע זאָלן מיר זיך נאָך שלעפּן ביינאַכט? לאָז זיין מאָרגן.

די אַלטע יידענע האָט געזען, אַז עס חעפּט גאָרנישט העלפן. די פרעמדע וועט מוזן איבערנעכטיקן די גאַנצע נאַכט אויף דער גאַס, איז זי געבליבן שטיל אויף עטלעכע מינוט. זי האָט נישט גע־ווּוסט וואָס צו טאָן. פּלוצים איז איר עפּעס איינגעפאַלן: זי האָט אָנ־געהייבן באַזוכן לאהן אין אַלע קעשענעס און האָט געפונען אין איר העמד פאַרבונדן צוזאַמענגעקנייטשטע צוויי רובל.

מיט גרויס פרייד האָט זי אויפגעהייבן דאָס געלט אינדערלופטן.

— גאַנצע צוויי רובל האָט זי! דינגט מיר אַ פורל און דאָס איבעריקע נעמט זיך. איך וועל אַליין מיט איר פאָרן נעמען אַ קוויטל אין הקדש.

צווישן דער כּאָפּטע אָרעמעלייט איז געוואָרן אַ גאַנצע שמחה. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען געבראַכט אַ פורל, אַרויפגע־לייגט לאהן מיט אַלע אירע שמאַטעס און אַרויפגעזעצט די אַלטע יידענע מיט איר שטעקן און געהייסן צופאָרן צו ר' שמואל בערס שטוב.

פאַר דעם איבעריקן געלט, האָבן זיך די אביונים צעהוליעט ביי כּייקען אין שענק.

— היינט זעט איר שוין, ווער די שלעפּערס זענען? אַליין האָבן זיי קניפּלעך מיט געלט און קומען צו אונדז אויסבעטלען אונדזערע נדבות.

III

א בליק צוריק.

א ביסל צוריק, צוריק, ליבע לעזער. איר געדענקט, ווען אין דארף סטעפקיוקע איז געווען דער פאגראם. די שיינע רחל איז אנט-לאפן. די גאנצע נאכט געבלאנדזשעט אין פעלד. ערשט אויף מארגן האט זי באגעגנט אונדזער באקאנטער בעל עגלה גאדל דער רויטער פון דער „ראבער מורליקע”. זיינע פארשוינען האבן אויף איר רחמנות געהאט און זי מיטגענומען.

נאר נישט דאס בין איך אויסן. איר געדענקט, ווי צווישן די פארשוינען איז געווען איינער א יונגערמאן אהרן — א קאמיסיאנער פון ברויט. איבער די פאגראמען איז שטיל געווארן דער מסחר, און כדי זיין ווייב און קינדער זאלן נישט זיין אליין אין אזא שרעק-לעכער צייט, איז ער געפארן אהיים. דעם גאנצן וועג האט ער זיך געקריגט און געשפארט מיט א חסידל איבער א סך זאכן און אויך איבער דעם, וואס דאס חסידל האט נישט געוואלט פארן מיט קיין יידענע (מיט דעם אומגליקלעכן מיידל רחלען). אהרן האט געוואלט נעמען רחלען צו זיך. נאר דער בעל-עגלה פון דער טויטער גאס האט רחמנות געהאט אויף איר און גענומען צו זיך אין דער „ראבער מור-ליטשקע”.

נאך א ביסל צוריק — איר וועט מיר מוחל זיין, איך מיש אייך איינס מיט דאס אנדערע. — איר געדענקט געוויס אויך, אז איידער לאה האט זיך פארליבט אין פיאדאר איוואנאוויטשן, האט זי פון קינדווייז אן ליב געהאט טאקע א ר—ער חסידיש יינגל, מיט א ווייסן איידעלען אויסגעדארטן פנימל מיט גוטע אויגן, מיט א פאר פיאות שטענדיק פארקעמט און מיט א לאנגער קאפאטע.

גערופן האט מען אים אהרקע, ר' שבתי כמעלניקערס יינגל.

כל זמן מיר האבן צו אהרן דעם קאמיסיאנער נישט באדארפט איבערגעבן קיין שום קאמיסיעס פון אונדזער דערציילונג, האט אונדז נישט אינטערעסירט, ווער דער אהרן איז אמאל געווען, נאר איצטער, ווען ער האט איבערגענומען עטלעכע קאמיסיעס אין אונדזער דערציי-

לונג, מוזן מיר וויסן, אז דערדאָזיקער אהרן קאָמיסיאָנער, איז טאַקע געווען אהרקע ר' שבתי כמעלניקערס יינגל.

און אהרן, וואָס האָט שוין איצטער אַ ווייב מיט קינדערלעך און לעבט מיט זיי זייער גליקלעך, האָט אַמאָל ליב געהאַט לאהן — ליב געהאַט מיט דער ערשטער ליבע, וועלכע איז ריין, ווי גאָלד, לויטער, ווי קרישטאל, און זיס, ווי צוקער.

ער איז געווען אַ חסידיש יינגל גלייך מיט אַלע און וואָלט אפשר געווען אויסגעוואקסן אזא חסידל, ווי דער, וואָס האָט מיט דער אומגליקלעכער פאַגראַמירטער רחל נישט געוואָלט פאָרן אויף איין פור, ווייל על פי זיין חסידות טאָר אַ ייד נישט פאָרן מיט אַ יידענע צוזאַמען.

נאָר אין זיינע יינגלשע יאָרן האָט זיך אריינגעמישט די ריינע ליבע. ער האָט זיך פאַרליבט אין לאהן. ער האָט שטענדיק געוואָלט איר געפעלן כדי זי זאָל אים אויך ליב האָבן. דאָס האָט אים באַלד געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך אויפפירן בעסער פון אַלע זיינע חברים. ער האָט געלערנט אין קלויז פלייסיקער פון אַלע. שטענדיק געגאַנגען ריין, אָפגעוואַשן, אָפגעפוצט, שטיל, סטאַטעטשנע, ווי אַ מענטש. אַלץ צוליב לאהן.

ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ער שטייט העכער פון אַלע זיינע חברים הן אין שכל, הן אין מענטשלעכקייט — פאַר דעם אַלע-מען איז ער טיף אין האַרצן געווען דאַנקבאַר לאהן.

אַלע אין שטאָט האָבן אים געלויבט און ליב געהאַט פאַר זיין גוטער אויפפירונג, געלויבט און געליבט מער פון אַלע אַנדערע יינגלעך. טאַטע-מאַמע האָבן זיך געווונטשן אַזעלכע קינדער, און זייע עלטערן האָט מען מקנא געווען. — אַלץ אַ דאַנק לאהן.

לאה האָט אים אויך באַקומען ליבער פון אַלע.

שפעטער האָט ער דערזען, אַז ביי זיין ליבע צו לאהן זענען דאָ גרויסע שוועריקייטן מצד די עלטערן. ער האָט אָנגעהייבן זוכן עפּעס אַ וועג צו פאַרבינדן זיך מיט לאהן.

און געקומען איז ער צו דעם באַשלוס, אַז חוץ וואָס ער לערנט אין קלויז, מוז ער אויך עפּעס וויסן און לערנען אַנדערע וויכטיקע זאַכן, וואָס זענען זייער נוצלעך אויף דער וועלט, און האָט אָנגעהייבן לעזן און לערנען אַזעלכע זאַכן פון וועלכע זיינע עלטערן האָבן נישט געטאָרט וויסן.

דערנאָך האָט גאָט אים באַשערט, אַז אין זיין שטאָט איז אַראָפּגעקומען פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט אין די גרויסע שטעט מיט גרויסע לערערס אַ סך געלערנט אַזוינע זאַכן, צו וועלכע אהרנען האָט זיך געגלוסט.

ער האָט געהאַט דאָס גליק צו באַקענען זיך מיט פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן און נאָך מער גליק, וואָס פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געווען אַזוי גוט און האָט געלערנט מיט אים. ער האָט ליב געהאַט און געלערנט צוליב דער ליבע. קען נאָך זיין עפּעס גליקלעכערעס פאַר אַ יונגנמאַן אין די יאָרן, ווי אהרקע איז געווען?

נאָר פּלוצים, נאָך זיין אויספיינען זיך, נאָך זיין גאַנצער גוטער אויפפירונג, האָט לאה אים געזאָגט: איך קען דיך, אהרקע, מער נישט ליב האָבן ווי ביז אַהער. איך פיל זיך פיל פּראַקטישער, פיל קליגער, אַז דו זאָלסט זיין מיין מאַן.

ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז די אמתע סיבה פון דער „איבערקערעניש" איז — זיין לערער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, וואָס איז געלערנטער, שענער און קלוגער פון אים. ער, אהרקע, איז נאָך, אפּנים, ווינציק אויסגעוואקסן, ווינציק געלערנט, ער זאָל ווערט זיין לאהס ליבע.

זי האָט אים פריער ליב געהאַט, ווייל זי האָט נישט געוווּסט, אַז עס איז דאָ בעסערס פון אים. און איצטער האָט זי דאָס אַלץ געפונען אין פיאָדאָרן. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז טאַקע געווען בעסער און געראָטענער פון אהרקען.

מיט פיל ליבע אין האַרצן, נאָר שטיל איז אהרקע אַוועקגעגאַנגען פון לאהן ווי דער שוואַכער, וואָס זעט אַ שטאַרקערן פאַר זיך.

אײדער זיין האַרץ האָט נאָך באַוויזן איבערצעווייטיקן דאָס גאַנצע איבערקערעניש, האָבן אים שוין זיינע עלטערן חתונה געמאַכט.

ער האָט דערזען לעבן זיך אַ יידיש מיידל, וואָס האָט אים קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן.

וואָס איז זי שולדיק, אַז לאה האָט געפונען אַ בעסערן פון אים? דערצו האָט זי אים ליב געהאַט, איז געווען אַ גוט ווייב, און געהאַט מזל אַ קינד, וואָסביידע האָבן זייער ליב געהאַט.

עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט שוין אַליין באַדאַרפט טראַכטן אויף פּרנסה פאַר ווייב און קינד, און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט

אמאָל געלערנט צוליב לאהן, האָט ער איצט באַנוצט פאַר זיין ווייב און קינדער און פאַר דער וועלט.

ער איז איצט געווען זייער אַ חשובער קאָמיסיאָנער ביי זיינע סוחרים און אַ געליבטער מענטש ביי אַלע מיט זיין שרייבן, מיט זיין וויסן האָט ער זיך געפונען זיין פרנסה בכבוד און איז געווען אַ מענטש פאַר גאָט און פאַר לייט. זיין פרוי האָט שוין געהאַט דאָס צווייטע קינד און זיי זענען ביידע צוויי מאָל גליקלעכער געוואָרן.

אַזוי האָט אהרקע געלעבט: געווען אַ הייסער געטרייער פאָטער פאַר זיין ווייב און קינדער, אַ וואַרעמער ייד און אַן אָרנטלעכער מענטש.

ביי דעם אַלעמען האָט ער אויך די גאַנצע צייט נישט פאַרגעסן אָן לאהן, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט נישט פאַרגעסן אָן זיינע קינדעריאָרן און שטענדיק זיך אָן זיי דערמאַנט ווי אָן אַ גאָלדענער צייט. די זון האָט שענער געשיינט, די לבנה ליכטיקער געלויכטן, די בלומען האָבן פיינער געשמעקט.

די יוגנט געדענקט על פי רוב די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט, אַ יוגנט.

עס זענען דאָ מענטשן, וואָס האָבן גאָר קיין יוגנט נישט געהאַט.
דאָס זענען יענע, וועלכע האָבן אין דער יוגנט נישט ליב געהאַט.

דער, וואָס האָט נישט ליב געהאַט, דער האָט קיין יוגנט נישט געהאַט, דעם האָבן נישט געשיינט די גילדענע שטראַלן פון דער זון.

די ערשטע ליבע פאַרגעסט קיינער נישט דאָס גאַנצע לעבן ביז אין גרוב. מען פאַרגעסט אפשר דעם נאָמען פון דעם, וועמען מען האָט ליב געהאַט, נאָר מען געדענקט עס ווי אַ גוטן חלום, אַזוי־ווי מיר פאַרגעסן נישט אָן די גוטע חלומות וואָס פלעגן זיך אונדז קינדערוויז חלומען ביינאַכט נאָכדעם, ווען אונדזערע באָבעס פלעגן אונדז פאַרוויגן מיט דעם שיינעם לידעלע, מיטן גאָלדענעם פערדעלע מיטן רויטן עפּעלע, וואָס אַ מלאך האָט עס אויסגעריסן פון גן עדן. אָדער פון די שיינע זעלטענע מעשיות, וואָס זיי פלעגן אונדז דערציילן פון טויזנט און איין נאַכט, און די גאַנצע נאַכט פלעגן זיך אונדז חלומען דאָס רויטע עפּעלע פון גן-עדן, דאָס פייערדיקע פערד מיט דער גילדענער רוט, דער פּרינץ מיט דער פרינצעסין, די טייערע פּאַלאַצן און שלעסער, די שמעקנדיקע וויינגערטנער, די לויטערע, שוימענדיקע וואַסערן.

דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ זענען נאַרישקייטן. נאָר זעט-זשע מיר פאַרגעסן, וואָס נעכטן איז געשען, וואָס מיר האָבן היינט צו טאָג, און אָט די גילדענע חלומות געדענקען מיר עד היום.

יאָ, ליבע לעזער, ווען איר האָט געהאַט אַ יוגנט, ווען איר האָט אין דער יוגנט ליב געהאַט, געדענקט איר עס עד היום, ווי אַ גוטן חלום, און נישט איינמאָל טוט איר אַ זיפץ אויף יענע גאָלדענע צייטן.

כאָטש אייערע ווייב און קינדער זענען אייך טייער, ווי די אויגן אין קאָפּ און איר זענט שטענדיק איינגעשפּאַנט אין דער פּרנסה, פונדעסטוועגן קלייבט איר זיך נאָך אויס אַ מינוט אַ זיפץ צו טאָן אויף יענעם גוטן חלום.

ר׳ אהרן דער קאָמיסיאָנער האָט אויך נישט פאַרגעסן לאהן, ווי אַ גוטן חלום, ווי דאָס רויטע עפּעלע פון גן-עדן און פלעגט אויך אָפט געבן אַ זיפץ, וואָס די גוטע חלומות האָבן איצט פאַר אים שוין אויפגעהערט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער דערציילונג.

אהרנס פרוי מיט די קינדער האָבן געוווינט אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון ר... אין דעם שטעטל האָט ער געגעסן אַ צייט ביי זיין שווער קעסט.

ער איז שוין דאָרט מיט זיין פאַמיליע געבליבן וווינען. נאָר ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן די פּאָגראָמען, האָט ער באַלד זיין פאַמיליע איבערגעפירט אין דער גרעסערער שטאָט ר...

דער, וואָס האָט געוואָלט זיין מער פאַרהיט פון אַ פּאָגראָם פלעגט זיך איבערציען אין אַ גרויסער שטאָט.

אין ר... האָט ער זיך גערעכנט פאַר אַ היגן, ווייל ער איז דאָ געבוירן געוואָרן, דעריבער איז אים געווען לייכט צו ווערן דאָ אַ היימישער.

און אַזוי ווי ער איז געווען געוווינט צו אַרבעטן, נישט געקענט זיצן ליידיק, האָט ער אָנגעהייבן זיך אָפּצוגעבן מיט שטאָט-זאַכן, גלייך מיט אַלע היימישע באַלעבאַטים.

דאָ אין ר... האָט ער געהאַט די געלעגנהייט, אָפּטער זיך דער-מאָנען אָן זיינע יונגע יאָרן, אָן לאהן, אפשר נישט אַזוי דערפאַר, וואָס דאָ אין זיין געבורטסשטאָט, נאָר ווייל דאָ איז לאה אויך גע-בוירן געוואָרן.

יעדעס ביימל, יעדעס שטיקל אָרט זענען געבליבן עד היום עדות, אַז ער האָט דאָ געהאַט גוטע מינוטן...

עפטער פלעגט ער זיך דאָ זען און באַקענען מיט זיינעם אַן אַלטן גוטן ברודער פון דער יוגנט — מיט פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן.

ווי צוויי אַלטע גוטע פריינט פון דער יוגנט, פלעגן זיי זיך אָפט דערמאָנען אָן די פריערע צייטן און אָפט איבעררעדן וועגן דעם, און, נאַטירלעך, לאָהן אויך דערמאָנט.

טאָמער ווילט איר פרעגן ווי קומט איצט פיאָדאָר קיין ר... איז איבעריק, ווייל מיט אַ מענטש אין אַ צענדליק יאָרן פאַסירן טויזנטער זאַכן.

פיאָדאָר האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט זיין רייכער כלה. פריער האָט ער געלעבט, ווי אַלע יונגע מענטשן פון זיין שטאַנד. ער איז עטלעכע מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד, געהאַט אין זיינען אָפערעס מיט שיינע אַקטריסעס, וועטשערעס, בעלער, ווי דער שטייגער איז מיט יונגעלייט אין דער גרויסער וועלט, ביי רייכע עלטערן.

אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר, זיין ווייב האָט אים געהאַט עטלעכע קינדער, פון דעם געלט איז געוואָרן ווינציקער און אַוועקגיין האָט באַדאַרפט מער און זיינע עלטערן האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז שוין נישט קיין קינד און דאַרף שוין אַליין עפעס אָנהייבן צו זאָרגן וועגן פרנסה, — האָט ער זיך צוליב דעם געשעפטן איבערגעטראָגן מיט זיין פאַמיליע קיין ר... וווינען.

דאָ, אין דעם שטילן אָרט, האָט ער זיך געוויינט צו לעבן שטיל. ער האָט אָנגעהייבן ליב צו האָבן זיינע קינדער און צוליב זיי אויך זייער מוטער.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געוואָרן אַ סטאַטעטשנער סוחר גלייך מיט אַלע. ער איז געוואָרן אין ר... אַ בטוח און האָט געפירט פיינע געשעפטן. נאָר איין זאַך האָט מען באַמערקט ביי אים נישט ווי ביי אַלע סוחרים: שטענדיק איז ער געווען טרויעריק, פאַרקלאָגט, ווי דער אומגליקלעכסטער מענטש.

קיינער, אַפילו זיין אייגן ווייב, האָט נישט געוווּסט די סיבה פון זיין אומעט.

יעדער האָט זיך נאָר דערויף געוווּנדערט: סטייטש, ער פאַרדינט געלט, פירט זיך אויף אָרנטלעך, קיינער טשעפּעט אים נישט און דאָך איז ער שטענדיק פאַרקלאָגט.

זיין פרוי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ קראַנקהייט, צו וועלכער מען קען נישט געפינען קיין תרופה.

אָבער זינט אהרן האָט זיך באַזעצט אין ר... און פיאָדאָר פלעגט זיך אָפט מיט אים זען, איז ער עטוואָס פרייליכער געוואָרן.

אהרן איז געווען דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן ער האָט געקענט עפענען זיין האַרץ. און דערפאַר איז אים געוואָרן אַ ביסל גרינגער. ער האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט פון לאהן, און ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָט זי אומגליקלעך געמאַכט: ווען זי איז אַוועק פון אים, איז זי שוין געווען אין די לעצטע חדשים.

אויך האָט ער אים דערציילט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער האָט זי באַגעגנט אין אדעס, ווי ער האָט זי געזוכט און געוואָלט העלפן. ער האָט אים אויך געוויזן דעם בריוו, וואָס לעדערבערג האָט באַקומען פון דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער סוחר, אַז אים האָט אַ גרויס אומגליק געטראָפן — לאה איז פון זיין הויז אַנטלאָפן.

מיט איין וואָרט, אַלץ האָט ער אים איבערגעגעבן, קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן.

זייער טרויעריק האָט אהרן אויסגעהערט די לאַנגע געשיכטע פון דער אומגליקלעכער לאהן.

— און די גאַנצע צייט האָסטו גאָרנישט געהערט פון איר? — האָט אים אהרן געפרעגט.

— ניין, אין דער גאַנצער צייט, מער ווי צען יאָר, האָב איך גאָרנישט געהערט, פונקט ווי אין וואַסער אַריין!...

— יאָ, די געשיכטע איז זייער טרויעריק, נאָר וואָס קען מען טאָן?

— טאָן קען מען גאָרנישט. דיר איז עס גרינג צו זאָגן, אָבער וואָס זאָל איך טאָן?...

— איך פאַרשטיי דיר נישט, וואָס ווילסטו דען טאָן און וואָס קענסטו טאָן דערצו?

— איך זאָג דיר, אַז דיר איז גרינג צו זאָגן „וואָס קען מען טאָן"... דו קענסט אפילו זאָגן, „אַז מען האָט גאָרנישט וואָס צו טאָן", ווארים דו ביזט אין דעם שרעקלעכן אומגליק פון לאהן נישט שולדיק. איך בין אָבער איר מערדער, צי זי לעבט, צי זי איז געשטאָרבן. ווען איך זאָל טאַקע זיין „אַ פאַרדאָרבענער מענטש, וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט, נאָר איך בין נישט פאַרדאָרבן. די גרויסע וועלט, מיין טאַטנס

גרינגע קערבלעך האָבן מיר נאָר קאַליע געמאַכט. און אַט איז לאה איבער מיר אויף אייביק אומגליקלעך געוואָרן... דאָס איז מיר געוואָרן קלאָר, ווען איך האָב זי געזען אין אדעס. דעמאָלט האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, ווי אין שפּיגל, אַז איך בין נאָך נידעריקער פון איר, פון אַ פרוי, וואָס שלאָגט זיך אַרום די גאַנצע נאַכט מיט שיכורים און זשוליקעס... עס האָט מיך עפּעס אָנגעהייבן שרעקלעך צו מוטשען, איך זאָל איר אַרויסהעלפן. עס איז מיר אָבער נישט געלונגען. שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר, ווען איך בין שוין אַליין אַ טאַטע געוואָרן, ווען אַלע האָלטן מיך פאַר אַן ערלעכן מענטש, האָט מיך נאָכמער אָנגעהייבן צו מוטשען דער געדאַנק: לאה וואָלט אויך געקענט חתונה האָבן, האָבן אַ מאַן מיט קינדער, גלייך ווי אירע שוועסטער אין ר... זי וואָלט געקענט זיין אַ הייסע מוטער, אַ געטרייע פרוי. זי וואָלט געקענט זיין אַ נחת פאַר אירע עלטערן... נו, און וואָס איז לאה? ערגעץ פאַרקויפט אין טערקיי... זי איז די נידעריקסטע באַשעפעניש געוואָרן. עס קען זיין, אַז זי ווינטשט זיך דעם טויט איידער אַזוי צו לעבן. זי איז אָפּגעשטאָרבן פאַר אירע עלטערן. די עלטערן האָבן אָנגעוואָרן אויף אייביק זייער קינד... ווער איז שולדיק אין דעם אַלעמען? אהרן! איך בין אויך אַ טאַטע פון קינדער!...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז שטיל געוואָרן אויף עטלעכע מינוט, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שרעקלעכן געזיכט און מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— איך ווייס נישט! איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז! לאָז זיין, ווי מיין ווייב זאָגט, אַז דאָס, וואָס איך בין שטענדיק טרויעריק, איז אַ שלאַפקייט, און איך דאַרף זיך קורירן! לאָז זיין אַזוי, נאָר מיך מאַטערט זייער, מיך מאַטערט שטאַרק, און איך פיל, אַז עס איז פאַר מיר קיין דאָקטאָר נישטאָ... אַזאַ שלאַפקייט איז נישטאָ... איך קען נישט אַרומנעמען מיינע קינדער, ווי אַ טאַטע... איך קען נישט... איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז... דו רעדסט מיר איין, אַז עס איז פאַרפאַלן, מען קען גאָרנישט טאָן דערצו. די אומגליקלעכע לאה איז שוין סיי-ווי-סיי ווי אין וואַסער אַריין... עס קען אפשר זיין, אַז עס איז אַזוי... נאָר דו זאָלסט זיין אין מיין לאַגע, דאָס הייסט, לעבן רויק און צוזען, ווי דו האָסט אַליין געהרגעט... צען מאָל געהרגעט אַ מענטשן, און דעם טויט אין די הענט נישט געגעבן... ניין, ברודער,

מען דאַרף זיין דער ערגסטער פאַרדאָרבנסטער מענטש, מען זאָל קע־
נען זיין רויִק...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש פלעגט אַריינפאַלן אין אַ מין משוגעת, רעדנדיק דערפון. נאָר אהרן פלעגט אים מיט אַ צעבראָכן האַרץ באַרויִקן, טרייסטן, מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש פלעגט רויִקער ווערן אויף עטלעכע מינוט, זיך אויסרעדנדיק כאָטש אַ ביסל דאָס האַרץ.

זיין רויִקייט פלעגט אָבער לאַנג נישט געדויערן און ער פלעגט מיט אהרנען ווייטער נישט אויפהערן רעדן דערפון.

IV

רב שמואל בער.

אין די דרייצן יאָר זינט לאה איז אַוועק פון דערהיים, האָט איר פאָטער, ר' שמואל בער, אויך נישט ווייניק איבערגעליטן און איבער־
געטראָגן.

וויפל, וויפל וואָלט ער דעמאָלט אַוועקגעגעבן פאַר זיין טאָכטער — קיינער זאָל נישט האָבן אויף אים צו רעדן. ווארים וויבאַלד אין שטאָט איז מען געוואָר געוואָרן, אַז זיין טאָכטער איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָבן אָנגעהייבן וועגן דעם אַרומצוגיין אַלערליי פירושים.

אַ טייל האָבן געצויגן מיט די אַקסלען און נישט געוווּסט, וואָס דאָס קען באַדייטן. נאָר דאָס רוב איז געבליבן ביי דער מיינונג, אַז לאה איז אַנטלאָפן מיט אַן אָפיצער, מיט אַ יונקער, מיט אַ פריץ פון די קונים, וואָס האָבן געגעבן צו לייזן ביי אים אין קלייט. דערצו נאָך האָט זי באַגנבעט דעם פאָטער.

אַ טייל האָבן איבערגעגעבן פון אַ זיכערער קוועלע, אַז אַ באַקאַנטער פריץ האָט דערציילט, אַז ער האָט זי געזען אַרומפאָרן אין פעטערבורג מיט אַ גענעראַל.

זי גייט אין גאַלע גאָלד אָנגעטאָן און וועט זיך אויף ניי־יאָר שמדן און וועט ווערן אַ גרויסע חשובה פּרוי ביי דער מלוכה.

און כאָטש זי וואָלט יידן געקענט אַ גרויסע טובה טאָן, אַז יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן ווי דורך אסתּר המלכּה פון גלות, נאָר זי איז פאָרט אַ משומדתטע און יידן טאָרן פון איר נישט קיין הנאה האָבן. דערווייל האָט איר פאָטער ר' שמואל בער אָנגעהייבן ליידן דורך איר פיל בזיונות.

באַלד האָבן זיך געפונען יונגע געבראָטענע חסידימלעך, איידימלעך, וואָס האָבן טאַטעס מיט שווערן, שיינע מזרח־יידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי שטייט נישט אָן, אַז ר' שמואל בער, וואָס האָט אַ טאָכטער אַ חצופה, וואָס פאָרט אַרום אום שבת מיט אַ גענעראַל און וויל זיך שמדן צוליב איר עולם־הזה, זאָל זיצן גלייך מיט זיי אין מזרח־וואַנט!

ר' שמואל בער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען ער וועט אַליין נישט אַראָפּ פון מזרח, וועט מען אים אַראָפּרוקן מיט גרויס בזיון, און ער האָט זיך צוביסלעכווייז אַליין אַראָפּגערוקט מיט אַ פאַרשעמטן פּנים און מיט אַ ווייטיק אין הארצן. ווארים וואָס פאַר אַ ווערט קען שוין האָבן אַ מענטש אויף דער וועלט, אַז ער טאָר נישט זיין קיין מזרח־ייד?

דאָס איז פאַר אַ ר—ער יידן נאָך ערגער, ווי פאַר איינעם צו פאַרלירן אַלע בירגערלעכע רעכט אויף אייביק.

ווי קען זיך דער מענטש רירן אין אַזאַ לאַגע?

פאַר אַ גבאי פון הקדש, וואָס ער איז געווען פון תּמיד אָן, האָט מען אים שוין מער נישט אויסגעקליבן. זיין דעה אין שטאָט האָט שוין געהאַט אַ ווערט, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

בכלל האָט ער געמוזט שטענדיק שווייגן אָדער ווען ער האָט יאָ אַ וואָרט אַרויסגערעדט, האָט ער געמוזט פריער יענעם חנפנען אָדער לויבן. יעדן נאָכגעבן אויף יעדן וואָרט.

ווארים ווען נישט, האָט מען אים שוין באַלד געגעבן אָנצוהערן, אַז ער דאַרף שווייגן, ווייל ער האָט אַ טאָכטער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ גענעראַל און פאָרט מיט אים אַרום איבער פּעטערבורג עפנטלעך אום שבת בייטאָג און וויל זיך נאָך שמדן.

און דער אומגליקלעכער ר' שמואל בער האָט מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ צעפּלאַצט האַרץ אָפּגעשוויגן יעדן מינדסטן ייִנגל, יעדן עזות־פּנים, יעדן שטאָט־שייגעץ, יעדן ווייסן חברהניק...

איבער דעם פלעק אין זיין משפחה האָט ער אָנגעוואָרן דעם גאַנצן קרעדיט, מיט וועלכן ער פלעגט פירן זיין מסחר. קיינעם איז נישט אָנגעשטאַנען מיט אים צו האַנדלען, בפרט נאָך צו ליַיען אים געלט אויף פראָצענט.

די פּאָליצעס פון זיין קלייט האָבן אָנגעהייבן צו ווערן ליידיקער. וואָס אַ טאָג ווייטער, איז אים זיין פרנסה געוואָרן ערגער. קוים מיט צרות האָט ער זיך דורכגעשלאָגן ווי עס איז און געצויגן אַ שטיקל ברויט.

נאָכמער האָט ער אָנגעהייבן פילן זיין ביטערע לאַגע — זיין „פלעק אין דער משפחה", — ווען ער האָט באַדאַרפט מיט זיינע איבעריקע קינדער אַ שידוך טאָן; דאָ האָט מען אויף יעדן שריט געוואָרפן אים זיין שאַנד אין פנים — שדכנים האָבן אים גערעדט מיט געפּאַלענע באַלעבאַטים און ער האָט געמוזט באַשטיין צו פאַרזעצן, פאַרליַיען זיין שטיבל און נאָך יענעם צוצאָלן אין בייטל אַריין.

דער מינדסטער בעל-מלאכה, דער מינדסטער וואַסער-פירער האָט זיך גערעכנט אַקעגן אים פאַר אַ מיוחס.

דער איינציקער, וואָס האָט מיטגעפילט זיין אומגליקלעכע לאַגע, איז געווען אהרקע. ווען ער איז נאָך געווען אין ר... פלעגט ער קו-מען צו ר' שמואל בער אין שטוב. דאָרט פלעגן זיי אָפט דערמאָנען לאהן. די היימישע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען די אמתע סיבה פון איר אַנטלויפן.

טרויעריק פלעגט ער קוקן אויף דעם אומגליקלעכן פאָטער, וואָס איז עלטער געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס ער איז אָוועקגעשטויסן גע-וואָרן פון מענטשן, פונקט ווי מען האָט אים צוריינגעלייגט אין חרם. און ווער איז שולדיק אין זיינע אַלע אומגליקן? — האָט ער געטראַכט.— זיין אייגענע טאָכטער לאה!

— מיין אייגענע טאָכטער, מיין אייגענע טאָכטער, — האָט זיך שמואל בער איינמאָל אויסגערעדט פאַר אים זיין ביטער האַרץ. — זי איז די סיבה, וואָס ביי אַלע בייזע מיילער האָבן זיך געעפנט די שלע-סער און זיי רעדן אויף מיר און טוען מיר וואָס זיי פאַרגלוסט זיך נאָר. ווער וואָלט געוואַגט צו רעדן אויף מיר אַ שלעכט וואָרט, ווען נישט זי? איר פאַרשטייט, אַז אַ מענטש פאַלט אַזוי אַריין אין פרעמדע מיילער, האָט מען אים נישט וואָס מקנא צו זיין. קיין גוטס קען דאָ נישט אַרויסקומען. אין מיינע אַלע אומגליקן איז שולדיק מיין אייגענע

טאָכטער. זי האָט אומגליקלעך געמאַכט איר טאַטן, איר מאַמען, אירע אייגענע שוועסטער און ברידער. זי האָט פּאַרפלעקט אונדז אַלע, אונדזער גאַנצע משפּחה!

— איר באַשולדיקט זי צופיל און באַטראַכט זיך נישט...

ר׳ שמואל בער האָט זיך אויפגערעגט און אהרקע האָט געזאָגט:

— פאַר אייער טאָכטער קען מען געפינען אַ זכות, אַז מען זאָל זי גאָרנישט באַשולדיקן, און איר באַשולדיקט זי אַזוי שטאַרק! ווער ווייסט, וויפל זי קומט אָפּ, וויפל זי ליידט ערגעץ פאַר איר אומשולדיקן פאַרברעכן!..

— איר זאָגט, פאַרוואָס איך באַשולדיק זי אַזוי שטאַרק! זעט, וואָס פאַר אַ תל עס איז פון מיר, פון מיין הויז געוואָרן, אַלץ אַ דאַנק איר! וויאַזוי-זשע זאָל איך זי נישט באַשולדיקן?

— יאָ, נאָר איך פרעג אייך, וואָס-זשע האָט, נאָך אייער מיינונג, פאָרט געזאָלט טאָן די אומגליקלעכע לאה, ווען זי איז איינמאָל, נישט מיט איר וויקן פאַרפירט געוואָרן? וויאַזוי האָט זי זיך באַדאַרפט באַגיין נאָך אייער מיינונג? נישט אַנטלויפן?

— ניין, נישט אַנטלויפן. נישט באַהאַלטן זיך פאַר אונדז. זי האָט באַדאַרפט באַלד אַלץ דערציילן אונדז בסוד, וואָלטן מיר שוין געוווּסט, וואָס צו טאָן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון אונדזער שאַנד, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן אונדז דערנאָך צו שענדן. וואָס האָט זי אָבער געטאָן? זי האָט אונדז די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט געזאָגט, באַהאַלטן זיך גאָר פאַר איר אייגענע עלטערן און דערנאָך אַנטלאָפן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן פון אונדזער חרפּה, אונדזער גאַנצע משפחה זאָל פאַרפלעקט ווערן! ניין, דאָס איז שרעקלעך, דאָס טוט אַ מערדערין, נישט קיין קינד!

— איר זענט אפשר גערעכט. זי האָט טאַקע נישט באַדאַרפט אַנטלויפן. זי האָט באַדאַרפט אייך אויסזאָגן. נאָר זאָגט מיר דעם אמת, ווי איר זענט אַן ערלעכער ייד, וואָס וואָלט איר געטאָן מיט לאהן דעמאָלט, ווען זי זאָל זיך געווען מיט איר אומגליקלעכן סוד, ווי אַ קינד, פאַרטרויען פאַר אירע געטרייע עלטערן? וואָס וואָלט איר געטאָן?

ר׳ שמואל בער האָט געענטפערט:

— איך ווייס שוין, וואָס איך וואָלט געטאָן...

— פאַרשטייט זיך, אַז איר ווייסט, נאָר איך ווייס אויך און וועל אייך זאָגן, וואָס איר וואָלט געטאָן, ווען לאה זאָל זיך געווען

פאַרטרויען פאַר אייך מיט אַלעמען ווי פאַר טרייע עלטערן. צום ערשטן וואָלט איר זי גענומען שלאָגן און רייסן ביי די צעפּ — איר פון איין זייט און אייער ווייב פון דער אַנדערער זייט. איר וואָלט אַפילו נישט קיין רחמנות געהאַט, טאָמער איז זי מפּיל אַ טויט קינד, וואָס דאָס איז פאַר איר לעבן זייער געפערלעך. אַלצאיינס, וואָלט איר געשריען, דאַרפן מיר אַזאַ קינד נישט האָבן. זי וואָלט געמעגט סיי-ווי-סיי אויסגערונען ווערן ביי דער מאַמען אין בויך... צום צווייטן וואָלט זי שוין פון הייַנט אָן און ווייטער איר קול נישט געטאָרט לאָזן הערן ביי אייך אין שטוב, וואָרים וויבאַלד עפּעס, וואָלט איר אַלע מינוט אויפוואַרפן איר איר פאַרברעכן, איר בזיון. זי וואָלט שוין אויף שטענדיק געווען ביי אייך אין שטוב דאָס איבעריקע קינד. הייַנט וואָס וואָלט איר געטאָן מיט דעם אומגליקלעכן קינד, וואָס זי וואָלט געבוירן? אָן שום רחמנות אויף אייער קינדס לעבן (איך רעד שוין גאָרנישט פון איר קינדס לעבן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק), וואָלט איר דורך פאַרשידענע רעצעפּטן, דורך פאַרשידענע באָבעס אומגעבראַכט עס ביי איר אין בויך. און טאָמער וואָלט עס נישט געהאָלפן, און דאָס קינד וואָלט געבוירן געוואָרן אַ לעבעדיקס, וואָלט איר זיך נאָך שרעקלעכער באַגאַנגען... — אייער אומגליקלעכע לאה האָט גוט געוווּסט, אַז יידישע עלטערן ביי אַזאַ פאַל זענען שוין נישט קיין עלטערן, נישט קיין מענטשן מיט רחמנות, נאָר די שרעקלעכסטע מערדער אין דער וועלט... — זי האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ לעבן איר שטייט פאָר אין דער צוקונפט ביי אייך, איז זי אַנטלאָפן, און האָט זיך נישט פאַרטרויט פאַר אייך, כאָטש זי האָט זיך געוויס פאָרגעשטעלט, אַז אינדערפרעמד וועט איר נאָך זיין פיל ערגער, ווי ביי אייך...

פון דעמאָלט אָן פלעגט אהרקע ווייניקער ביי אירע עלטערן אין הויז דערמאַנען לאהן. זיי פלעגן שוין כמעט נישט אַרויפקומען אויף דעם שמועס. שפּעטער, ווען אהרקע איז געוואָרן אַ קאָמיסיאָנער און איז געווען שטענדיק באַשעפטיקט, פלעגט ער זעלטן זיין אין ר... און ווען ער פלעגט יאָ אַמאָל אין יאָר קומען, פלעגט מען פאַרגעסן אין לאהן...

ר׳ שמואל בערן האָט זיך ווייטער נישט געלעבט בעסער, ווי פריער. אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע יאָר און ער איז אַזוי

געוווינט געוואָרן מיט זיין טרויעריקער לאַגע, אַז ער האָט שוין גאָר פאַרגעסן, ווער איז אין זיינע אומגליקן שולדיק.

ווען פיאָדאָר איוואַנאָוויטש מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך באַזעצט אין ר... איז ער דערציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ר׳ שמואל בער געפינט זיך.

און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט זיך פאָרגענומען, ער זאָל לאזס אומגליקלעכן פאָטער אוועקשטעלן אויף זיין פריערדיקן שטאַנד.

אַ דאַנק פיאָדאָרן, האָט ר׳ שמואל בער ווייטער געשטעלט זיין קלייט אויף די פריערדיקע פיס. באַקומען נאָכאַמאָל אַ שיינעם קרע-דיט, אַפילו אין מזרח-וואַנט פלעגט ער שוין אויך זיצן און ששי פלעגט מען אים אויך אויפרופן.

וועגן דעם „פלעק" האָט מען שוין אין ר... לאַנג פאַרגעסן. פון די אַלטע „בייזע מיילער" און פליאָטקע-מאַכערס, זענען שוין אַ סך געשטאָרבן. אַ סך האָבן אויך פאַרגעסן, און די, וואָס רעדן נאָך, האָבן באַקומען אַ הייזעריקן קול.

איין שמחת-תורה, האָבן די חסידים פון ר... זיך אַזוי צעשיכורט, אַז זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייער אַלטן גבאי. פיאָדאָר איוואַ-נאָוויטש האָט פאָרגעלייגט עטלעכע עמער ווין, מען זאָל אויסקלייבן ר׳ שמואל בערן, ווייל ער איז אַן אַלטער גבאי און ווייסט זיין זאַך. די חסידים האָבן ווייטער געמאַכט ר׳ שמואל בערן פאַר אַ גבאי.

V

אהרן דערקענט זי.

אַ קליין שטעטל זאָגט מען איז ווי אַ לאַמטערנע — די מינד-סטע זאַך, וואָס דאָרט קומט פאָר, זעען אַלע. פאַר קיינעם ווערט קיין שום זאַך נישט פאַרבאָרגן.

ווען די פור מיט דער אַלטער יידענע און מיט דער קראַנקער לאה איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט די סיבה דערפון.

פריער, נאַטירלעך, זענען געוואָר געוואָרן די ווייסע חברה, וואָס האָבן זיך געשפּילט דעם אָוונט אויף דער גאַס און האָבן פּלוצלונג דערזען, ווי עס שלעפּט זיך אַ פור, עס ליגט עפּעס אַ יידענע און די אַלטע יידענע (זייערע אַן אַלטע באַקאַנטע) זיצט לעבן איר. מסתמא איז דאָס עפּעס נישט קיין ריינע זאַך, און מען האָט זיי אָנגעהייבן נאָכצעלויפן.

די אַלטע יידענע האָט זיי אַלעמאָל אָפּגעטריבן מיט דעם שטעקן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן זי באַגלייט ביז ר' שמואל בערס שטוב.

אַלע פון שטוב זענען אַרויסגעלאָפן און שמואל בער דער גבאי אויך. די אַלטע יידענע האָט אָנגעהייבן בעטן, ער זאָל געבן אַ קוויטל, מען זאָל די אָרעמע קראַנקע אַריינגעמען אין הקדש.

— ווי קען איך אייך געבן אַ קוויטל, אַז אין הקדש נעמען מיר נישט אַריין ביינאַכט?

— וואָס-זשע זאָל איך טאָן? זאָל איך זי לאָזן נעכטיקן אויף דער גאַס? איך וועל נישט אָפּטרעטן, ביזוואַנען איר וועט מיר געבן אַ קוויטל. ווען נישט לייג איך זי אַנידער לעבן אייער שטוב, און איר, גבאים, טוט מיט איר וואָס איר ווילט. מיין נשמה וועט זיין ריין. און טאָמער וועט זי שטאַרבן אין גאַס, וועט אייער נשמה אָפּקומען.

די אַלטע יידענע האָט פאַרשטאַנען, אַז אָן אַזאַ מיטל וועט זי גאָרנישט פועלן. דער בעל-עגלה האָט אויך געשריען. וואָס האַלט מען אים אומזיסט. די אַלטע יידענע האָט אים געהייסן אַראָפּנעמען די קראַנקע און זי אַנידערזעצן אויף דער פריזבע פון דעם גבאיס שטוב.

לאה, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם בעל-עגלה, איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, און מען האָט זי אַנידערגעזעצט אויף דער פריזבע. די אַלטע יידענע האָט געפונען פאַר בעסער, זי זאָל זיך דאָ מער נישט געפונען: וועט מען די קראַנקע געוויס ערגעץ אַריינגעמען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטער באַלעבאָסטע איבער-צונעכטיקן אין קיך ביז אינדערפרי, וואָרים ווי וועט זי זיך קענען שלעפּן אַזוי ווייט?

לאה האָט זיך געפונען ווי אין אַ חלום. זי האָט גאָרנישט געזען, וואָס עס טוט זיך מיט איר און וווּ זי געפינט זיך.

דער עולם איז אַרום איר אַלעמאָל גרעסער געוואָרן, אַ סך האָבן אָנגעהייבן צווישן זיך שטאַרק זידלען דעם גבאי, וואָס ער לאָזט די קראַנקע אַזוי.

ר' שמואל בער וואָלט אפשר קיינעמס זידלען נישט געהערט און זיך באַגאַנגען, ווי ער האָט געוואָלט. ווי דער שטייגער איז פון יידישע גבאים, אַז איידער זיי גיבן דעם אָרעמאַן אַ קוויטל אויף עפּעס, ציען זיי אים פריער אויס די עצמות; נאָר אַזוי־ווי ער איז נישט לאַנג געוואָרן גבאי, נאָך אַזויפיל מי, דעריבער האָט ער נישט געקענט צוהערן אַזוי גלייכגילטיק, ווי מען זידלט אים. ער וואָלט באַלד די מינוט געגעבן אַ קוויטל, נאָר צווישן דער חברה פון הקדש איז טאַקע געווען אַזאַ כלל: ביינאַכט זאָל מען נישט אַריינעמען קיין קראַנקע, ווייל פריער, איידער מען האָט געמאַכט דעם כלל, פלעגן געזונטע אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט געהאַט וווּ צו נעכטיקן, קומען אין הקדש און אָנגעבן זיך אַלס קראַנקע און דערנאָך איז זיי געווען שווער אַרויסצעטרייבן. דעריבער האָט מען געמאַכט דעם נייעם כלל. דערפון האָבן אַלע געוווּסט.

פונדעסטוועגן, ווי דער שטייגער איז, האָט דער עולם נישט אויפגעהערט צו זידלען דעם גבאי.

ענדלעך האָבן זיך צווישן עולם געפונען אַזוינע, וואָס האָבן זיך אָנגערופן, אַז זיי ווילן נעמען די קראַנקע צו זיך איבער נאַכט. דאָ האָט זיך ערשט דערמאַנט ר' שמואל בער, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אים. זי ליגט אויף זיין פריזבע. צו אים האָט מען זי געבראַכט. פרעמדע, וואָס זענען נישט קיין גבאים, ווילן זי אַריינלאָזן און ער נישט. האָט ער באַלד געהייסן די קראַנקע יידענע זאָל איבערנעכטיקן ביי אים אין שטוב.

דעם עולם איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן פון זייער גבאי און זיי זענען זיך שטיל צעגאַנגען.

ר' שמואל בער איז געווען אוודאי צופרידן, וואָס קיינער וועט אויף אים אַ שלעכט וואָרט נישט זאָגן און מען וועט אים נאָך לויבן.

שפרה, ר' שמואל בערס ווייב, האָט ווי אַן ערלעכע יידענע, אַ גבאיטע, רחמנות געקריגן אויף דער אָרעמער קראַנקער, אויסגעבעטט פאַר איר אַ ווייך בעטל, זי אַנידערגעלייגט און זי געפרעגט:

— וואָס טוט איך ווי, ליבע יידענע, דאַרף מען שיקן נאָך אַ דאָקטאָר?

לאה, האָט נישט דערקענט, אַז דאָס רעדט מיט איר, איר איי־גענע מוטער. עס האָבן איר אַלע אברים ווי געטאָן. דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט, זי האָט גאָרנישט געזען אַרום זיך.

זי האָט נאָר געוואָלט זיין אַליין. זיך אָפּרוען, זיך איבערשלאָפן. קוים האָט מען זי איינגעבעטן אויסטרינקען אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקל ווייסע בולקע.

דאָס האָט אויף איר אַזוי גוט געווירקט, אַז זי איז אויף איר ווייכן געלעגער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן. אין שטיבל האָט מען איבערגעלאָזט אַ לעמפל ברענען די גאַנצע נאַכט.

דער קעכין, וואָס שלאָפט שטענדיק אין קיך, האָט מען געהייסן איבערנאַכט זיך לייגן אין שטיבל, וווּ די קראַנקע איז, טאָמער וועט זי זיך אויפכאַפּן און עפּעס וועלן.

* * *

זינט ר׳ שמואל בערן האָט אָנגעהייבן גיין בעסער און בפרט נאָך זינט ער איז געוואָרן נאָכאַמאָל גבאי, האָבן אין זיין שטוב אָנ־געהייבן אַריינצוגיין אָפטער מענטשן.

זעלטן איז געווען אַן אָוונט, אַז עס זאָלן זיך ביי טיי נישט געפונען אַ צוויי פרעמדע און אַ פינף היימישע מענטשן, שטענדיקע איינגייערס.

ווער רעדט שבת־צו־נאַכטס, איז די שטוב געווען כמעט פול מיט היימישע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך גערעכנט ר׳ אהרן דער קאָמיסיאָנער און פיאָדאָר איוואַנאָוויטש.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש פלעגט קומען זייער זעלטן, ווייל ער איז געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. ר׳ אהרן דאָסגלייכן, נאָר זינט עס האָבן זיך איבער די פּאָגראָמען אויסגעלאָזט די קאָמי־

סיעס, און ער איז געקומען אהיים. האָט ער, אָוונטצייט, אָנגעהייבן אריינצוקומען אָפטער.

היינטיקן אָוונט איז ער אויך געווען ביי ר׳ שמואל בערן. פריער האָט מען גערעדט פון אלערליי נייעסן, און דערנאָך איבער דער קראַנקער יידענע, וואָס האָט זיך געפונען איצט ביי ר׳ שמואל בערן אין שטוב, און צולעצט האָבן זיי אָנגעהייבן צו רעדן פון הקדש.

אהרן האָט געזאָגט, אַז עס איז זייער נישט גוט, וואָס עס איז אין דעם היגן הקדש איינגעפירט, אַז ביינאַכט זאָל מען נישט אריינ-נעמען קיין קראַנקן.

און ר׳ שמואל בער האָט פון זיין זייט דערוויזן, אַז ביינאַכט איז נישט מעגלעך. קיין נאַכט-דאָקטוירים האָט נישט דער הקדש און מען קען נישט וויסן, ווער עס איז קראַנק און ווער נישט — גיי גלייב אַ קבצן! פאַר אַ יויכל מיט אַ פרישער בולקע וועט ער זיך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק מאַכן קראַנק.

— איך וואָלט שוין פונדעסטוועגן געגעבן אַ קוויטל פאַר דער יידענע, נאָר ווער ווייסט, צי דאָרט איז דאָ אַ ליידיק אָרט! דער הקדש איז שטענדיק פול מיט קראַנקע. אויב די יידענע איז טאַקע באמת קראַנק, וועט מען מוזן מאָרגן אויסשרייבן איינעם.

צוועלף דעם זייגער זענען שוין אַלע ביי ר׳ שמואל בערן אין שטוב געשלאָפן. אין אַלע פענסטער איז געווען פינסטער, נאָר ביי דער קראַנקער יידענע אין שטיבל האָט דאָס לעמפל געלויכטן. די קעכין האָט ווי תמיד זייער געשמאַק געשלאָפן.

לאה האָט זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן. זי איז זייער פאַרוווּנדערט געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, אַז זי ליגט אין אַ ווייכן בעט מיט אַ קישן צוקאָפּנס, מיט אַ ווייסן ליילעך. זי האָט שוין לאַנג אויף קיין ווייכן געלעגער נישט געשלאָפן. נאָכן איבערשלאָפן זיך האָט זי זיך געפילט זייער גוט, און געפילט, ווי אַלע אירע צעבראָכענע ביינער האָבן זיך איר אויסגעגלייכט. זי איז געלעגן רויק און שטיל.

אַרום איר איז אַזוי ליכטיק, אַזוי ריין. דאָס אַלץ האָט אויף איר אַזוי גוט געווירקט, אַז זי איז געקומען צו זיך, צו אירע אַלע געדאַנקען.

ביסלעכווייז האָט זי זיך אָנגעהייבן צו דערמאָנען, וואָס איז מיט איר היינטיקן טאָג פאָרגעקומען. נאָר ווו געפינט זי זיך איצט?

אין הקדש? צי אין אַ שטוב בײַ אַ גוטן מענטשן, וואָס האָט אויף איר רחמנות געהאַט?

פּלוצלונג האָט זי מיט גרויס שרעק און מיט גרויס ווּנדער אויפגעהייבן דעם קאָפּ פון קישן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם מעשענעם חנוכה-לעמפּל מיט די מעשענע פייגעלעך, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

— גאָט! דאָס איז דאָך מײַן טאַטנס חנוכה-לעמפּל, איך געדענק, ווי הײַנט, אַז אַ גאַנץ יאָר פלעגט עס הענגען פאַר אַ צירונג אויף דער וואַנט, נאָר ערב חנוכה פלעג איך עס אַראָפּנעמען, אָפּרײַבן, אויסוווישן און אָנגיסן בוימל, פריער איין רערל, אויף מאָרגן אין צוויי א. אַז. וו. ווי דער טאַטע האָט געהייסן אָנשטעלן עס בײַ דער טיר אויף אַ בענקל און ער פלעגט אַלע אָוונט אויף אַ שיין קול מיט אַ ניגון בענטשן חנוכה-ליכטלעך. ווען איך בין געווען נאָך אַ קליין מיידעלע, פלעג איך זיין זייער פרייליך און לאַכן פון דעם לאַנגן שטיקל סטאָטשיק, וואָס דער טאַטע פלעגט זאָגן, אַז ער איז אַ שמש, און היט אָפּ, אַז די איבעריקע ליכטלעך זאָלן ברענען... איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך איצט אין ר... אין מײַן געבורט-שטאָט. פאָרנדיק, ווען איך האָב דערזען די שטאָט, האָב איך זיך דערפרייט, וואָס אָט באַלד, באַלד וועל איך זיין אינדערהיים. איך וועל זען מײַן קינד, און דערנאָך אפשר וועלן רחמנות האָבן אויף מיר מײַנע עלטערן און איך וועל ווייטער ווערן בײַ זיי אַ קינד, נאָר דער טויט פון ר' זלמינע האָט מיר באַלד דעם קאָפּ פאַרשלאָגן. איך האָב שוין פאַרגעסן אין אַלעם און דערנאָך, ווען מען האָט מיר גע-זאָגט, אַז שיינדעלע מיט רייזעלען זענען אָוועקגעפאָרן, די מענטשן-פאַרקויפערין כייקע די מעקלערקע האָט זיי געגעבן אַ שטעלע, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב געפילט, ווי איך ווער אָן מײַנע כוחות... איך בין געפאַלן, ווי אַ דערהרגעטע. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו איך געפין זיך, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב אפילו פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין מײַן שטאָט...

זי האָט זיך ווייטער אַרומגעקוקט און האָט ווייטער אַ סך זאַכן דערקענט. זי האָט כמעט אויסגעשריען:

— גאָט, איך געפין זיך בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב! אין מײַן געוועזענעם שלאָפצימער. דורך דעם פענסטער בין איך פון מײַנע עלטערן אַנטלאָפן. אַלץ איז מיר דאָ אַזוי באַקאַנט, די יידענע, וואָס

האָט מיך איינגעדעקט און איינגעהילט און אויסגעפּרעגט מיך, צי ווײל איך עפּעס, איז געווען מיין מוטער!... איך האָב זי נישט דער־קענט, אוי, ווי זי איז פאַרעלטערט געוואָרן. נאָך ערגער פון מיר!... ווי שווער איז זי איצט צו דערקענען! גאָר אַן אַלטע יידענע געוואָרן, באַר איצט, איצט האָב איך זי דערקענט!... זי האָט מיך נישט דער־קענט!... און ווער קען מיך יאָ דערקענען? ווער ווייסט דען אין מיין פאַרפינסטערטן פּנים גאָר גליבן, אַז איך בין די לאה!... גאָט! וואָס זאָל איך איצט טאָן? צי זאָל איך טאַנצן פאַר פרייד, צי זאָל איך וויינען פאַר צרות?!...

אין איר האַרץ זענען פאָרגעקומען ביידע זאַכן. עס האָט זיך איר געפרייט און געוויינט. דער קאָפּ האָט ווייטער אָנגעהייבן שווינד־לען, ווי פריער.

— וואָס זאָל איך איצט טאָן? זאָגן זיי? עס קען זיין, אַז איך וועל זיי מיט דעם נייס ווייטער אומגליקלעך מאַכן. געוויס האָבן זיי שוין אָן מיר לאַנג פאַרגעסן און לעבן זיך גליקלעך. וואָס האָב איך זיי אומגליקלעך צו מאַכן, אויפרייצן די אַלטע ווונדן? געוויס האָבן זיי נישט געלעקט קיין האָניק פון מיין אַנטלויפן... און, ווידער, ווער ווייסט, צי זיי וועלן מיך צונעמען ווי אַ טאָכטער, ווי אַ קינד? — דען וואָס בין איך?... נידעריק... און פאַרדאָרבן... פאַרדין איך דען, מיינע עלטערן זאָלן מיך צוריק צונעמען פאַר אַ קינד?... באַרעכענענדיק אַלץ, וואָלט געווען זייער נאַריש, ווען זיי זאָלן מיך דערקענען, ווען איך זאָל זיי אויסזאָגן... נאָר לאָז זיין, זיי וועלן זיך דערפרייען מיט מיר און וועלן מיך צונעמען ווי אַ קינד, וואָס וועט זיין דעמאָלט? וואָס וועט פון מיר דעמאָלט זיין? איך בין שוין סיי־ווי־סיי אַ פאַר־פאַלענע. און זאָל איך ביי זיי בלייבן אפילו, טאָר איך שוין נישט דערמאָנען, אַז איך האָב אַ טאָכטער, וואָס איך האָב זי אַזוי ליב. איך וועל זיין זאַט, לעבן רויק און זי מיט שיינדלען, ר' זלמינעס אייניקל, מאַטערן זיך ערגעץ דאָרט. עס קען זיין, אַז זיי פלאָגן זיך אין אַזוינע ערטער, ווי איך. אָ, ניין, דאָס וועט נישט זיין. איך ווייס איצט אַלע וועגן, ווו זיי צו געפונען. איך האָב אַלץ אַליין איבערגעלעבט. איך וועל זיי געפונען און וועל זיי אַרויסראַטעווען, כּל זמן זיי זענען נאָך יונג. לאָמיך נאָר אַ ביסל קומען צו זיך. לאָמיך נאָר לעבן! און דער־נאָך וועל איך קומען צו מיינע עלטערן. וויאַזוי עס וועט שוין דערנאָך

זיין, מעג זיין. אלצאיינס, איך וועל שוין סיי־ווי־סיי נישט זיין גליק־לעך... מיין לעבן איז שוין סיי־ווי־סיי פאַרשפּילט.

זי האָט באַשלאָסן, מען זאָל זי נישט דערקענען.

זי וועט נישט אויסזאָגן, ווער זי איז, ביז זי וועט נישט געפונען די קינדער. די גאַנצע נאַכט האָט זי זייער פיל געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד און פאַר צרות; איר וואָלט זיך שוין אַזוי געוואָלט בלייבן אויף אייביק דאָ ביי אירע עלטערן, נאָר, נאָר איר רייזעלע, שיינדעלע!...

* * *

אויף מאָרגן אינאָוונט ביים טיי, האָבן זיך, ווי תמיד, ביי ר' שמואל בערס טיש אויך געפונען עטלעכע פון די היימישע איינגייערס. ר' שמואל בער איז עפּעס געווען ווי נישט צופרידן מיט זיך און האָט זיך באַקלאָגט פאַר אהרנען.

— מיר האָבן נעכטן גערעדט וועגן אונדזער הקדש. איך האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז איך האָב מורא, איך זאָל פאַר דער יידענע קיין אָרט נישט געפונען. הייַנט בין איך צוליב דער קראַנקער געווען אין הקדש און כאָטש צערייס זיך, איז נישטאָ וועמען אויסצושרייבן. קיינער שטאַרבט נישט און קיינער ווערט נישט געזונט. דערווייל איז געוואָרן נאַכט און איך האָב גאָרנישט אויסגעפירט... אפשר מאָרגן וועל איך איינע אויסשרייבן. הייַנט זעט, וואָס מען טראָגט איבער, אַז מען איז גבאי. יעדער זידלט און זאָגט דעות און מען מוז נאָר שווייגן, ווארים זאָגט מען עפּעס אַ וואָרט, וועט מען דיך באַלד אָפּשיטן מיט קוילן.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט איינער פון די היימישע זיך אָנ־גערופן, — אַז עס איז פאָרט נישטאָ קיין אָרט, וואָס־זשע קענט איר טאָן?

— וואָס איך קען טאָן! עס איז אוודאי שלעכט!... דערווייל ליגט זי ביי מיר. מיין שפרה און די קעכן קלאָגן זיך זייער, אַז זיי קענען פון איר נישט איבערטראָגן. זיי האָבן שוין ביידע קיין קאָפּ נישט פון איר. איך האָב שוין אויף זיי ביידן רחמנות געהאַט, זיי איבערגעביטן

און געזעסן אַ שעה לעבן דער קראַנקער. איך האָב געמיינט, אַז איך באַקום דעם שלאַק פון איר... עפּעס איז זי משוגע, צי וואָס. זי טוט מער נישט, נאָר זי וויינט און לאַכט...

— וואָס הייסט עס? — האָבן אַלע געפרעגט, — וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— זי האָט דעם דאָקטאָר אפילו נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָ קען ער מיט איר גאָרנישט מאַכן. ער וועט שוין אָפּוואַרטן, ביז זי וועט אַריין אין הקדש, דערווייל קו־מען מיר אָפּ.

— וואָס־זשע אַרט איך? לאָז זי וויינען און לאַכן.

— זי לאָזט אָבער קיינעם נישט רוען. זי וואַרפט זיך אויף מיר, אויף שפרהן, כאַפּט זי קושן, וויינען און לאַכן. ווען זי כאַפּט אָן ביי דער האַנט, איז נישט מעגלעך אַרויסצורייסן.

— זי רעדט גאָרנישט? וואָס זאָגט זי? וואָס איז איר קראַנקהייט?

— זי רעדט זייער ווינציק און ענטפערט אַ וואָרט איבער דעם צענטן. ווען די קעכן זיצט לעבן איר, איז זי אַ ביסל שטילער. נאָר די קעכן איז שוין אויך פאַרמוטשעט און וויל נישט זיצן לעבן איר שטענדיק. איצט מוז ווייטער זיצן לעבן איר מיין שפרה... מען האָט מיר צוגע־זאָגט, אַז מען וועט מיר שיקן אַ מענטשן איבער נאַכט. איך וואָלט שוין וועלן, ער זאָל קומען.

צווישן די היימישע האָבן זיך אָנגערופן אייניקע, אַז זיי ווילן איבערבייטן שפרהן. ר' שמואל בער האָט זי זייער געדאַנקט. אהרן איז געגאַנגען דער ערשטער. שפרה האָט אים מיט פיל דאַנק אָפּגע־טרעטן איר בענקל, און אהרן האָט זיך געזעצט לעבן לאהן.

ער האָט זיך פון ר' שמואל בערס מעשיות באַלד פאַראינטע־רעסירט מיט דער קראַנקער און האָט אָנגעהייבן קוקן אויף איר, קיין אויג נישט אַרונטערגענומען.

לאה איז געלעגן אויף איר געלעגער שטיל און אַלץ געענטפערט, וואָס ער האָט געפרעגט. אים האָט הנאה געטאָן, וואָס ער איז אויך אַזאַ גליקלעכער, ווי די קעכן, און דער חולה פירט זיך שטיל.

— איך בין שלאָף, איך בין זייער שוואַך, נאָר איך האָף אין עטלעכע טעג אַרום, ווען איך וועל זיך אויסרוען, וועל איך אינגאַנצן ווערן געזונט!

מער האָט זיך אהרן ביי איר נישט געקענט דערפרעגן און האָט ווייטער געקוקט אויף איר.

פארשטייט זיך, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען, זי זאָל אים דערקענען. זי האָט געקענט אהרקען פאר אַ דאר קליין יינגעלע און איצט איז ער אַזוי אויסגעוואקסן און דערצו נאָך האָט ער געטראָגן אַ געדיכטע באָרד.

לאה האָט זיך פאראינטערעסירט, ווער איז דער מענטש, וואָס איז דאָ אין שטוב, אפשר איז ער אַן איידעם אָדער אַ קרוב, און האָט אים וועגן דעם געפרעגט.

— איך בין דאָ אַ גוטער באַקאַנטער, איך גיי אריין אָפט אהער, — האָט ער געענטפערט.

מער האָבן זיי נישט גערעדט. אהרן האָט אַלץ געקוקט אויף איר. עפּעס איז אים אין איר אַ סך געווען באַקאַנט, נאָר וואָס — איז אים נישט ארויפגעקומען אויף די געדאַנקען.

ווען ער זאָל געווען זען לאהן אין אירע אָרעמע, אַלטע צע־ריסענע קליידער, מיט די גרויסע פרעמדע צעריסענע שיך, וואָלט ער אין איר קיינמאָל גאָרנישט דערקענט. נאָר די קראַנקע לאה האָט איצט אירע קליידער אויף זיך נישט געהאַט.

זי איז געלעגן אין אַ ריינעם בעט מיט ווייסע ליילעכער. דערצו נאָך די אויגן!

אין אַ מענטשן ווערט אַלץ געענדערט: דאָס פּנים ווערט עלטער, די באַקן איינגעפאלן, די נאָז גרעסער און אַמאָל פּונקט פארקערט, דאָס פּנים פולער און שענער, קיין לאַנגע נאָז זעט זיך נישט ארויס. מיט איין וואָרט, אַלץ בייט זיך אין מענטשן, לויט דעם מענטשנס לאגע. נאָר דעם מענטשנס אויגן ווילן פון קיין לאגע, פון קיין שום ענדערונג נישט וויסן. די אויגן בלייבן שטענדיק דיזעלבע, פאר־ענדערן זיך קיינמאָל נישט. די נאַטור, פּונקט ווי דער מענטש, בייט זיך שטענדיק, ווי דאָס וועטער אינדרויסן בייט זיך, אַמאָל איז שיין, וואַרעם, טרוקן, אַמאָל קאַלט, נאַס, אַמאָל אַלץ צוזאַמען. נאָר די זון מיט דער לבנה באַווייזן זיך שטענדיק אין איין געשטאַלט מיט זייער שטענדיקן נאַטירלעכן קאָליר.

אהרן האָט אַמאָל ליב געהאַט די צוויי אויגן. זייער איין קוק פלעגט ביי אים אין הארצן אָנמאַכן אַ גאַנצן שטורעמווינט. איין בליק

זייערער פלעגט זיין הארץ דערוואַרעמען, קאַלט מאַכן און ווייטער דערוואַרעמען.
זיין הארץ האָט פיל יאָרן טאָג-טעגלעך געקלאַפּט איבער די אויגן: האָט ער דען זיי געקענט פאַרגעסן? אָ, ניין! כאָטש די צוויי אויגן זענען אַמאָל געזעסן אין אַ יונגן ליכטיקן געזונטן פּנים און איצט אין אַ פאַרדאַרטן, פאַרשמאַכטן פּנים, האָט אהרן זיי דאָך דערקענט. די פּאָר אויגן, וואָס מען האָט אַמאָל ליב געהאַט, פאַרגעסט מען קיינמאָל נישט. אהרן האָט זיי באַלד דערקענט און האָט נישט געוווּסט, ביי וועמען זיי געפינען זיך. ער האָט זי געפרעגט:
— איר זענט מיר זייער קענטלעך, נאָר איך קען נישט געדענקען, וווּ איך האָב אייך געזען.
לאה איז געוואָרן בלייך און האָט געענטפערט:
— אפשר האָב איך אַמאָל ביי אייך אַ נדבה גענומען.
— ניין, נישט דערפון קענט איר מיר זיין אַזוי קענטלעך.
נאַטירלעך, איז אים אפילו אויף דעם מוח נישט געקומען, אַז דאָס איז לאה. ער האָט זיך גלאַט אינטערעסירט צו וויסן, פאַרוואָס איז אים די אָרעמע יידענע אַזוי גוט באַקאַנט.
אַ קשיא, וואָס עס טרעפט זיך אויף דער וועלט, האָט ער זיך געטראַכט. אפשר איז זי אַמאָל געווען אַ קעכין ביי זיינע עלטערן אָדער ערגעץ אויף די אכסניות, וווּ ער פלעגט אָפּשטיין חדשים-ווייז און איז איצט אַרונטערגעקומען, אַז זי מוז בעטן נדבות.
— זענט איר אפשר געווען אַמאָל אין אדעס?
— יאָ, איך בין געוועזן.
— האָט איר ערגעץ געדינט?
— יאָ.
— אין וועלכער אכסניא?
— אין קיין אכסניא נישט, נאָר ביי אַ באַלעבאָסטע.
אהרן האָט ווייטער אָפּגעלאָזט די הענט און זיך געטראַכט: „איך קען פּראָסט נישט אַוועקגיין. איך מעג שווערן, אַז איך האָב זי ערגעץ געזען און געווען באַקאַנט מיט איר. זאָל זיך עס מיר אויסווייזן?"
דערווייל איז אָנגעקומען די קעכין און געבראַכט עפּעס דער קראַנקער און זי אָנגערופן ביים נאָמען „לאה". אהרן איז בלייך געוואָרן: זאָל עס מעגלעך זיין?
מען זאָגט אַ ווערטל: „וויאַזוי יעדער וויל, אַזוי לייענט ער

דעם בריור״. איינער לייענט איבער פראָסט, וויאַזוי עס איז אָנגעשריבן. דער צווייטער מאַכט פּשטלעך, דער דריטער לייענט צווישן די שורות,

מיט איין וואָרט, יעדער טייטשט דעם בריור, וויאַזוי ער וויל. נאָר יענער, וואָס איז נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין בריור, לייענט אים אָן פּשטלעך.

נישט אהרן און נישט דער גאַנצער עולם פון ר... האָט נישט געמאַכט קיין פּשטלעך און זיך איבערגעפרעגט: ווי קומט די אָרעמע יידענע צו ליגן ביים גבאי אין שטוב? די סיבה איז יעדן געווען גוט באַקאַנט און קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט דערויף.

אהרן, וואָס עס איז אים אויך גוט באַקאַנט געווען די סיבה דערפון, האָט, נאַטירלעך, זיך נישט געוווּנדערט, פאַרוואָס זי ליגט ביים גבאי. נאָר איצט, אַז ער האָט דערהערט דעם נאָמען „לאה״, איז אים באַלד איינגעפאַלן, אַז דאָס, וואָס זי ליגט דאָ, איז נישט אומזיסט.

ער האָט אָנגעהייבן חושד צו זיין, אַז דאָס איז לאה, און איז זייער דערשראָקן געוואָרן, נאָר באַלד נאָכדעם, ווי די קעכין איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט אירע אויגן ווייטער באַגעגנט. ער האָט שוין פון גאָרנישט געטראַכט, דער קאָפּ האָט אים אָנגעהייבן שווינדלען. ער האָט איר גלייך געזאָגט:

— לאה, דאָס זייט איר! גאָט! ווי איר זענט פאַרענדערט געוואָרן!...

יאָ, נאָר אהרן איז געווען דער איינציקער מענטש, וואָס איז אים אימשטאַנד געווען צו דערקענען לאהן ביי איר איצטיקער לאַגע; טרערן האָבן זיך אים אָנגעהייבן צו גיסן פון די אויגן נישט וועגן זיין „ליבע״ — ביי דער איצטיקער טרויעריקער לאַגע האָט עס נישט געקאָנט זיין, נאָר די אַמאָליקע „שטאַרקע ליבע״ צו איר האָט זיך איצט פאַרוואַנדלט ביי אים אין שטאַרקער רחמנות.

לאה האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אים דערקענט. נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט זי דערקענט, איז זי ווי פאַרשטומט געוואָרן. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי שטיל געזאָגט:

— וויאַזוי ווייסט איר, אַז מ׳רופט מיך ,אה?

זי האָט פאַרגעסן, אַז נאָך נעכטן האָט זי אומבאַטראַכט געזאָגט דער קעכין, ווי מען רופט זי.

— איר האָט מיך נישט דערקענט, לאה? — האָט ער זי געפרעגט.

— ניין. אָבער געוויס מוז אין אייך קענען, ווען איר האָט מיך אַ זאַ לאַגע דערקענט.

— איצט הייס איך אהרן, און ווען איר האָט מיך געקענט, האָט מען מיך גערופן אהרקע ר׳ שבתי כמעלניקערע יינגל!

לאה האָט זיך מיט דעם פּנים איינגעגראָבן אין קישן. זי האָט שטיל געוויינט און נישט געקענט אויפהייבן דעם קאָפּ.

מיט אַ צעריסענעם האַרץ אויף שטיקער איז ער געזעסן לעבן איר און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— איך וועל גיין דערציילן די בשורה דיין מאַמען, דיין טאַטן, זיי וועלן זיך דערפרייען! — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהייבן פון בענקל.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט שרעק געזאָגט:

— איך בעט אייך, האָט רחמנות און דערמאַנט קיינעם נישט...

— פאַרוואָס?

— פרעגט מיך איצט נישט, מאָרגן וועל איך אייך אַלץ דערציילן. איצט קען איך נישט רעדן. איך בין איצט דערהרגעט, דערשלאָגן, פאַרווייטיקט און צעבראָכן... איך בעט אייך נאָכאַמאָל, אַז דאָס, וואָס איר ווייסט און וואָס איר האָט געזען, זאָל בלייבן צווישן אונדז. קיינער, חוץ אייך, וועט מיך דאָ נישט דערקענען. איר וועט מיך נאָר דערהרגענען, ווען איר וועט עמעצן עפּעס דערציילן. איך וועל דערפון האָבן נייע אומגליקן. לאָז זיין ביז מאָרגן. מאָרגן וועט איר אַליין וויסן, פאַרוואָס, אויב אייך אינטערעסירט און איר ווילט וויסן...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא איז איר נייטיק, עס זאָל קיינער נישט וויסן. ער האָט מער נישט געהאַט וואָס צו רעדן מיט איר. נאָר צום סוף האָט ער איר געזאָגט:

— לאה, איך זע און קען פאַרשטיין, אַז איר זענט גענוג אומגליקלעך, און איך קען אייך זאָגן, אַז איר קענט פּריער אויף גאָט און דערנאָך אויף מיר פיל האָפן. איך וועל טאָן אַלץ, איר זאָלט שוין מער נישט זיין אַזוי אומגליקלעך. געגוג!...

איינער פון די היימישע אַריינגייערס איז אַריינגעקומען.

— נו ר׳ אהרן, איצט האָלט עס ביי מיר צו זיצן לעבן דער קראַנקער. זי האָט אייך שוין געקענט פאַרמוטשען.

— ניין, איך וועל נאָך אַ ביסל זיצן. דערנאָך וועל איך אייך אַריינרופן, — האָט ער געענטפערט און יענער איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט איצטער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי לאַכט און וויינט און כאַפּט קושן אירע עלטערן.

— אַז איר ווילט, אַז אייערע עלטערן זאָלן נישט וויסן, — האָט ער זי געפרעגט, — פאַרוואָס־זשע פירט איר זיך אַזוי אויף מיט זיי? איר וויינט, איר לאַכט, איר כאַפּט זיי קושן. דערפון וועלן זיי זיך סוף כּל סוף אַליין דערוויסן, און, ווידער, איר מוטשעט זיי גאָר דערמיט...

— מיר איז זייער שווער זיי צו זען לעבן זיך און שווייגן... איך מוטשע זיך זייער, איך פאַל אַריין עפּעס אין אַ מין קראַנקהייט... איך פאַרגעס זיך, נאָר איך האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות, איך זאָל זיי נישט זאָגן... איין גאָט ווייסט, ווי מיר איז שווער... איך וואָלט שוין גערן געזונט געוואָרן...

ער האָט נאָך אַ סך געוואָלט זי פרעגן, נאָר ער האָט געזען, אַז זי עגטפּערט קוים און אַז איר איז שווער, וואָס מען רעדט צו איר.

— לאָז שוין זיין ביז מאָרגן, וועל איך אַלץ וויסן, — האָט ער זיך געטראַכט. — דערווייל דאַרף מען זי פאָלגן, ווי זי האָט מיך גע־בעטן. געוויס איז איר נייטיק, אַז עס זאָל קיינער נישט וויסן.

ער איז געזעסן לעבן איר און גאָרנישט גערעדט. און זי האָט אויך געשוויגן אַ לאַנגע צייט. ערשט אַ סך שפּעטער האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— איר זיצט־נאָך דאָ? איר מעגט שוין גיין אַהיים... קומט מאָרגן וועל איך אייך אַלץ דערציילן... דערציילט נישט קיינעם... צווישן אונדז זאָל עס פאַרבלייבן... איך וועל שוין ליגן רויִק, עס איז מיר אַ סך גרינגער געוואָרן... איך וויל איצט שלאָפן... איך האָב נישט פאַרדינט דעם גרויסן רחמנות, וואָס איר האָט אויף מיר... גאָט זאָל אייך באַצאָלן!... איך קען גאָרנישט, איך בין אָרעם...

לאה איז איינגעשלאָפן און ער איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער.

* *
*

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט ר' שמואל בעןּ איס באַגעגנט, ווען ער איז אַריין אין שטוב. — זי האָט אייך געגוג פאַרמוטשעט. איצט וועט איר וויסן דעם טעם, ווי עס איז אנגענעם צו זיין אַ גבאי ביי יידן.

— ניין, זי שלאָפט איצט זייער רויִק. נאָך מיין מיינונג איז גאָר איבעריק, וואָס איר זיצט לעבן איר. מען דאַרף גאָר בעטן די קעכין, זי זאָל זיצן. די קעכין, ווייזט אויס, ווייסט וויאַזוי אַרומצוגיין אַרום אַ קראַנקן, ווארים לעבן אַ קראַנקן דאַרף מען וויסן ווי אַרומ-צוגיין... נישט ביי יעדן פילט זיך דער קראַנקער רויִק...

ווען די קעכין האָט דערלאַנגט טיי צום טיש, האָט אהרן איר געזאָגט:

— איר וועט זיין אַזוי גוט און זיצן לעבן דער קראַנקער. איך זע, אַז איר ווייסט וויאַזוי זיך צו פירן מיט אַ חולה, דערפאַר וועט מען אייך באַצאָלן פון דעם הקדש, און טאָמער נישט, וועל איך אייך געבן דריי רובל.

חוץ דער קעכין איז שוין קיינער נישט אַריינגעגאַנגען אין שטיבל, וווּ די קראַנקע איז געלעגן.

עלף דעם זייגער איז דער גאַנצער עולם זיך צעגאַנגען. מיט וואָס פאַר אַ האַרץ אהרן איז אַרויסגעגאַנגען פון ר' שמואל בערס שטוב, נעם איך זיך נישט אונטער צו באַשרייבן.

פאַרבייגייענדיק לעבן פיאָדאָר איוואַנאָוויטשעס שטוב, האָט ער דערזען, אַז עס לייכט זיך נאָך דאָרט, און ער איז אַריינגעגאַנגען. אויף דער שוועל האָט ער זיך באַלד דערמאָנט, אַז זי האָט אים גע-בעטן, עס זאָל בלייבן צווישן זיי, נאָר פונדעסטוועגן איז ער אַריינ-געגאַנגען.

ביי פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז שטוב זענען שוין אַלע געשלאָפן, נאָר פיאָדאָר איוואַנאָוויטש אַליין איז נאָך געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט.

ער איז געווען זייער צעפרידן, וואָס זיין גוטער פריינט אהרן איז אַריינגעקומען. ער האָט גערעכנט, ווי תמיד, אַזוי, אינדערשטיל, צווישן פיר אויגן, פאַרברענגען אַ גוטע שעה.

נאָר אהרן איז געווען זייער טרויעריק. פיאָדאָר האָט אים גוט

אויסגעזידלט, וואָס פר אַ״ אַזוי פאַרזויערט און פאַרכמארעט, און האָט אים געשיקט זיך לייגן שלאָפן.

— קום מאָרגן אינאָוונט, אויב ביי דיר וועט זיין אַ גוט וועטער.

ביי אַ שלעכטן לייג זיך שטענדיק שלאָפן.

ביידע גוטע ברודער זענען זיך עפּעס לאַ עליכמדיק צעגאַנגען.

VI

זי האָט זיך אויסגערעדט.

אויף מאָרגן צען אַ זייגער איז אהרן ווייטער געקומען צו ר׳ שמואל בער אין שטוב געוואָר ווערן, וואָס מאַכט די קראַנקע. נאָר ר׳ שמואל בער האָט אים געזאָגט:

— געלויבט איז גאָט, זי געפּטרט... קוים מיט צרות האָב איך היינט געפונען אַן אָרט אין הקדש פאַר איר... געלויבט איז גאָט, עס איז אַ ביסל שטילער געוואָרן אין שטוב...

— איז זי, הייסט עס, שוין נישטאָ? זי ליגט שוין אין הקדש? — האָט אהרן געפרעגט פאַרוואונדערט.

נאָר ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז דער אומגליקלעכער פאָטער ווייסט נישט פון זיין אומגליקלעכער טאָכטער און אַז מען דאַרף דעריבער שווייגן.

ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען אין הקדש.

דאָרט האָט ער זי געפונען ליגנדיק אין אַ שטיבל צוזאַמען מיט נאָך צען קראַנקע.

ער האָט גערעכנט, אַז היינטיקן טאָג וועט ער אַלץ געוואָר ווערן וועגן איר, אַזויווי זי האָט אים צוגעזאָגט.

נאָר זי האָט איצט זייער ווייניק גערערט, געענטפערט איין וואָרט איבער דעם צענטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט דאָ, צווישן אַזויפיל אויגן, איז דער אָרט, זי זאָל קענען רעדן.

ער האָט זיך נאָר געפּרעגט װעגן איר געזונט, צי עס גייט צו איר דער דאָקטאָר און איז אַװעקגעגאַנגען מיט גאָרנישט.

צוליב איר געזונט און צוליב דעם, ער זאָל קענען מיט איר רעדן, האָט ער אָנגעהייבן זיך באַמיען, אַז מען זאָל איר אָפּגעבן אַ באַזונדער שטיבל, נאָר דאָס איז אים אין ר—ער הקדש נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

עטלעכע טעג האָט געדויערט, ביז מען האָט דאָס אויסגעפירט.

אין די עטלעכע טעג איז לאהן פיל בעסער געוואָרן. נאָר זי איז נאָך געלעגן זייער שוואַך, ווי נאָך אַ שטאַרקער קרענק.

אהרן איז געגאַנגען צו איר אַלע טאָג, נאָר ער האָט ווינציק גערעדט מיט איר. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס רעדן זאָל איר נישט שאדן. ביי זיין אַוועקגיין פלעגט זי אים אָנזאָגן, ער זאָל קיינעם נישט דערמאנען וועגן איר, זי וועט אים נאָך אַלץ דערציילן.

אויפן זעקסטן טאָג פון איר קרענק, האָט זי פּלוצלונג אָנגעהייבן רעדן מיט אים וועגן דעם, אַז זי וואָלט שוין געוואָלט אַרויס פון הקדש.

— איר זענט נאָך זייער שוואַך, — האָט ער געענטפערט. — ווי קענט איר נאָר גאָר וועגן דעם טראַכטן? איר דאַרפט זיך נאָך דאָ אָפּרוען עטלעכע טעג.

— ניין, איך האָב קיין צייט נישט אַזוי לאַנג צו ליגן. איך דאַרף פאָרן, איך דאַרף גיין!

ער האָט געמיינט, אַז זי רעדט פון היץ, און האָט זי געבעטן, זי זאָל אויפהערן צו רעדן, ווייל עס שאדט איר זייער.

— ניין, איך מעג שוין איצט רעדן. איך בין שוין געזונט... מאָרגן וועל איך זיך אויסשרייבן פון הקדש.

ער איז נאָכמער פאַרוואונדערט געוואָרן: ווו איילט זי זיך? ווו וויל זי לויפן און גיין?

— לאה! — האָט ער זי אָנגעהייבן צו בעטן. — ביז וואַנען וועל איך נישט פאַרשטיין און נישט וויסן, וואָס עס קומט פאַר מיט אייך? פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַמאָל אייער ערשטער פריינט געווען, און איצט אַוודאי... וואָס-זשע באהאַלט איר זיך פאַר מיר? וואָס-זשע דערציילט איר מיר גאָרנישט? איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צו דערציילן... איר האָט מיך געבעטן, איך זאָל קיינעם נישט דערמאנען וועגן אייך. איך האָב אייך געפאָלגט. איך מיין, טאָמער וועל איך

זיין בכּוח אייך צו טאָן אַ טובה. דעריבער וויל איך, איר זאָלט מיר אַלץ דערציילן.

• • •

עס קען זיין, אַז די גאַנצע צייט, וואָס אהרן האָט זיך גע־פֿונען לעבן איר בעט, האָט זי זייער ווינציק געטראַכט וועגן אהרקען, וועלכער איז איר אַמאָל געווען אַזוי איבערגעגעבן, נאָר איצט, ווען ער האָט זי דערמאַנט, האָט זי זיך אויך דערמאַנט, ווי אין אַ גוטן חלום, וואָס האָט זיך איר לאַנג, גאַנץ לאַנג, נאָך קינדערווייז געחלומט.

זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן און וואָס האָב איך אייך צו דערציילן? איך בין די אומגליקלעכסטע פֿון אַלע... אַ פֿאַרפֿאַלענע אויף אייביק...

— וואָס רעדט איר, וואָס פֿאַלט איר ביי זיך אַזוי אַראָפּ? זענט איר דען איין אומגליקלעכע? מען דאַרף אייך העלפֿן. גאָט וועט אייך העלפֿן. איר האָט נאָך עלטערן, איר האָט נאָך גוטע פֿריינט...

— די גאַנצע הילף פֿון אַלעמען און פֿון וועמען איר ווילט איז שוין צו שפּעט... הילף קען נאָר גוט זיין אין דער צייט, אָבער נישט ווען זי פֿאַרשפּעטיקט... איך וואָלט נאָך געוואָלט, איך זאָל אַרויס ווי צום גיכסטן פֿון דעם הקדש: אויב איר ווילט אויף מיר נאָר רחמנות האָבן, זעט, אַז מען זאָל מיך אַרויסלאָזן פֿון דאַנען.

— נאָר איך פֿאַרשטיי אייך נישט — איך פֿאַרשטיי נישט איין וואָרט, וואָס איר רעדט. פֿאַרוואָס פֿאַרשפּעטיקט? הילף איז קיינמאָל נישט צו שפּעט; און, ווידער, וואָס איילט איר זיך אַזוי? וווּ דאַרפֿט איר פֿאָרן? וואָס האָט איר קיין צייט נישט? פֿאַרוואָס ווילט איר זיך נישט לאָזן דערקענען צו אייערע עלטערן און גוטע פֿריינט? דאָס אַלץ איז פֿאַר מיר אַ גרויס רעטעניש.

זי האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט, אים אָנגעקוקט נאָכאַמאָל

און געוועך, אַז לעבן איר געפינט זיך אירער אַן אמתער פריינט, וואָס איז איר איבערגעגעבן און איז גרייט פון אירט וועגן צו טאָן אַלץ.

זי האָט זיך ווידער דערמאנט אין דעם אַמאָליקן אהרקען און האָט זיך נאָכאַמאָל ביטער צעוויינט.

— איך וועל אייך אַלץ דערציילן, אַלץ... איך בין נישט ווערט, איר זאָלט מיך אַפילו אויסהערן. איך בין אַ פאַרפאַלענע, אַ פאַר־דאָרבענע...

— איר וויינט אומזיסט און האָט אַ טעות, ווען איר מיינט, אַז איך קוק אויף אייך, ווי איר שטעלט זיך פאָר. איך זע אין אייך קיין שום שלעכטס נישט. איך זע נאָר אַן אָרעמע אומגליקלעכע פרוי, וואָס טראָגט אויף זיך פיל צרות און דאַרף האָבן הילף. איך בין גרייט אייך צו העלפן, מיט וואָס איך וועל נאָר קענען...

— איך דאַרף נישט קיין הילף, נאָר מיין קינד דאַרף האָבן הילף... מיין קינד דאַרף מען אַרויסראַטעווען. צוויי קינדער...

— וואָס ? ?...

— זיי קען מען העלפן, פאַר זיי איז נאָך איצט די צייט צו העלפן... מען האָט זיי פאַרקויפט... לאָזט מיך... איך וועל לויפן...

זי האָט אָנגעהייבן אַראָפּצוקריכן פון בעט. ער האָט נישט גע־לאָזט. ער האָט געזען, ווי זי איז שטאַרק צעמישט און האָט זי באַרויִקט.

— מיינט נישט, אַז איך בין נאָך קראַנק און רעד פון היץ. איך בין שוין געזונט. איך רעד, ווייל עס טוט מיר וויי. איך לעב פאַר מיין קינד. איך וועל אייך אַלץ דערציילן.

און לאה האָט אים ווירקלעך אַלץ דערציילט, ווי עס איז אויס־פירלעך באַקאַנט די לעזער פון דער גאַנצער דערציילונג.

ווען זי האָט געענדיקט, האָט אַ סך געדויערט, ביז אהרן איז געקומען צו זיך.

— און אייער טאָכטער רייזעלע איז אויך פיאָדאָר איוואַנאָ־וויטשעס קינד ?

— יאָ, מיין אומגליקלעך קינד ! נאָר דערמאנט מיר נישט זיין נאָמען. איך וויל נישט, ער זאָל זיך אָנרופן דער פאָטער פון מיין קינד. איך בין איר מוטער. צוליב איר נאָר לעב איך. זי איז נאָר מ יי ן קינד.

— פּונוואַנען־זשע זענט איר אַזוי זיכער, אַז זי מיט ר׳ זלמינעס טאָכטער געפֿונען זיך אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע?

— איך בין זיכער, אַז מען האָט זיי פֿאַרקויפֿט ווי מיך אַמאָל. איך ווייס עס. אין די צען יאָר, וואָס איך האָב זיך געוואַלגערט צווישן אָרעמעלייט, האָב איך זיך אָנגעהערט פֿון דעם מסחר פֿיל שרעקלעכע זאַכן. נאָר נאָכמער בין איך געוואר געוואָרן פֿון אההרקע סיבירניק.

— ווער איז דער אההרקע סיבירניק?

— איר האָט אַוודאי פֿאַרגעסן, דאָ איך ד... אויף דער טויטער גאַס האָט זיך געפֿונען אַ גנב אההרקע סיבירניק. איר האָט אים אַוודאי געקענט. ער פֿלעגט אויך אַרומגיין אין די הייזער. מיט אים האָב איך זיך פֿלוצלונג באַגעגנט פֿאַר צוויי יאָרן אין דער שטאָט יאַסי. ער איז אויך געגאַנגען מיט אונדזערע אָרעמעלייט. כאָטש ער איז אַ פֿאַר־דאָרבענער מענטש, נאָר ווען ער האָט מיך דערקענט, ווער איך בין און געזען מיך אין אַזאַ לאַגע, האָט ער זיך צעוויינט און האָט באַ־קומען אויף מיר שטאַרק רחמנות. עטלעכע מאָל אין טאָג פֿלעגט ער מיט פֿאַרוויינטע אויגן באַדויערן: ס׳טייטש, פֿון לאה ר׳ שמואל בערס טאָכטער זאָל אַזוי ווערן!... איך האָב זיך אויך דערפֿרייט מיט אים. איך האָב די גאַנצע צייט נישט געזען פֿאַר מיר קיין באַקאַנטן. מיר זענען געוואָרן די בעסטע גוטע פֿריינט. מיינע צרות, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, האָבן מיך אויסגעלערנט, איך זאָל אין אַ גנב אויך געפֿינען אַ שטיקל מענטש. אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר זיך געפֿונען אין איין קאָמפּאַניע. מיר איז טאַקע געוואָרן אַ סך גרינגער. ער פֿלעגט שטענדיק אויף מיר רחמנות האָבן. פֿון די אַלע סכּסוכים, וואָס פֿלעגן זיך, ווי דער שטייגער איז, מאַכן צווישן מיר און די אָרעמעלייט, פֿלעגט מיך סיבירניק פֿאַרהיטן. איך האָב זיך דעמאָלט געפֿילט גליקלעך, וואָס איך האָב אַזאַ גוטן פֿריינט. אין יענער צייט, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, האָב איך אים דערציילט מיין גאַנצע לאַגע און ער מיר אויך. ער האָט מיר אויך דערציילט ווי די נאַכט, ווען אים בין פֿון מיינע עלטערן אַוועקגעגאַנגען, האָב איך, ווי עס ווייזט אויס, פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן דאָס פֿענסטער, אָדער דער ווינט האָט עס גע־עפֿנט. ער איז דעמאָלט געגאַנגען גנבענען אַ פֿערד, וואָס האָט זיך געפֿונען ביי אונדז און ווען ער ׳האָט דערזען אַן אָפֿן פֿענסטער, איז ער אַריינגעקראָכן און האָט אונדז באַגנבעט! צווישן די גנבות האָט

ער אויך פאַרשלעפּט מיינעם אַ בריוו, וועלכן איך האָב אָנגעהייבן צו שרייבן צו מיינע עלטערן און אין וועלכן איך האָב זיי דערקלערט מיין אומגליק. סיבירניק איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געוואר געוואָרן פון מיין סוד און האָט אַלץ וועגן מיר איבערגעגעבן כייקע דער קורלאַפּניטשקע, אָדער כייקע דער מעקלערין מיט איר קאָמפּאַניע און זיי האָבן מיך געזוכט, ווי מיט ליכט.

— ווער איז די כייקע מיט איר קאָמפּאַניע?

— קען דען זיין, אַז איר זאָלט זי נישט קענען? זי לעבט נאָך איצט אויך. איך האָב זי אַליין געזען אין דער „ראַבער מורליטשקע".

— כייקע די מעקלערין, דעם רויטן בעל-עגלהס מוטער, וואָס האָט אויף דער טויטער גאַס דעם שענק? איך קען זי, וואָס-זשע איז?

— אָט פון דער כייקע מיט דעם רויטן בעל-עגלה האָט מיר סיבירניק דערציילט, אַז זיי זענען אין איין קאָמפּאַניע מיט די גרויסע אדעסער סוחרים, וואָס פאַרקויפן מיידלעך אין די אַלע ווייסטע ערטער.

לאה האָט אים אָנגעהייבן באַקענען מיט די אַלע סוחרים און מיט כייקען. ער האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן. ער איז געוואָרן בלאַס.

— יאָ, איר זענט גערעכט, די אומגליקלעכע קינדער האָבן זיי פאַרקויפט. נאָר נישט די צוויי קינדער אַליין. איצט פאַרשטיי איך: די אומגליקלעכע, וואָס דער רויטער בעל-עגלה האָט רחמנות געהאַט אויף איר... לאה, איך מוז גיין. איך וועל מאָרגן זיין ביי אייך. ווו געפינט זיך איצט דער סיבירניק? ער וואָלט מיר זייער צונוץ געקומען.

— איך ווייס נישט, ווארים נאָכדעם, ווי מיר זענען צוזאַמען אַ יאָר געווען, האָט זיך אים פאַרגלוסט ווייטער עפּעס צו גנבענען. מען האָט אים געכאַפּט און אַרעסטירט... געוויס געפינט ער זיך איצט אין סיביר, ווארים ער האָט מיר דערציילט, אַז פאַר אַ גרויסער גנבה אין ר... האָט מען אים פאַרשיקט קיין סיביר, נאָר ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין רומעניע, און איצט, אַז מען האָט אים געכאַפּט, האָט מען אים געוויס אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד. ווייטער ווייס איך נישט פון אים...

ווען אהרן האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט זי אים אָפּגעהאַלטן:

— ווען וועט מען מיך שוין אויסשרייבן פון הקדש? איך וויל מער דאָ נישט ליגן. איך וויל גיין מיינע קינדער געפינען. גאָט ווייסט, ווו זיי געפינען זיך שוין...

ער האָט זיך אַ ביסל באַטראַכט.

— לאה! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול. — איר דאַרפט נישט גיין און קענט גאָרנישט טאָן. איר זענט אָרעם און קראַנק, און זענט נישט אימשטאַנד אַרויסצוהעלפן אומגליקלעכע. איר זענט אַליין צופיל אומגליקלעך. איר דאַרפט זיך אָפּרוען, איר זאָלט ווערן געזונט... איר וועט נאָך אַ סך לעבן. עס וועט אייך נאָך זיין גוט. איר וועט נאָך אַ סך גוטס זען. איר לעבט נישט אומזיסט און זענט נישט קיין פאַרפאַלענע, ווי איר מיינט. איר האָט פאַר מיר אַ נייע וועלט געעפנט... איר וועט אַלץ שפּעטער וויסן. ביז אַהער איז אַלץ געווען פאַר יעדן פינסטער. איצט איז אַלץ אָפן, א סך דערציילן דאַרף איך אייך נישט, עס איז איבעריק... איך קען אייך נאָר זאָגן, אויב עס וועט נאָר זיין אַ מעגלעכקייט, וועט איר גיך זען אייער קינד און ר' זלמנס טאָכטער אויך.

נישט מיט איר קול האָט זי עפּעס ווילד אויסגעשריען פאַר פרייד. זי איז שיעור פון בעט נישט אַראָפּגעפאַלן און זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. זי איז אַריינגעפאַלן אין גרויס היץ און גערעדט פון פייער...

ער האָט געזען, אַז ער האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער, וואָס ער האָט עס איר אַזוי פּלוצלונג געזאָגט.

ער האָט אַזויפיל נישט געוווּסט, אַז דאָס קען אויף איר אַזוי שטאַרק ווירקן. ער איז שוין נישט אַוועקגעגאַנגען, ביז דער דאָקטאָר איז געקומען.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ווען זי זאָל נישט זיין אַזוי שוואַך, וואָלט דאָס באַלד איבערגעגאַנגען, נאָר איצט וועט עס מוזן דויערן אַ טאָג.

ווי דער שטייגער איז האָט ער באַרויִקט אהרנען, אַז זי וועט גיך איינגאַנצן ווערן געזונט.

VII

דער סוף פון דער באַנדע.

אַכט טעג זענען אַוועקגעגאַנגען פון דער צייט אָן, ווען אהרן האָט לאהן געזאָגט, אַז אויב עס וועט נאָר זיין אַ מעגלעכקייט, וועט זי איינגיכן זען איר קינד און ר׳ זלמינעס טאָכטער אויך. און עס האָט אים זיך ווירקלעך איינגעגעבן פון אַלץ געוואָר צו ווערן.

אין אָנהייב, ווי נאָר ער איז פון לאהן געוואָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ לייט עס זענען כייקע מיט איר זון, דעם רויטן בעל-עגלה, האָט ער זיך באַלד דערמאַנט אָן דעם אומגליקלעכן מיידל רחל, וואָס איז אַנטלאָפן פון דעם סטעפּקיווער פּאָגראָם, און ער, צוזאַמען מיט די פאַרשוינען פון דעם רויטן בעל-עגלה, האָבן זי באַגעגנט אין וועג און זי מיטגענומען.

ער האָט אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער בעל-עגלה האָט אים אַזוי איינגערעדט, אַז דאָס מיידל זאָל דערווייל בלייבן ביי אים און ער וועט זי אָפּפירן צוריק אַהיים.

מיט איין וואָרט, אין די אַכט טעג איז ער געוואָר געוואָרן, ווער די רחל איז, ווי איר רייכער חתן סאלאמאן זוכט זי, ווי מיט ליכט, און געפינט זיך צוליב דעם אין אדעס, ווייל ער האָט געהאַט וועגן דעם אַ שטיקל ידיעה, אַז איבער די פּאָגראָמען זענען אַ סך יידישע טעכטער געוואָרן אָרעם און עלנט, און דער שרעקלעכער מסחר אין אָדעס האָט זיך אָנגעהייבן צו פירן גרעסער, אַזוי, אַז מען האָט וועגן דעם שטאַרק גערעדט אין די הויכע פענסטער.

די רעגירונג האָט אויך פון דער צייט אָנגעהייבן באַקומען אַ סך ידיעות וועגן דעם מסחר, און אין דער אדעסער געהיים-פּאָליציי האָט מען פאַרמערט די צאָל אַגענטן.

בכלל איז די געשיכטע מיט דעם רייכן סאלאמאנס כלה, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, געווען באַקאַנט יעדן אין דער גאַנצער געגנט פון ר...

אהרן האָט באַלד איבערגעגעבן פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן, אַז לאה

איז דאָ אין ר... אויף אים האָט דאָס בייס נישט ווייניקער געווירקט, ווי אויף אהרנען.

— קען דאָס זיין? — האָט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש מיט ציטערניש געפרעגט. — און אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע, זאָגסטו, געפינט זי זיך איצט? זי ליגט אין הקדש!... מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג נאָר, בין איך גרייט דער אומגליקלעכער צו העלפן. לאָמיר גיין צו איר, איך וויל זי זען. איך וועל פאַלן פאַר איר, זי בעטן און וויינען, זי זאָל מיר מוחל זיין. איך בין גרייט אויף אַלץ.

— זי ווייסט נישט, אַז דו ביזט דאָ. איך האָב דערמאָנט דיין נאָמען, נאָר זי וויל נישט מער הערן פון דיר.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט. ער האָט נישט געקענט רעדן פאַר גרויס איבעררעשונג און שרעק, און האָט אַלע וויילע איבערגעחזרט:

— זי וויל מיין נאָמען נישט דערמאָנען! זי וויל פון מיר נישט וויסן... יאָ, זי איז דאָך אָבער גערעכט...

ער האָט זיך איצט געפילט אומגליקלעכער און נידעריקער פון דער אָרעמער לאה!...

אהרן האָט זיך דערשראָקן פאַר אים.

ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען אין אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד. עס האָט אים זייער באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אים גאָר אויפגעבלאָזן זיינע אַלטע וואונדן.

נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלן. ער האָט שוין געמוזט אים ווייטער דערציילן.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט עס פון אים געפאָדערט און ער האָט אים נישט געקענט אָפּזאָגן, און ווידער האָט ער געדאַרפט האָבן פיאָדאָרן, ער זאָל אים מיטהעלפן צו פאַרגרינגערן און אפשר אויך גליקלעך מאַכן די אומגליקלעכע לאה.

און ער האָט אים איבערגעגעבן אַלץ, וואָס לאה האָט אים דערציילט, אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, איבערגעליטן און איבער־געטראָגן.

— און שטעל זיך פאַר, — האָט אהרן גערעדט. — זי וויל זיך נישט לאָזן דערקענען צו אירע עלטערן, צו אירע פריינט. אַ גליק, וואָס איך האָב זי דערקענט.

— דאָס איז שרעקלעך! פאַרוואָס איז זי אין כעס אויף אירע עלטערן?

— ניין, דו האָסט אַ טעות. צו די עלטערן האָט זי גאָרנישט, נאָר איבער צוויי סיבות וויל זי זיך צו זיי דערווייל נישט דערקענען. ערשטנס, זאָגט זי, אַז זי וויל נישט אויפרייסן די אַלטע וווּנדן, לאָזן זיי זיך לעבן כאָטש אויף דער עלטער רויִק. און, צווייטנס, וויל זי, אַז קיינער זאָל איר נישט שטערן צו געפונען איר קינד. זי לעבט נאָר פאַר איר קינד, אירע עלטערן, וואָלטן נישט דערלאָזט...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— וואָס פאַר אַ קינד? זי האָט דען אַ קינד? זי האָט דען אַ מאַן?

— ניין, זי האָט נישט קיין מאַן. איר קינד דאַרף שוין איצט זיין אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן און אפשר פופצן... — האָט אהרן געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נאָר באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט:

— דאָס קינד איז מיין טאָכטער!... וווּ איז זי? ווי-זשע איז זי פאַרפאַלן געוואָרן? זאָג, וואָס איז זי? קוועל מיך נישט, איך וועל גיין צו איר, איך וועל איר זאָגן, אַז איך בין איר פאָטער, זי איז מיין טאָכטער... איך וועל קענען שוין לעבן רויִק... איר מוטער וועט אויך זען, אַז איך בין נישט אַזאַ מערדער, ווי זי האַלט מיך...

אהרן האָט אים דערציילט, און וואָס פאַר אַ שרעקלעכע הענט זיין טאָכטער מיט ר' זלמינעס טאָכטער געפונען זיך. ער האָט אים אויך באַקענט מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע סוחרים.

— דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, — האָט אהרן געזאָגט, — ווי גליקלעך די אומגליקלעכע מוטער וואָלט זיך געפילט, ווען זי זאָל קענען זען איר קינד. קראַנקערהייט רייסט זי זיך פון בעט. זי וויל אַלץ לויפן און גיין.

— איך האָב אומגליקלעך געמאַכט לאהן און איך מוז זי גליקלעך מאַכן! מיט אַלץ בין איך גרייט איר אומקערן איר טאָכטער, אויב זי לעבט נאָך. זאָל זי זען, זאָל זי וויסן, אַז איך בין נישט אַזאַ מערדער...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש מיט אהרנען האָבן זיך גענומען ערנסט דערצו, און באַלד איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע פון כייקען מיט דעם רויטן בעל-עגלה דעם „סליעדאָוואַטעל”.

די אונטערזוכונג האָט אַלעמאָל באַקומען מער נייע פאַקטן. זיי

האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם מסחר שוין אַ סך יאָרן און האָבן אַ סך אומשולדיקע מיידלעך אומגליקלעך געמאַכט.

וועגן דעם פאַקט, וואָס רחל איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, האָט אהרן מיט נאָך עדות דערוויזן, אַז זי האָט זיך געפונען ביי כייקען אין שטוב.

דורך אַ סך בריות, וואָס ער האָט געפונען, האָט מען זיך דערוווּסט, ווי לעדערבערג פון אדעס מיט זיין גאַנצע חברה זענען פאַרמישט אין פאַרקויפן די דריי מיידלעך.

נאָכמער האָט געעפנט די אויגן אהרקע סיבירניק, וועלכן מען האָט אַרויסגערופן פון סיביר פאַר אַן עדות. ער האָט מיט פייער דערציילט פון אַלע פאַרברעכנס אין דעם נידעריקן מסחר.

סאלאמאנען, רחלס חתן האָט דער „סלעדאָוואַטעל״ אַרויסגערופן קיין ר... און ער האָט זיך אויף דעם אָרט איבערצייגט, אַז זיין ליבע רחל איז פאַרפאַלן געוואָרן דורך מערדערישע הענט.

צוזאַמען מיט פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן האָט ער כמעט אַוועקגעוואָרפן זיינע געשעפטן און זיך נאָר אָפּגעגעבן מיט דער אונטערזוכונג, זיי זאָלן קענען דערגיין, ווו די אומגליקלעכע קינדער געפונען זיך. נאָך פיל מי, געלט און צייט, דורך פעיִקע אַגענטן פון דער געהיימפּאָליציי, האָט מען די קינדער געפונען אויף דעם דאַמפּער „צעסאַרעוויטש״, וואָס איז כמעט אַלע שבת געגאַנגען פון אדעס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

צוויי יונגעלייט, אַגענטן פון די סוחרים, האָבן זיי אַוועקגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קינדער, נעבעך, האָבן אַליין נישט געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ שרעקלעך אָרט מען פירט זיי.

איצט איז דער גאַנצער מסחר מיט פרויען קלאָר געוואָרן פאַרן „סלעדאָוואַטעל״.

VII

ד ע ר ה י ד ד י

לאהן איז נישט בעסער געוואָרן. עס איז איר געוואָרן ערגער. זי איז געלעגן אין גרויס היץ און זייער ווינציק גערעדט, חוץ וואָס אַלע מינוט פלעגט זי אויפהייבן דעם קאָפּ און פרעגן:

— ווו איז מיין קינד? ווו איז רייזעלע? ווו איז שיינדעלע? איך וויל זיי נאָר איינמאָל צוקוועטשן צום האַרצן...

און ווען קיינער האָט איר נישט געענטפערט, האָט זי ווייטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין קישן, די אויגן האָבן געפלאַמט און געבלאָנדזשעט, ווי גלייך זיי האָבן עפּעס געזוכט.

אַזוי פלעגט געדויערן, ביז זי פלעגט זייער מיד ווערן און איינדרעמלען אויף עטלעכע מינוט, און דערנאָך ווייטער פרעגן:

— ווו זענען די קינדער?

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען זייער פרי און געשיקט עטלעכע פון אירע גאָלדענע שטראַלן אין דעם שטיבל פון דער קראַנקער, האָט זי זיך אויפגעהייבן פון בעט און אַ קוק געטאָן אין פענסטער, און צום ערשטן האָט זי דערזען די פרימאָרגנדיקע זון.

זי האָט הייניטיקס מאָל נישט געפרעגט, ווי איר שטייגער איז געווען, אויף די קינדער. זי האָט זיך עפּעס דערפרייט מיט דער זון, זי האָט נאָר שטיל געזאָגט דער באַקאַנטער אַלטער יידענע, וואָס האָט אָפּט געגעבטיקט און געטאָגט ביי איר בעט:

— אינדרויסן אויף דער וועלט איז נאָך אַזוי שיין און איך האָב געמיינט, אַז עס איז פינסטער... וועט טאַקע זיין אַזוי שיין דערנאָך אויך?

— ווען דערנאָך?... — האָט די אַלטע יידענע געפרעגט.

— דערנאָך... שפּעטער... ווייטער... וועט זיין שענער...

די אַלטע יידענע האָט נישט געענטפערט און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין דעם איינענעם טאָג האָט אהרן אַריינגעפירט צו איר אין

שטיבל עטלעכע פרעמדע מענטשן מיט זייער פרייליכע פנימער. זיי האָבן אַלע געוואָלט זיך וואַרפן מיט ליבשאַפט צו דער קראַנקער, נאָר די אַלטע יידענע האָט נישט געלאָזט. זי האָט געזאָגט, אַז די קראַנקע איז זייער שוואַך.

אהרן האָט אָבער געגלייבט און געהאָפט, אַז ער וועט זי מיט עטלעכע ווערטער געזונט מאַכן. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און שטיל געזאָגט:

— היינט ביינאַכט בין איך געקומען, אייער טאָכטער רייזעלע איז איצט לעבן אייך...

ווען ער האָט אָבער געזען, ווי זי רירט זיך קוים, האָט ער ווייטער אָנגעהייבן רעדן:

— ר׳ זלמינעס טאָכטער שיינדעלע שטייט אויך לעבן אייך...

אַז די אַלטע יידענע האָט נאָר דערהערט די איר שוין באַקאַנטע ליבע נעמען, האָט זי זיך שטיל צוגערוקט צו די קינדער. זי האָט זיי געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי האָט געוואַרט פריער אויף דער מוטער.

די קינדער זענען אויך געשטאַנען און צוזאַמען מיט פרייד און מיט טרערן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער קראַנקער.

סאלאמאן מיט זיין ליבער כלה רחל, וואָס זענען געקומען אַחער כמעט זען די, וואָס האָט זיי ווייטער גליקלעך צוזאַמענגעפירט, זענען געשטאַנען אין דער זייט לעבן בעט, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז ווי האַלב-טויט געשטאַנען לעבן רייזעלען.

לאה האָט לאַנגזאַם אומגעקערט די אויגן צו זיי און עטלעכע מינוט אָן ווערטער געקוקט אויף אַלע, — אויף אַלע פיר ווענט, אויף יעדער זאַך אָפּגעשטעלט וואַסערדיקע אויגן און ווי עפּעס יעדע זאַך גוט באַטראַכט. די אויגן זענען געשווינד געשווימען פון איין אָרט אויף דעם צווייטן.

פלוצלונג האָט זי מיט אַ משונהדיקן שמייכל אויסגעצויגן ביידע נאַקעטע אויסגעדאַרטע הענט.

רייזעלע מיט שיינדעלען האָבן זיך געלאָזט צו איר. זי האָט זיי אַרומגענומען און אָן ווערטער מיט די לעצטע כוחות ביידע צוגעדריקט צו זיך.

— מאַמע! — האָט רייזעלע שטיל געזאָגט.

פון דעם וואָרט האָט זיך אויף לאהס פנים ווייטער באַוויזן דער פריערדיקער משונהדיקער שמייכל, פונקט ווי אַלע שטראַלן פון דער

זון האָבן זיך אָפּגעשטעלט דערויף. אַזוי ליכטיק האָט געשיינט דער שמייכל אויף איר אויסגעטרוקנטן, גלעזערנעם פּנים.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט לאה אַרויסגעלאָזט די קינדער פון אירע אָרעמס און האָט שטיל געזאָגט:

— איך וויל זען מיינע טאַטע מאַמע... איך וויל, זיי זאָלן מיר מוחל זיין...

אהרן איז באַלד געלאָפן נאָך ר' שמואל בערן מיט זיין ווייב.

באַלד זענען זיי צוזאַמען מיט אהרנען געקומען צולויפן. ר' שמואל בער איז געווען זייער פאַרסאַפּעט. די פּיאות זענען געפלויגן און האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען, די יאַרמלקע איז שיעור אַליין נישט אַרויסגעפלויגן פון היטל.

שפרהן זיין ווייב האָט פּשוט געשוימט פון מויל, דאָס קאָפּ-טיכל האָט זיך כמעט צעבונדן. זיי האָבן געוואָלט טאָן אַזוינס, וואָס זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט.

נאָר ווען שמואל בער האָט דערזען די קראַנקע, האָט ער זיך מיט גרויס שרעק אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— דאָס איז מיין טאָכטער!.. דאָס איז לאה!.. וואָס שטייט איר דאָ אַלע און שווייגט?.. איר זעט נישט, ווי זי שטאַרבט... לאָז גיכער איינער מיט איר כאָטש זאָגן ווידוי... לאָז איר כאָטש גאָט מוחל זיין פאַר אירע זינד... ווו איז ערגעץ אַ סידור?.. ווו איז ערגעץ מיין סידור... שפרה!..

— אוי, רבונו של עולם! לאָז איר גאָט כאָטש מוחל זיין... זי איז דאָך מער נישט ווי אַ בשר ודם... פון ערד, רבונו של עולם, און פון אַש... — האָט שפרה געזאָגט און איז געלאָפן ברענגען אַ סידור...

און דערווייל האָט ר' שמואל בער אָנגעהייבן זאָגן מיט איר ווידוי אויסנווייניק. נאָר לאה האָט נישט נאָכגעזאָגט...

מען האָט זי אָנגעהייבן בעטן און דערקלערן, אַז וויבאַלד מען זאָגט אָפּ ווידוי פאַרן טויט, קומט מען אויף יענער וועלט ריין ווי גינגאָלד: אַ העלפט עבירות, וואָס דער זינדיקער מענטש האָט געזינדיקט, שענקט מען...

— דאָס איז אַ טייערע זאַך... נישט יעדער מענטש איז זוכה זיך צו דערמאַנען און אָפּזאָגן ווידוי... — האָט ר' שמואל בער גע-

זאָגט און ווייטער אָנגעהייבן זאָגן שוין פון סידור, וועלכן שפרה האָט געבראַכט.

לאה האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און עפּעס אָנגעוויזן אונטערן קישן. אהרן, וואָס איז שוין געווײנט געוואָרן מיט דער קראַנקער, האָט אין איר פאַרשטאַנען, אַז זי וויל נישט הערן קיין ווידוי.

ער האָט צוגענומען דעם סידור.

— מיין ווידוי ליגט ביי מיר צוקאָפּנס. איך וועל מער נישט לעבן... איך פיל זיך אָן כוחות. איך וויל נאָכזאָגן. דאָרט ליגט מיין גאַנצער ווידוי...

פון אונטערן קישן האָט אהרן לאַנגזאַם אַרויסגענומען איר טאָרבע מיט וועלכער זי איז צען יאָר אַרומגעגאַנגען אין די הייזער...

אהרן האָט צווישן אַ סך פאַרבונדענע פּאַפּירלעך און קניפּלעך אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן זי האָט אָן ווערטער, נאָר מיט דער האַנט אָנגעוויזן.

אהרן האָט אויפגעוויקלט דאָס שטיקל פּאַפּיר און באַלד פאַר זיך איבערגעליינט אין אָנהייב די ווערטער:

בוקאַרעשט דעם ...טען, ...18.

ער האָט באַלד דערקענט, אַז עס איז לאהס כתב.

— איך וויל נאָכזאָגן... — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

אהרן האָט גאַנץ שטיל געליינט און זי האָט וואָרט ביי וואָרט נאָכגעזאָגט און מען האָט עס קוים געהערט.

דאָס איז געווען די געשיכטע פון איר פאַרפירונג און דער לאַנגער צעטל פון אירע צרות: די גרעסטע אָפּקומעניש אויף דער וועלט.

אַז אהרן האָט אויפגעהערט צו לייענען, האָט ער צוריק איר אָפּגעגעבן דאָס שטיקל פּאַפּיר. זי האָט עס געקנייטשט אין דער האַנט. דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך געפונען ביי איר אין שטיבל, האָט די גאַנצע צייט קיין האַלב וואָרט נישט אויסגערעדט.

עס איז געווען אַ טרויעריקע שווייגנדיקע סצענע. ביי יעדן האָבן זיך די אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. רייזל און שיינדל האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָבן אויסגעשריען מיט אַ געוויין:

— מאַמע! איצט שטאַרב נישט. איצט דאַרפסטו נאָך לעבן. מיר וועלן ערשט איצט זיין גליקלעך!

— טייערע לאה! — האָט שיינדל נישט אויפגעהערט זיך צו רייסן בײַ די האָר. — איך האָב אָן אײַך נישט פֿאַרגעסן. איך האָב אײַך באַלד דערקענט אַן אײַערע אויגן. איך האָב שטענדיק געבעטן בײַ גאָט, איך זאָל אײַך נאָך אַמאָל זען...

פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען אָן אַ קאָפּ. ער האָט אַליין נישט געפֿילט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט; לאהס עלטערן האָבן שטיל געוויינט, אהרן האָט געהאָפֿט, אַז עס וועט איבערגיין.

דער דאָקטאָר, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט אים פֿאַר־זיכערט, אַז עס קען זײַן, אַז עס וועט איבערגיין, און אים דערציילט פֿון אַ סך אַזעלכע פֿאַלן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין זײַן ראַנגיאָרי־קער פּראַקטיק.

— שטילער לאָז זײַן. — האָט ר׳ שמואל בער זיך אָנגערופֿן, ווײַל ער האָט באַמערקט עפּעס אַ פֿאַרענדערונג אויף דער קראַנקערס געזיכט. — איר זעט נישט, ווי אונדזער געוויין ווירקט אויף איר זייער שלעכט? לאָז זײַן שטילער...

אַלע האָבן מיט אַלע כּוחות זיך אײַנגעהאַלטן און עס איז אין שטיבל געוואָרן שטיל, ווי אין אַ קבֿר. זיי האָבן נאָר געקוקט אויף דער קראַנקערס געזיכט.

פּונקט ווי די בערגלעך שניי צעגייען אין אַ נאַסן וועטער, אַזוי האָט אויך צו ביסלעך אָנגעהייבן אָפּצעמעקן פֿון איר געזיכט די גע־שטאַלט פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן.

דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך פּלוצלונג געוויזן אין פּנים. דער־נאָך האָט עס גיך אָנגעהייבן אָפּצעלויפֿן אין פֿאַרשידענע זײַטן און איבערגעלאָזט נאָך זיך בלייכע טויטע שטיקלעך הויט...

נאָך אַ זיפֿץ, און דאָס גאַנצע בלוט איז שוין אָפּגעלאָפֿן. אַלע, וואָס זענען געווען לעבן דער אומגליקלעכער אביונטע, האָבן שטיל געזאָגט:

— ברוך דיין האמת!

זי איז געשטאָרבן...

פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש איז אין גרויס שרעק אַרויפֿגעפֿאַלן אויף רייזעלען און אויסגעשריען מיט טרערן:

— איך בין דײַן פֿאָטער און דו וועסט זײַן מײַן קינד!

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט...

סאלאמאן מיט רחלען האָבן זיך אָן ווערטער אַרומגענומען און ייער ביטער געוויינט, וואָס דער מענטש, וואָס האָט זיי נאָכאַמאָל צוזאַמענגעפירט אויף אייביק, ליגט פאַר זיי טויט.

אייביק וועלן זיי זי אָבער נישט פאַרגעסן...

אהרן מיט שיינדלען זענען געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט.

די אַלטע יידענע מיט לאהס מוטער האָבן די טויטע באַוויינט.

— איך דאַרף נאָך לעבן, — האָט געשריען די אַלטע יידענע, — און אַזאַ יונג מענטש דאַרף שטאַרבן! איך בעט דיך, גאָט, נעם צו מיינע לעצטע יאָרן און גיב זיי איר אַוועק. לאָז זי ווערן נאָכאַמאָל לעבעדיק. איך שענק איר מיינע יאָרן במתנה גמורה...

נאָכדעם, ווי ר' שמואל בער האָט זיך אויסגעוויינט שטיל, ווי אַן ערלעכער ייד, איז ער באַלד אַוועקגעלאָפן צו דער חברה־קדישא, מען זאָל דעם מת וואָס צום גיכסטן צונעמען, כדי ער זאָל מער נישט אָפּקומען אויף דער וויסטער זינדיקער וועלט.